STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01066

# MAYDANEK

## Mordecai Strigler

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Belle & Reba Cohen*
*in memory of*
*Abe Cohen*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי שטריגלער

# מאַידאַנעק

בוך איינס פונעם ציקל

„אויסגעברענטע ליכט"

די הכנסה פון דעם דאָזיקן בוך איז באַשטימט פאַר

דער הילפס-אַרבעט פונעם פוילישן יידנטום.

# דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו


## ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן - י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּויקן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (איינדרוקן פון א רייזע)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ
16) קינדער־מארטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פארטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פארצייכנונגען פון א פּליטה)

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
אברהם טייטעלבוים: מיין ווארשע
ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געשען... (חורבן־ווארשע)
יוסף אָקרוטני: אין קלעם
י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
ד״ר יצחק שיפּער: קאַפּיטלען געשיכטע
צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן.
שלמה וואַגאַ: חורבן טשענסטאָכאָוו
לעאָ פינקעלשטיין: מגילת פּוילן
א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
פּ. בימקאָ: אמאָל אין פּוילן

מרדכי שטריגלער

# מאידאנעק

בוך איינס פונעם ציקל
„אויסגעברענטע ליכט"

מיט א פאָרוואָרט פון
ה. לייוויק

★

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
פאַרלאַגס-לייטער: א ב ר ה ם  מ י ט ל ב ע ר ג
בוענאָס־איירעס, 1947.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
M. Schtrigler, París.

M. SCHTRIGLER

# MAIDANEK

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Impreso en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN, Corrientes 1976
Buenos Aires, 1947.

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

# אויסגעלאָשענע ליכט צינדן זיך ווייטער אָן

מרדכי שטריגלערס בוך „אויסגעברענטע ליכט" (מאַי־דאַ־נעק) באַדאַרף נישט קיין הסכּמה. ס'טראָגט די הסכּמה אין זיך אַליין.

ס'דאַרף אויך נישט קיין רעקאָמענדאַציע צוצוגעבן דעם לייענער אַ חשק צו לייענען עס. וואָרום ווי נאָר דער לייענער וועט עס אָנהייבן לייענען, וועט ער שוין נישט קאָנען זיך אָפּשטעלן. אַזוי איז אויך געווען מיין דערפאַרונג.

נישט דערפאַר ווייל דאָס בוך איז זיס.

ניין, גראָד דערפאַר ווייל דאָס בוך איז ביטער — שאַרף ביטער. אָבער פון יענער שאַרפער ביטערקייט וואָס שלאָגט אָפּ מיט אַלע פייערדיקייטן פון דעם מענטשנס גורל־גהינום.

און שטריגלער איז געווען אין פאַמע גהינום — אין היטלערס גהינום; ער האָט דאָרט געזען עפּעס אַזוינס וואָס האָט צו טאָן נישט נאָר מיט היטלערן, נישט נאָר מיטן נאַצי־דייטש, נאָר מיטן סאַמע מין מענטש. ער האָט געזען דאָס גרויליקסטע אין דער גרויליקסטער לענגסטער נאַכט, און — ער האָט אויך געזען דעם ייד אין דער לענגסטער נאַכט, און — אויך זיך אַליין אין דער דאַזיקער נאַכט.

ער איז נישט איין מאָל געשטאַנען ביי דער סכּנה אינגערלעך געניזוקט צו ווערן, — די סכּנה וואָס איז שוואַרצער פון טויט און פון אומקום אַליין, אָבער אַ זכות, זיינער אַן אייגענער זכות, זיינער אַן אייגענער וואונדער־כּוח, איז אים בייגעשטאַנען.

ער איז אַרויס גאַנץ, אַן אינערלעך־געראַטעוועטער, אָבער אַן אָנגעלאָדענער מיט גרויל־דערפאַרונגען, מיט נסיונות־רייפקייטן, מיט זעאונגען וואָס זיינען ראוי צו ווערן אַנטפּלעקונגען. די אָנגעלאָדנקייט הויערט איבער זיינע אויסגעליטענע יונגע פּלייצעס און טרייבט אים מיט אַן אימפּעט דורכצולעבן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל דאָס דורכגעגאַנגענע, דאָס דורכגעליטענע. ער יאָגט ווידער מיט דער גרויסער אָנגעלאָדנקייט איבער די גהינום־לאַבירינטן און מיר — נאָך אים.

זיינע חושים זיינען וואַך, ווונדיק־אָפן. אויך אַזוי זיין זכרון. ער באַוועלטיקט אונדז און ציט אונדז מיט. מיר קאָנען זיך נישט אָפּשטעלן. מיר מוזן אים נאָכגיין. מיר מוזן זען וואָס ער אַנטפּלעקט פאַר אונדז. דאָס אומהיימלעכסטע. מיר מוזן עס זען.

כ׳זאָג נאָכאַמאָל: שטריגלערס „מאַידאַנעק" באַדאַרף נישט קיין הסכמה. מיינע עטלעכע באַגלייט־ווערטער זיינען אַן אויסדרוק פון אנערקענונג צו אַ יונגן קאָלעגע, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן פון אונטערן חורבן מיט אַ ברענענדיקן דורשט פון אַ מין שליחות נישט צו רוען ביז וואַנען ער וועט אונדז אַלעמען נישט אָנפילן מיט זיינע איבערלעבונגען.

ער איז באַרופן דערצו.

„אויסגעברענטע ליכט" רופט שטריגלער אָן דעם ציקל. אָבער מיט דער דאָזיקער אויסגעלאָשנקייט צינדט שטריגלער אָן נייע ליכט — אי ליכט פון הזכרה, אי ליכט פון גלויבן, אַז דאָס סאַמע פינצטערסטע איז נאָך אַלץ נישט די סאַמע לעצטע דערפאַרונג אונדזערע.

נאָך מער — די אויסגעלאָשענע ליכט אַליין צינדן זיך ווייטער אָן.

ה. לייוויק.

ניו־יאָרק, יולי, 1947.

## אַריינפיר פון מחבר

שוין אַ יאָר צייט אַז דער מחבר פון דעם בוך איז באַפרייט געוואָרן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אין משך פון דער צייט האָט ער זיך צוריק גענומען צום שרייבן זיינע לידער, פּאָעמען און פּאָליטישע אַרטיקלען. עפּעס אַ באַהאַלטענע מורא האָט אים נישט געלאָזט זיך צורירן צו די זעקס יאָר זיינע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין אַזויפיל געטאָס און קאַצעטן... ער האָט ווי געשראָקן זיך נאָכאַמאָל זיך אָנצוטרעפן מיט די אַלע איבערלעבענישן און זיי נאָכאַמאָל זען פּנים אל פּנים... ער האָט געוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, אפשר וועט ווער ס'איז קומען און וועט די שווערע אויפגאַבע נעמען אויף זיך; ער וועט דאַן נישט דאַרפן זיך נעמען צו זיין גרויסער לאַסט און אויפדעקן אַ דור אַזוי נאַקעט ווי עס איז פאַקטיש געווען... ער האָט אָפּגעוואָרפן יעדע פּראָפּאָזיציע צו שרייבן זכרונות, לייענענדיק אַלץ וואָס ווערט געשריבן איבער דעם, וואָס ס'איז געשען, גלייבנדיק אַז אונדזער גרויל־תקופה וועט שוין איר תיקון אַזוי אַרום באַקומען. ליידער איז עס ביז איצט נישט געשען... ס'איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז אויך איבער אונדזערע קדושים דאַרף מען שרייבן ווי וועגן מענטשן מיט בלוט און מיט פלייש, וואָס זייער מענטשלעך געשטאַלט בלויז איז געשענדעט געוואָרן טויזנט מאָל אַ טאָג... אַלץ וואָס ס'איז וועגן אונדזער תקופה געשריבן געוואָרן, איז בלויז געווען אַן אַרומגיין אַרום דעם פּינטל. דאָס סאַמע עיקרדיקע האָט מען צוליב דעם נישט אַרומגעזען. און עפּעס דאַרף דאָך דערציילט ווערן וועגן דעם אינערלעכן

ווי, דעם טיפן פסיכאָלאָגישן געראנגל און אזוי־מענטשלעכן ווייטיק פון א דור אין שווידערלעכן פארגיין... און דער מחבר האָט מער נישט געקענט. מיט אַ שווער הארץ, אָן אינערלעכן ציטער אוז מיט א קללה אויף די ליפּן פאר די וואָס האָבן אונדז געפירט אויף די וועגן — נישט בלויז פון פיזישער, נאָר אויך גייסטיק־לאנגער גסיסה — זעצט ער זיך טאָן זיין איבערמענטשלעך־שווערן חוב. אָנשטאָט, ווי אלע יונגע מענטשן פון זיין עלטער ביי אנדערע פעלקער, צו שרייבן וועגן זון, לופט, ליכט און לעבנס־פרייד האָט דער אומברחמנותדיקער גורל אים באשטימט צו ווערן דער כראָניקער פון זיין הייליקן פאָלקס אומקום... דאָס פאָלק פאר וועמענס אויפבוי ער האָט מיט פרייד געוואָלט אוועקגעבן זיין יוגנט און זיין לעבן.

גרוים איז אָבער די אחריות. מען מוז זיי פאראייביקן. די וועלט, אפילו די יידישע, ווייסט נאָך גאָר נישט פון דעם, וואָס עס איז פאקטיש פאָרגעקומען! און זי מוז עס וויסן! מיט אלע פּינטעלעך... ווייל אויך דער געראנגל פאר א ברויט־ביסן, דאָס אריינשמוגלען א שטיקל גאָלד, דער טאָגטעגלעכער און מינוט־מינוטיקער גורל־פּיין, אין וועלכן מ׳האָט אָפּט פארגעסן דעם מענטש אין זיך, אויך אָט דאָס איז געווען דער קידוש־האדם, דער אויסדרוק פונעם מענטשמארטירער; פונעם יי ד ־ ק ד ו ש — גראָד אין דעם טיפּישמענטשלעכן, אין דעם קליינלעך־טעגלעכן ליגט דער העראָס פונעם גרויסן קדושת־השמדיקן פארגיי פון אַ פאָלק, וואָס איז ווי מ ע נ ט ש ן געגאנגען צו דער שחיטה...

דער מחבר וויל נישט דערציילן בלויז וועגן גבורהדיקע מעשים, ער וויל נישט בלויז דערציילן וועגן הימל־הויכע איינצל־פאקטן — ווייל דערמיט וועט מען וועגן ז י י, די פאַקטישע קדושים, גאָרנישט דערציילן, נאָר בלויז וועגן אבסטראקטע געשטאלטן, וועלכע זיי האָבן נישט פארקערפּערט... זאָל זשע אָט דאָס בוך — ווי די ווייטערדיקע טיילן — וואָס דערציילן אלץ וועגן זיי, וואָס כאַפּט אויף יעדן צאפּל זייערן, יעדן עליה און ירידה זייערע אין די לעצטע מינוטן, זיין די אמתע מצבה אויף זייער פארשוווּנדן געביין...

ער ווייסט, דער מחבר, אז אפשר וועלן א סך דערוואַרטן בלויז

מלאכים-שילדערונגען — און אויך דאָס האָט אים אָפּגעהאַלטן פון פאַרעפנטלעכן זיינע שילדערונגען ביז איצט — ער וויל אָבער זיין טריי די, וואָס זענען אומגעקומען בלויז צוליב דער רשעות פון אנ-דערע. ער וויל שרייבן בלויז וועגן זיי און בלויז זיי — ווי זיי זענען געווען — וויל ער פאַראייביקן און נישט די וואָס עמעץ וויל זען אין דער פאַנטאַזיע... טאַקע דערפאַר ווערן די ביכער זיינע גע-שריבן אָט אַזוי, ווי זיי זענען. זאָל זייער הייליק-מענטשלעכער אָנ-דענק דערמיט געהייליקט ווערן. און זאָלן זייערעביים לעבן-גע-שענדעטע נשמות אויסשרייען זייער אָנקלאגע קעגן די רוצחים פון גוף און נשמה ביז אין דער טיפקייט פון אלע צייטן...

**מרדכי שטריגלער.**

פאַריז, אין מאי 1946.

ערשטער טייל

# מאַידאַנעק

# קאַפּיטל איינס

I

אין יענער נאַכט איז עפּעס אַלעמען באַפאַלן אַן אומרו. שוין זייט װאָכן זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע קלאַנגען, אַז אונדזער אַרבעטס־לאַגער אין זאַמאָשטש װעט ליקװידירט װערן. פון פאַרשידענע קלענערע לאַגערן אין דער אומגעבונג זענען אָנגעקומען ידיעות, איינע גרויליקער פאַר דער אַנדערער. עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע „אַקציע" פון אויס־רייניקן די לעצטע רעשטלעך פון די געבליבענע יידן אין לובלינער געגנט. ביינאַכט זענען די שטעטלעך אַרומגערינגלט געװאָרן און אויסגעליידיקט — ביז דעם לעצטן ייד. דער הוראַגאַן האָט זיך גענומען איבערטראָגן אויך פון איין לאַגער איבערן צװייטן. אינגאַנצן אַרום איז געװאָרן אַלץ פּוס־טער און פּוסטער. יעדעס מאָל איז געקומען אַ פרישע ידיעה:

— אויסגעשאָסן אַלע יידן פון לאַבונעק!

— מ'האָט „ליקװידירט" איזשביצע!

— קראַשניק! — — — —

און דאָס בלוט איז יעדעס מאָל פאַרגליװערט געװאָרן אין די אָדערן אויפסניי.

בלויז אונדזער לאַגער איז נישט גערירט געװאָרן. מ'האָט זיך יעדן טאָג געריכט דערויף. אַלע זענען גרייט געװען אויפצונעמען דעם גורל װאָס שפּאַצירט אַרום מיט זיין פייערצונג פון אָרט צו אָרט; מ'האָט שוין אַלע חשבונות אָפּגעשלאָסן און דאָס געמיט איז געװאָרן װי פאַרשטיי־נערט. עס האָט אָבער אויסגעזען, אַזוי װי מען װאָלט אין אונדז פאַרגעסן.

ווידער גייט די אַרבעט נאָרמאַל. און די ס. ס. דרייט זיך ווייטער אַרום מיט די זעלבע כמורנע פּנימער און — שווייגן... און אַזוי לויפן טעג פאַרביי, וואָכן... פול מיט אָנגעצויגענער געשפּאַנטקייט.

שוין. אַלץ אַרום איז שוין „יודנריין“ און בלויז מיר זענען געבליבן ווי אַן אינזעלע אין מיטן אַן אָפענעם, פרעמד־צעשטורעמטן ים. — וועט אויך קומען אונדזער ריי? קיינער צווייפלט נישט דערין. אַ גרויסער טייל האָט שוין פאַרלוירן דאָס געדולד פון לעצטן נערוו און וואַרטן אויפן מאַשינגעווער ווי אויף דעם איינציקן גואל. די אַנדערע שושקען זיך אין קליינע גרופּקעלעך צווישן די הויכע, פאַרוואַנצטע לאַגער־בעטלעך אין דער באַראַק־טיפעניש. מ׳קלערט פּלענער.

— אַנטלויפן! אַנטלויפן!...

די ליפן חזרן שוין איבער דאָס וואָרט ווי מעכאַניש, אין פּחד פאַר עפּעס ערגערס ווי דער טויט...

קיינער האָט נישט קיין קלאָרן פּלאַן: וווהין? וועט אַפילו געלינגען זיך אַוועקצודרייען פון דער אַרבעט און אַרויס אויף „דער פריי“, וועט דער ערשטער בעסטער פּאָליאַק אַרויסגעבן אויפן וועג. פאַר די אויגן שטייען אויף גאַנצע רייען פון יונגען, גבורים! אין פאַרשידענע לאַגערן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אַדורכצושלאָגן דורך די וועגן ביז צו די זשוויערזשעניצער וועלדער, בכדי זיך אָנצושליסן אין די פּוילישע פּאַרטיזאַנער און שפּעטער, אין עטלעכע טעג אַרום, האָט מען געפונען זייערע טויטע קערפּערס, נאַקעטערהייט, אָדער מיט אַן איבערגעלאָזטער שמאַטע אויפן גוף, אַרויסגעלייגט אויפן קליינעם שטעגל, ביים וועלדל, מיט אַ קליין פּויליש צעטעלע, וואָס האָט זיך שטאָלץ באַרימט:

„...געפּאַלן, אָבער נישט פון דייטשע הענט...“

אָבער דאָס ביסל צאַפּלדיקע לעבן וויל נישט וויסן פון קיין חשבונות. מען שפּירט, אַז אָט דאָ ענדיקט זיך אַלץ... און דאָס לעצטע ביסל וואַרעמע בלוט קלאַפּט אָן האַסטיק אין אַלע מחשבה־טירן אויף אַלאַרם: זוך! טו עפּעס! אויף ווען וואַרטן!?... ווערט מען צעריסן צווישן דעם אינסטינקטיוון טריב וואָס וועקט, זאָגט אָן אין אַלע אברים די געפאַר וואָס קומט אָן, וואָס הענגט איבער די קעפּ... און צווישן קאַלטן שכל וואָס פּסקנט אָפּ

אַנטשלאָסן: נישטאָ וואָס צו מאַכן! פאַרשפּאַרט זענען אַלע אויסוועגן און דער טויט ליגט זיך אומעטום צעלייגט ווי ביי זיך אין דער היים... רעדט מען זיך אָן, לאָדנט מען אויס דאָס גאַנצע ביסל אומרואיקע ענערגיע אין די פּלענער, אין די רייד אַרום דעם ראַטעווען זיך, לויפן און נקמהדיקן פּאַרטיזאַנעווען... מען ווייסט ביי זיך אַליין, אַז מען וועט גאָרנישט טאָן, אַז מ׳וועט וואַרטן אַזוי לאַנג, ביז דאָס וואָס דאַרף קומען, וועט פּלוצלינג אַ מעכטיקן זעץ טאָן אין לאַגער-טויער... און אַלץ וועט רואיק גיין, ווהין דעם טויטס באַהעלמטע שלוחים וועט זיך גלוסטן אָוועקצופירן... מ׳וויל אָבער אָט די איניקסטע געוויסהייט פאַרשרייען, פאַרטויבן... מ׳שעמט זיך מודה צו זיין פאַר זיך אַליין, אַז מען האָט שוין לאַנג שלום געמאַכט מיטן גורל. סודעט מען זיך אַזוי לאַנג, ביז די מאָנענדיקע שטים, אין די איי־גענע טיפן, ווערט פאַרגאַפט און מיד. ביז מען רעדט שוין אויס אַלצדינג וואָס ס׳איז געווען אויסצורעדן און יעדער איינער פאַרקריכט צוריק אין זיין אייגענעם פאַרעיפּושטן ווינקל אַזוי ווי נעכטן, אַזוי ווי פאַראַכטאָגן...

פון ערגעץ־ווו האָט עמעץ געבראַכט צו טראָגן אַ פאַרטרויליכן טער־מין: ד ע ם א י י נ א ו נ ד ר יי ס י ק ס ט ן! און מיט אַ שווערדן־שאַרף האָט עס אַ שניט געטאָן אין אַלע מוחות: דעם 31סטן! דעם 31סטן! מיט אַן אָן ווערטערדיקער תפילה האָט יעדער איינער זיך געבעטן ביי די אייגענע האַרץ־טיפענישן, ביים לעצטן ביסל שכל, אָדער ביים בלייכן סילועט פון אַ קליגערן חבר: — ה ע ל ף ! — ג י ב אַ ן ע צ ה ! אָבער אַלץ איז פאַרשוויגן געוואָרן, אי דאָס אייגענע האַרץ איז ליידיק ביזן גרונד און אי די חכמה ביים חבר איז אָפּגענומען — — —

גייט מען בייטאָג ווייטער צו דער אַרבעט און ביינאַכט קומט מען צוריק אין די פאַרלייזיקטע באַראַקן. מען עסט אָפּ שווייגנדיק און לאַנג, לאַנג קוקט איינער אָן דעם צווייטן, ביז מען וואַרפט זיך איבער מיט א יי ן וואָרט, מיט איין זאַץ בלויז, וואָס האָט אין זיך איינגעפּרעסט אַלע רייד און אַלע כוונות:

— שוין דער 29סטער!

— דער דרייסיקסטער!...

מ׳איז שוין מיד געוואָרן פון וואַרעמען טאָג נאָך טאָג די שרעק אין

די גלידער און אינעם שווארצאפל פון אויג. האט מען געוואָרט אזוי — נישט ווארטנדיק אויף גארנישט מער.

און א נאכט האט זיך אנגעהויבן ווי אלע נעכט אין לאגער. א פאר־רויכערטע פון באראק־אייוועלע, און פארשווארצטע פון סוף־חודשדיקייט. די אימה בלויז, מיט א דערשטיקט מויל און א פארשטופטע אין א טיפן הארץ־ווינקל, האט דאס לעצטע מאל נישט דרייסט א וואָרן געטאָן:

ד י  נ א כ ט  צ ו ם  31סטן!

## II

ארום 12 ביינאכט זענען אלע אריבערגעטראגן געוואָרן אין אן אנדער־רער וועלט אריין. עפּעס זענען די דאזיקע נאכט די אוקראיינישע וואך־פאסטנס נישט אריינגעקומען שכורערהייט אין שלאף־באראק אריין. זיי האבן אפילו פארגעסן אריינצוגיין, א פריילעכן רודער צו טאָן אין דעם שכנותדיקן פרויען־באראק — האט יעדער דערפאר די געלעגנהייט זיך אפצונעמען ביים חלום, דאס וואס דאס ווארע לעבן האט ביי אים צוגע־רויבט. נאר די היינטיקע רו איז מאדנע פארדעכטיק און פיינלעך. ס'איז שוין  צ ו  פ י ל  רואיק. דאס הארץ האט זיך שוין אזוי צוגעוווינט צו דער „נארמאלער" ביינאכטיקער שרעק, ביים אריינפאלן פון שכורע וואך־פאסטנס, אז ס'איז שוין געוואָרן א מין נארקאטישע נויטווענדיקייט. אי־נעם אנבליק פון די, אין וועמענס הענט דו ביסט הפקר, הייבט אן דאס איינגעדרימלטע ביסל לעבן אויפסניי צו קלאפן אין די גלידער; מען שפירט א צאפלדיקע מורא פאר עפּעס, אבער דערביי פרייט זיך עמעץ מיפער פאר דיר אליין און דאך  א י ן  דיר... ווייל דו ווייסט דערמיט גלייכצייטיק, אז דו האסט נאך עפּעס, דו פארמאגסט נאך אזוינס, איבער וועלכן מען דארף ציטערן און דערמיט פארזיכטיק צו זיין...

אין דער עלנטקייט ווערט דער אפטער פחד דער איינציקער וועקער פון פארגליווערטע לעבנס. און דו געוווינסט זיך צו צום ממשותדיקן פחד־גערויש, ווי צו א פריינט. און איצט, ווען ס'איז אזוי שטיל, ווערט אויך

גלייכצייטיק פּוסט אַרום דיר. עס פעלט עפּעס דאָ. אַזוי ווי עס וואָלט זיך געבענקט נאָך דער סכנה-עמאָציע, וואָס לויערט פון אַ נאָענט־שטייענדיקער שכורער ביקס. די הילפלאָזיקייט ווערט נאָך אימהדיקער אין דעם נאַכט־נעכטלעכן גרויל־טומל.

דאָס דערשראָקענע שנאָרכן פון מידע אָטעמס זעגט זיך איין אין דער טונקעלער באַראַק־שטילקייט מיט אַ גרילץ. דאָ און דאָרט בלויז זיצט נאָך אַ געבויגענער שאָטן אויפן בעטל־ראַנד, אַ פאַרטראַכטער, גאָרנישט טראַכטנדיק דערבײַ...

אַ שאָטן אַנטקעגנאיבער מיר ווינקט זיך איבער מיט מײַנעם:

— מאָטל?

אַ שטיקל וואָרט ברעכט זיך אָפּ פון מײַן מידער פוילקייט:

— וואָס איז?

און ווידער קומט אַ שטיל וואָרט צו רייטן אויפן רוקן פון אַ פאַרשלאָפענעם כריפּ פון מײַן בעטל־שכן:

— וואַרט!...

מײַן חבר'ס דאַרער גוף צעווינט זיך איבער מיר מיט אַן אומבאַקאַנטן אומרו. זײַנע גרויסע לויפנדיקע אויגן עסן זיך איין אין מיר ביז די טיפסטע טיפענישן. אין דער טונקל גלאַנצן זיי שדיש, משוגע... כ'ווייס נישט אין פאַרנעפּלטער פאַרפאַלנקייט, ווער עס רעדט: דאָס מויל זײַנס? די אויגן? די הענט אָדער די בגדים זײַנע? אַ שיטערער פאַרהאַנג איז מיר ווי אויפגעהאַנגען איבערן געדאַנק. כ'שפּיר בלויז ווי זײַנע ווערטער נעמען מיך אַרום ווי מיט צוואַנגען:

— מאָטל... אפשר דאָך? אפשר נאָך היינט?

זײַנע פינגער טייטלען דערבײַ דורכן פאַרקראַטעוועטן באַראַק־פענצטערל אויף די שטעכיקע דראָטן ביים פּלויט...

כ'האָב שוין הונדערט מאָל געהערט די פראַגע און דעם פּלאַן, און טויזנט מאָל שוין אַליין געטראַכט דערוועגן. דער ענטפער איז שוין ביי מיר אַליין אַזוי קלאָר, אַז די ליפּן דאַרפן זיך מער ביים געדאַנק נישט אָנפרעגן, נאָר יעדעס מאָל ענטפערן זיי אַליין:

— אוממעגלעך!

אָבער איצט בין איך שוין צופיל מיד. דער געדאַנק איז אַזוי פאַר־טונקלט, אויסגעזויגן, אַז ער קען נישט מער אַרויסברענגען אויף די ליפּן דאָס איינציקע, מעכאַנישע וואָרט פון רעזיגנאַציע. שווייג איך. מיין חבר נעמט עס אָן פאַר אַ סימן פון הסכמה. מונטערט ער מיך ווייטער מיט זיין גליאיקער אומגעדולד:

— ביסטו הייסט עס גרייט? זאָל איך אַרויסגיין אַ בליק טאָן צו די שטאַכעטן?

נישט וואַרטנדיק אַפילו אויף קיין ענטפער, שאַרט ער זיך אַרויס פון באַראַק. אַ מינוט בלייב איך אַליין צווישן בלויז שלאָפנדיקע. אַ ניכטערנע וואַכזאַמקייט טרייסלט מיך אויף. כ׳פיל זיך אַזוי ווי כ׳וואָלט געווען אויף אַ בית-עולם. איך הער קוים אין זיך די אייגענע פראַגע: — שלאָפן זיי בלויז, אָט די מענטשן פון אַרום, אויף די קבֿרימדיקע בעטלעך?

די געשפּירטע סכנה וואָס האָט זיך געקנוידערט חדשים לאַנג אין דער לופט, צווישן די בעטן און אין די ווינקלען, האָט זיך פּלוצלינג דער־פילט דרייסטער. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט נידעריקער און מיט אַ פליגל מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ... אַזוי ווי אַלע שלאָפנדיקע וואָלטן זייער גאַנצע בייטאָגיקע שרעק איבערגעלאָזט אויף דער דאָאיקער, וואַכער וועלט. די אַלע שרעק-ברעקלעך האָבן זיך דערפאַר צוזאַמענגענומען און צוזאַמענ־געקנאָטן זיך אין איין גוף. נישט קענענדיק זיך אַדורכרייסן דורך דעם שלאָפּס ווייטע גרעניצן, האָט זיך דער גאַנצער שוואַרץ־מחשבהדיקער קאָ־לאָס אַ וואָרף געטאָן צו מיינע פיס, ווי צו אַ גואל. אַלע מידע ווענט וואָס האָבן געפּענטעט מיין געדאַנק זענען איינגעפאַלן מיט קראַך. אַ קלאָרע שטים האָט אַריינגעשריגן אין מיטן מיין הויפּט-פינטל: ד אָ   א י ז   ד ע ר   ט ו י ט ! כ׳בין וואַך געוואָרן און זיך געוווּנדערט אויף מיר אַליין: פאַרוואָס האָב איך עס ביז איצט נישט געזען? וויאַזוי קען מען עס לעבן אין אַ וועלט וו מען שלאָפט   אָ ט   אַ ז ו י   אַ ! ? די סכנה אַליין צעלאַכט זיך פון יעדן ווינקל אַרום איבער מיין מאַכטלאָזער דער־קענטעניש. מיין מוח ווערט פּלוצלינג רעדעוודיק און איך הער אים אויס מיט ביידע אויערן:

— ...ניין! ער וועט לאַנג נישט האַלטן, דער דייטש, אַ לאַגער מיט

מענטשן, פון וועלכע די מידקייט שרייט אַראָפּ און פון וועמענס אויג עס קוקט כסדר אַרויס דער פּחד... רעדט נישט די אינטואיציע אַליין אַרויס פון זייער מויל וועגן דעם טויט וואָס דאַרף זיכער קומען? כ'דערשפּיר זיך דאָ פּלוצלינג ווי אַ פרעמדער, אַן אונטערגעוואָרפענער. אַ שוויים באַגיסט מיך: װ אָ ס  ט ו  א י ך  ד אָ? װ אָ ס  ט ו  א י ך  ד אָ ! ? פון אַלע זייטן שרייט עס צו מיר: אַ נ ט ל ו י פ ן! אַ נ ט ל ו י פ ן! אָן אַ „וווהין?" אַפילו. אַבי דאָ מיט אַזעלכע מיד־שלאָפנדיקע נישט זיין צוזאַמען!...

מיין חבר האָט זיך דערװייל צוריק אַריינגעשאַרט דורך דער טיר. די טריט זיינע האָבן איבערן וועג שוין פאַרלוירן דעם פיבערדיקן אימפּעט און זיינע אויגן זענען פונעם דרויסן איינגעלאָשן געוואָרן. ער האָט אויסגעזען שלאַבריק און פאַרחלשט. ווען ער איז נעענטער צוגעקומען, האָט ער בלויז אַ יאָמערלעכן פּאָך געטאָן מיט ביידע הענט ווי אַ געשאָכטענע גאַנז מיט די פליגל און קוים פון זיך אַרויסגעבראַכט אַן אָפּגעריבענעם, פאַרצווייפלטן קלאַנג אַזעלכן:

— צ ו  ש פּ ע ט ! — — — —

ווי אין אויפרעגונג און אין הינערפּלעט צוזאַמען האָט ער דערציילט:

— אַ פאַרשטאַרקטע וואַך אַרום דעם לאַגער... יעדער צווייטער טריט — אַ פּאָסטן. דאָסמאָל דרימלט נישט קיינער פון זיי, אָנגעלענט אויף דעם וואַך־ביידל... דורך דער קליינער שפּאַרע פון פּלויט האָט ער געזען ווי אַלע אויגן זענען אָנגעשטעלט צום לאַגער — — —

ווייס איך נישט, וועמען האָב איך דאַן געוואָלט באַרויקן: אים אָדער זיך? און אפשר האָב איך נישט געוואָלט באַרויבן די טויטע אויף די געלעגערס פונעם לעצטן שמייכל, וואָס זיי זעען ביי זייער קינד אין חלום? די געדאַנקען האָבן שוין דאַן געפּייפט אויף יעדן קאָנטראָל און זיך אַרומשפּאַצירט איבערן מוח, ווי עס איז זיי ווילגעפעלן... נישט הערנדיק אַפילו די אייגענע רייד, האָב איך צו אים גערעדט, זיך געבעטן ביי אים: ש ט י ל! ש ט י ל ע ר . . . ז יי  װעלן זיך אויפוועקן!

נישט וויסנדיק אַליין דערפון, האָט עמיץ אין מיר געשפּירט, אַז ס'האָט געשלאָגן די לעצטע שעה פון דער נאַכטיקער שטילקייט. איצט האָב איך

זי געוואַלט אויפהאַלטן נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע, כּל-זמן אַלץ וועט נישט קומען פון זיך אַליין...

און די שעהן האָבן זיך געלאָזט איינוויגן, ווי קינדער וואָס האָבן פריער לאַנג געוויינט.

### III

האַלב דריי. עפּעס אַ געשטאַלט, האַלב נאַקעט, קריכט אַראָפּ פון אַ גאָרנדיק בעטל און לאָזט זיך אַרויסגיין מיט קלעפּנדיקע רעשטלעך פון וואַרעמען שלאָף אויף די אויגן. דער קלאָזעט איז האַרט ביי די דראָטן — נעבן אַ פּאָסטן-ביידל, און עס איז אַ שאָד די פּאָר מינוט גאַנג — וואָך צו זיין. שאַרן זיך די פיס — גייענדיק און די אויגן טוען זיך ווייטער פ'זייעריקע.

דאָס אַריינקומען זיינס צוריק איז שנעל און אויפגערודערט. אַלץ טרייסלט זיך אין אים; ווי אַ מטושטשער לאָזט ער זיך צום ערשטן-בעסטן שלאָפנדיקן ביים ראַנד מיט אַ ווילדן געהויל:

— ...און איר שלאָפט!? האַ, איר שלאָפט!? — — — —

אָט טרייסלט ער שוין דעם אין שלאָף פאַרזונקענעם מיטן גאַנצן כּוח פון זיינע ביינערדיקע פינגער, גלייך ווי ער וואָלט דאָ געכאַפּט די סכּנה אַליין. באַלד אָבער לאָזט ער יענעם אָפּ, כאַפּט זיך מיט די הענט ביי די צעשויבערטע האָר און צעיאָמערט זיך:

— מיר זענען פאַרלוירן! פאַרלוירן!!!

דער קלאַנג פון זיין שטים, דערמאָנט אינעם רעזיגנירטן הילך פון אַן אויסגעשפּילטן זייגער. אינסטינקטיוו לאָז איך זיך צו דער טיר. כ'וויל זען: וואָס טוט זיך עס אין דרויסן? אַ נייגעריק נעזל פון אַ מאַשין-ביקס פאַרשטעלט מיר דעם וועג מיט אַ שאלה אויף דייטש: ו ו ו ה י ן ?

כ'וויים אַליין, אַז איך מאַך זיך נאַריש מיט מיין ענטפערן:

— כ'מוז נויטיק... אין אָבאָרט אַריין...

דאָס ביקסל האָט אָבער קענטיק נישט קיין גרויסן חשק מיט מיר צו פירן וויכּוחים. שליידערט עס מיר צו איין וואָרט — און וועלכן עס ליגט די וואָרענונג פון אַרבע מיתות בית דין:

— צוריק!!!

ביי אַלע באַראַק־פֿענצטערלעך זעט מען אַריינפּינקלען אויגן. אוי! וויפֿל פֿינצטערע צאָרן־אויגן! דאָס האָט דער מלאך־המות אַליין דורך דעם זאַכטיקן קאַנאַל אַראָפּגענידערט אין לאַגער אַריין...

יעדער כאַפּט זיך אויף מיט אַ באַזונדערער יללה:

— ווי איז מיר! דער לאַגער איז אַרומגעשטעלט!... אַרומגעשטעלט!...

אַלע שרייען אויפֿאַמאָל, ברעכן מיט די הענט. ציטערדיקע פֿינגער כאַפּן זיך אין אומזין אָנצוצינדן אַלע לעמפּלעך. אַ פּויקן אין די שויבן וואָרנט:

— ליכט — אויס!!!

שאָטן־קנאַלן שפּאַצירן אַרום איבערן באַראַק־דאַך מיט שטיפֿערישע, איילנדיקע טריט־הילכעלעך און דערשרעקן ביז בלאָס ווערן דעם אָנקומענדיקן טאָג. דעם נייעם טאָג איז אויך נישט באַזונדערס אויפֿגעלייגט אויפֿן האַרץ. ער קוקט אַריין גרוי און טריב דורך די שויבן און עס דוכט זיך, אַז דאָס וויל ער זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר זיין מאַכטלאָזיקייט:

— כ'קען אייך גאָרנישט העלפֿן, קינדער... נישטאָ קיין כוח דערצו...

אַלע אויפֿאַמאָל דערשפּירן איבער זיך די פֿליגל פֿון טויט. מיין חבר, איצל, רייסט מיטן גאַנצן כעס עטלעכע פֿאַרשטעקטע הונדערטער־באַנקנאָטן זיינע. זיי צעפֿליען זיך אין קליינע שטיקעלעך איבערן גאַנצן באַראַק. איך געפֿין אַ פּעקל שוועבעלעך און רייב אָן קאַלטבלוטיק מיט אַ חשבון, איינס פֿון זיי. דאָס וויל איך אָנצינדן אַ שטרוי־זאַק און — זאָל אַלץ אַרום אַוועק אין פֿלאַמען! מיין געדאַנק דערמאָנט מיך, מיט אַ געניויער קלאָרקייט, אַז אַרום אונדז איז פֿאַראַן אַ גרויסער לאַגער מיט פֿולע פֿעסער בענזין און מיר קענען דאָ פֿליען צוזאַמען מיט אונדזערע באַוואַכער אין דער לופֿטן... אַ צעטומלטער בליק אין דער זייט לעשט מיר אויס דאָס שוועבעלע... הענט רייסן מיר אַרויס דאָס שאַכטל פֿון די פּויסטן אַרוים. עמעצער קילט מיך אַביסל מיט אַ פֿראַגע: ו ו י ס ט ו   ש ו י ן   אַ ל ץ   אַ ו י ף   ז י כ ע ר ?... און איך שווייג אַ פֿאַרשעמטער... מיינע הענט זוכן עפּעס אין פֿאַרלוירנקייט. זיי גראַבלען עפּעס, מיט פֿיבער אין די שפּיצן — אין אַלע טאַשן און קענען דאָרט גאָרנישט נישט געפֿינען... זעקס

חדשים האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּעקעלע גיפט. איך האָב עס ביי זיך אויסגעוואָרעמט און אויסבאַהאַלטן ביי יעדער רעוויזיע, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאַגער. דאָס האָט מיר שטענדיק פאַרלייכטערט דעם טראַכט איבער די לעצטע מינוטן מיינע. „ווען עס וועט קומען די צייט" — האָט אַ האָפענונג מיך כסדר געגלעט — „וועל איך אָפּטאָן דאָס וואָס עס וועט נויטיק זיין און דאַן — דורך דעם אויסמיידן אַ שמוציקן טויט פון זייערע הענט..." זוך איך איצט אין די הויזן־טאַשן, אין בעטל־ראַנד, אויף דער ערד... אַ פאַרצווייפלונג כאַפּט מיך אַרום פאַרן נישט געפינען דעם טויט אין דער אייגענער טאַש... ווי אין נעפּל דערמאָן איך זיך, אַז איך האָב עס פאַרגעסן אין מיין אַלטן ראָק, אויף דער אַרבעטס־שטעלע...

דער אייביקער, אָפּגעשפּאָלטענער צווייטער אין מיר רייצט זיך מיט מיינע געפילן: וואָס איז, מיוחס איינער!? אפילו דעם טויט ווילסטו אדורכ־פירן אַנדערש, ספּעציעל אָפּגעזונדערט פון אַנדערע!? צען מינוט פאַר יעדנס אומקום ווילסטו שטאַרבן אויף אַ באַזונדערן שטייגער, בכדי מ'זאָל ד י ך און ד י ן פאַרגיין דערזען און רעדן פון דיר?

אַן אָנמעכטיקייט רייסט זיך אַריין אין האַרץ און צעטרייבט אַלע געפילן אויף פאַרשידענע זייטן. כ'פאַרליר דעם זעלבסטשטענדיקן געדאַנ־קענגאַנג און ווער אויסגעמישט מיטן אַלגעמיינעם, טומלדיקן געווירבל. באַלד אָבער שפּיר איך ווי אַ הפקרדיקע קלאָרקייט נעמט מיך אַרום און שלעפּט מיך אַוועק אין אַ זייטיקן ווינקל.

## IV

דערווייל זענען די מענטשן דאָ משוגע געוואָרן. דאָס קליינע יוסף־עוזרל שרויפט אויף אַלע זייטן פון די בעטן. זיי צעשפּרייטן זיך ווי ברייטע מחותנים און די ברעטלעך פון אינדערמיטן צעפאַלן זיך מיט אַ יאָושדיקן הילך... און אין מיטן די אַלגעמיינע געשרייען און יללות שטייט דער קליינער קונדס און קאַטשעט זיך מיט קינדישן געלעכטער פון דעם וויאַזוי גאַנצע בעטן, וואָס האָבן אַזוי לאַנג געטראָגן מענטשלעכע גופים אויפן רוקן — צעפאַלן זיך איצט מיט איין מאָך פון זיינע האַלב־קינדישע הענט...

עס פליען דערביי שטרוי־זעק, פאַרגעסענע קנעפּלעך, לאַגער־לעפל, און אַן אָפּגעשפּאַרט, איינגעדאַרט שטיקל ברויט... ווייזט אויס, אַז דער קליינער האָט זיך שוין לאַנג אַרומגעטראָגן מיט אַזאַ שטיפעריש־צעשטערערישן חלום. דער אַלגעמיינער, שטרענגער סדר האָט אים דערפון אָבער אָפּגע־האַלטן. אינעם איצטיקן אַלגעמיינעם טומל לאָזט ער דערפאַר צעשפּילן זיינע פּופּצן־יעריקע באַגערן... זיין פּנים שמייכלט דערביי מיטן גליק פון אַלע וועלטן...

...שוין עטלעכע שעה ווי מ׳קען נישט אַרויסשטעלן קיין טריט. די שרעק האָט די מענטשן אָנגעכאַפּט ביי די גערערים — טוט מען דאָס אייגענע געברויך אינמיטן באַראַק... אויף דער פּאָדלאָגע... אַנדערע ווילן נעמען די לעצטע נקמה — קריכן זיי אַרויף אויף די בעטלעך, קוועטשן פון זיך אַרויס דאָס לעצטע און שמירן איין אַלץ, וואָס עס קומט זיי אונ־טער די הענט, שרייענדיק דערביי איבער די מענטשלעכע כוחות...

דער קליינער אבאלע, דער וואָס שמוגלט אַריין עסנוואַרג אין לאַגער און האַנדלט דערמיט, איז שוין הייזעריק פון אומזיניקן שרייען. ער ברענגט פון עפּעס אַ ווינקל־תהום אַרויס צו שלעפּן אַ קיישל מיט רויע אייער. זיין שטים איז בעטנדיק: יידן!!! ווער עס וויל — זאָל נעמען! אַ שרפה וויל איך איבערלאָזן פאַר זייערטוועגן!... עטלעכע אומדרייסטע הענט שטרעקן זיך אויס, אין נישט מיושבדיקן גיר. די דאָזיקע ווייסן שוין אַליין נישט וואָס עס קומט דאָ פאָר. דאָס מטורפדיקע אין זייער אויג קען גאָרנישט גלויבן, אַז אבאלע טיילט הײנט אויס אָן געלט... אַלץ אַרום אָבער איז פאַרטאָן מיט זיך און מיט די אייגענע יללות. שטייט ער, אבאלע, אַ פינצ־טערער ביי זיין קיישל אייער און דערמאָנט ס׳לעצטע מאָל מיט דעם איינגעלאָשענעם סקריפּ פון זיין אויסגעטריקנטער שטים:

— נעמט, כ׳בעט אייך, נעמט!...

פּלוצלינג אָבער גיסט ער זיך אָן מיט צאָרן. אזוי ווי ער וואָלט זיך באַליידיקט פון עפּעס — שפּרינגט ער אַריין אין קיישל... ביי די אייער ווערט אַ בהלה. איינס טוליעט זיך צום צווייטן, אויסגיסנדיק דערביי די געלע גאָל. פון אונטער אבאלעס שיך טראָגט זיך אַ צעקריצטער גערויש. אויף די שפּיץ נעז פון די שיך זיינע באַווייזט זיך אַ גלאַנציק, געל פלעמל...

נאָר זיינע אויגן זעען שוין איצט גאָרנישט. דאָס פּנים איז ווי פאַרשוווּמען אין אַ התלהבותדיקער עבודה... שוין זענען אַלע אייער אויסגעבראָכן. אַ געדיכטע, פעטע פליסיקייט רייסט זיך אַדורך דורך די קליינע קיישל־לעכלעך און כאַפּן זיך אַרום מיט אַ פאַרדאַרט שטיקל ברויט, וואָס איז געקומען אַנצופליען פון אַ חרוב בעט. נאָר אַבאַלע שטייט נאָך אַלץ און הייבט מיט די פיס צוטרעטנדיק אַלע מאָל כסדר מיטן זעלבן כעס...

דערפאַר האָט שוין מער דערפאַלג דער דיקער קורט, דער סוחר פון געשטאָפּטע ציגאַרעטן אין לאַגער. פונעם טאָפּלטן ברעט אונטער זיין בעט שלעפּט ער אַרויס עטלעכע קילאָדיקע פּעק מיט געלן, שוין־געשניטענעם טאַבאַק. ער צעפלאָנטערט אים אַליין פון דער פייכטער איינגעפּרעסטקייט און שמייסט אים אין מיטן באַראַק אַריין:

— יידן! רייכערט ווער ס׳וויל! נעמט אייך אויך מיט אויפן וועג! דאָס איז דאָס בעסטע אין   אַ ז אַ   רייזע... אהער ציען זיך שוין אַלע הענט — כ׳שפּיר זיך ווי אַ לונאַטיקער. ער דערקענט מיך פון דערוווייטנס און ברענגט מיר צו אַ באַזונדער פּעקעלע. ער איז פאַרשעמט און צעטומלט און וויל זיך פאַרענטפערן פאַר מיר, דערפאַר וואָס ער שטערט מיר אינמיטן מיינע לעצטע מחשבות. ער זוכט עפּעס נייע ווערטער און קען נישט געפינען. חזרט ער בלויז איבער איין מאָל און נאָכאַמאָל:

„— ס׳איז דאָס בעסטע אויף   אַ ז אַ   וועג... דאָס בעסטע!...” איך ריים דערווייל אָפּ פון ערגעץ אַ גרויס שטיק צייטונג, שטאָפּ עס מיט טאַבאַק און נעם עס אַריין אין מויל אַריין. אַ ציטערדיקע האַנט טראָגט אונטער פייער. איך טו אַ שלעפּ דעם רויך און דערשפּיר זיך אַזוי ווי איך וואָלט זיך אויפגעזעצט אויף אַ פייערדיקן רייטוואָגן און אַוועק אין די הימלען...

אין באַראַק האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשטאַנק, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דער לופט מיט בלאָנקענדיקע פעדערן און אָפּגעריסענע געשרייען־ברעקלעך. פליענדיקע שטיקער קוויטיק וועש האָבן זיך צעטאַנצט אין דער לופט אין אַ משוגענעם קאַראַהאָד און אויף אַ ווײַלע זיך צעקושט מיטן טאָג וואָס קומט...

## קאַפּיטל צוויי

### I

צום לאַגער זענען פאַרפאָרן גרויסע לאַסט־אויטאָס, באַזעצט מיט שטורם־מענער. אין באַראַק האָט זיך אָפּגעשלאָגן זייער איבערשרייען זיך מיט דיקע, רויע שטימען. עמעץ האָט אַ זאָג געטאָן אין אַ ווינקל מיט רע־זיגנאַציע: ז י י ז ע נ ע ן ש ו י ן ד אָ!... די טיר האָט זיך אויפ־געריסן. אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין דער געשטאַפּאָ־שעף, ל אַ נ־ג ע נ ק ע מ פּ ע ר... ס'איז געוואָרן שטיל, גלייך ווי אַלץ וואָלט דאָ דורך אַ געהיימע כישוף־האַנט פאַרגליווערט געוואָרן.

ער האָט עס געמאַכט קורץ:

— אין פינף מינוט אַרום מוז אַלץ זיין גרייט צום אָפּמאַרש! איר קומט אין אַ צווייטן, גוט איינגעאָרדנטן אַרבעטס־לאַגער. דעקן קאָנען מיטגענומען ווערן. האָט איר עס אַלע פאַרשטאַנען?...

אַ ריי ווינקל־קולות האָבן פון חניפהדיקער געוווינהייט אָפּגעענט־פערט:

— י אַ וואָ ל ! ! ! !

די גרעסטע טייל פון באַראַק איז אָבער ווייטער געבליבן איינגעזונ־קען אין אַ טיפער שווייגעניש. קיינער גלויבט נישט מער די רייד פון אַ דייטשישן מונדיר. קיין עצה איז אָבער נישטאָ. מ'מוז שנעל גרייטן זיך אין וועג אַריין. יעדער וויל אַטראַפּירן דעם לעצטן געדאַנק פון ווידער־שטאַנד, דערמיט וואָס מ'פאַרוואַרפט אַ ברעקל האָפענונג אין די הערצער... און אפשר וויל עס טאַקע די געשטאַפּאָ? לאַנגענקעמפּער איז אַרויס. דער

עולם האָט זיך נערוועז צעשיט איבערן ריזיקן באַראַק. ביי יעדן בעטל שטייען אויפגעריסענע קעסטלעך מיט אָרימקייט, וואָס מ'האָט געשלעפּט פון געטאָ צו געטאָ און פון לאַגער צו לאַגער. איצט ליגן די צעקנוידערטע חפצים פאַרזאָרגטע, איבער דעם וואָס זיי ווערן דאָ באַלד פאַריתומט. אויף די בעטלעך זענען די קאָלדרעס איינגעדרייט אין אומאָרדענונג, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געקורטשעט אין ווייען. די שטרויענע קישעלעך זע־נען יעדן איינעם געפאַלן צו די פיס און מיט אַ רוישלאָזן געזשום געבעטן אויף זיך רחמים. פיבערדיקע הענט האָבן זיך גענומען פּאַקן... מ'פּאַקט און מ'ווייסט נישט וואָס... אַט הייבט מען עפּעס אויף און מען רוקט עס אַריין אין זעקל; דאַן שמייסט מען עס צוריק אַרויס און מ'נעמט עס ווי־דער אין די הענט... דערביי געשעט אַלץ אין געציילטע סעקונדן.

די וואַכן הינטער די פענצטער ווערן שיטערער. אונדזער פענצטער גייט אַרויס אַקעגנאיבער די מיליטערישע קאַזאַרמעס. דערפאַר איז דאָ נישט אַזוי נויטיק די שטאַרקע שמירה.

דער קליינער יוסף־עוזר שטייט בסדר און קוקט דורכן פענצטערל. דער הויף פון קאַזאַרמע איז איצט פּוסט. הויכע סטויגן היי טורמען זיך אין דער הייך, פאַר די מיליטערישע פערד צום עסן. דער קליינער בייסט מיט די ציינדלעך אין דער געביילטער פויסט. עפּעס רופט אים דאָרט מיט אַ שפּראַך, וואָס איז נאָר אים פאַרשטענדלעך. אויך איך שטיי און קוק אַרויס דורכן פענצטערל. דאָס געזעגן איך זיך מיט מיין שטאָט. דער קליינער דערזעט מיך און טוט צו מיר אַ בורטשע אינדערשטיל: כ׳ ג יי אַ נ ט ל ו י פ ן ! כ'וויל אים גאָרנישט זאָגן. זיין פּנים האָט נישט דעם מינדסטן שפּור פון אַ ייד... ווער ווייסט? אפשר קען אים אַמאָל געלינגען? גאַנץ באַזונדערס לעכצט דאָס האַרץ נאָך עפּעס אויפצאַפּלענדיקס וואָס זאָל געשען... זייענדיק אַליין ווי פּאַראַליזירט — ווילט זיך אָבער סכנות־דיק, אַז עמעץ אַנדערש כאַטש זאָל עפּעס באַווייזן... אפילו איינער... דער קליינער האָט דערווייל שטיל געעפנט דאָס אונטערשטע לופטשיקל פון פענצטער. אין גרויסן רעש שפּירט עס נישט קיינער. ער שטעקט אַריין דעם קאָפּ אין דעם צעעפנטן לאָך אַריין און ציט פאַרזיכטיק אַדורך איין שטיקל גוף, נאָך אַ שטיקל... ביים בויך קומט עס אים אָן שווער. דערפאַר

אָבער שלעפּט שפּעטער די איבערגעוויכט שנעל אַראָפּ דעם אונטערשטן טייל קערפּער... עס הערט זיך אַ האַרטער פאַל. אַ ווײַלע רײַסט זיך עפּעס אָפּ אין מײַן האַרץ. דעם יאַטס קעציִשע דרייסטקייט האָט מיך אַרײַנגעצויגן אין איר אַקטיוון אומקרײַז. איך טראַכט שוין איצט נישט פון זיך. דאָס אייגענע לעבן איז שוין ווי אויפגעגעבן און נישטאָ דערפון וואָס צו כּראַכטן. דערפאַר אָבער דאָ... דאָ האָט זיך ווער פאַרמאָסטן — און אַלע מײַנע חושים זענען פאַרנומען מיט אים, גלײַך ווי מיר וואָלט דאָ איצט גאָרנישט נישט געדראָט. איך פיבער פון אומגעדולד און נײַגער, ווי אַ טייל פון מיר וואָלט זיך מיטגעריסן מיטן קונדס. כ׳ציטער: האָט נישט עמעץ פון דער וואַך דערהערט דעם האַרטן פאַל? כ׳דערוואַרט אַ שאָס... שטיל... באַלד אָבער באַווײַזט זיך דער קלײנער אויף דער דראָטן־צוים... און אָט איז ער שוין אין קאַזאַרמע־הויף... און גאָרנישט...

צענדליקער אויגן פאָלגן שוין איצט נאָך מיט פאַרכאַפּטקייט דאָס שפּיל. דער קלײנער, וואָס האָט זיך שוין געפונען אין הויף, האָט ווי גע־שפּירט אַז מען אָבסערווירט אים פון באַראַק, האָט ער דערפאַר רואיק אַ הייב געטאָן שטיפעריש־גריסנדיק דאָס הענטל, גלײַך ווי ער וואָלט זיך געמאַכט ערגעצוו גלאַט אַ שפּאַציר — און פאַרשוווּנדן...

אַלע זענען ווי פאַרשטיינערט געוואָרן: הייסט עס, אַז מען האָט נאָך איצט אַפילו געקענט אַנטלויפן? אָט־אָ — נאָר זיך אַרײַנצובאַקומען אין דער קאַזאַרמע, זיך צו פאַרשטעקן ביז נאַכט און אין אָוונט ווייטער שפּרינ־גען איבער אַ צוים, אויף אַן אָפּגעלעגענער גאַס... אַ קנאה האָט אַרומגע־נומען צום יינגסטן און אײנציק־דרייסטן, וואָס האָט עס געוואַגט... דער־בײַ אָבער האָט יעדער איינער געפילט עפּעס ווי אַן אינערלעכע סאַטיס־פאַקציע, דאָס וואָס קיינער האָט נישט באַמערקט ווי דער קלײנער האָט זיך אַרויסבאַקומען. פּונקט ווי ער וואָלט אַלעמענס שליח געווען. יעדער באַזונדער איז מיטגעריסן געוואָרן מיט דער איינער זאָרג:

— אוי, מ׳זאָל אים נאָר נישט כאַפּן!...

באַלד האָט אַ שווײַגנדיקער וועכטער זיך פאַרבײַגעדרייט אונטערן פענצטערל, נישט האָבנדיק קיין בלאָסע אַנונג פון דעם, וואָס ס׳האָט פּאַ־סירט דאָ מיט עטלעכע סעקונדן פריער...

## II

די ערשטע קלעפּ פון ביקסן־קאָלבעס האָבן די מענטשן אַרויסגעריסן פון דער איבעראַשונג. אַלע האָבן זיך גענומען שפּאַרן מיט בהלה צו דער טיר. פון דעם פרויען־באַראַק האָט זיך געטראָגן אַ הילכיק געוויין. פון ביידע זייטן האָבן זיך מענטשן געשפּאַרט אין הויף אַריין. מ׳איז געפאַלן איינער איבער דעם אַנדערן, מענער איבער פרויען און נישט געשפּירט אַפילו, ווען מ׳פאַלט און ווען מ׳שטייט אויף צוריק. די צוזאַמענגעפלאָכטענע מאַסע איז אַראָפּגעדרענגט געוואָרן דורך שוואַרץ־מונדירטע „פאָלקס־דייטשן״ טיפער אין הויף אַריין. דאָרט האָט מען גענומען אויפשטעלן גלייכע רייען מיט דער הילף פון גומענע קישקעס.

פונקט ווי די פּאַניק האָט מיט מינוטן פריער צעשויבערט די מאַסע, האָט זי איצט געהאַט אַ סוגעסטיווע ווירקונג אין דער פאַרקערטער ריכטונג. זי האָט אָפּגעטויט אין יעדן דעם אייגענעם צאַפּלדיקן דראַנג צום לויפן און משוגענעם באַוועגן זיך. די שרעק האָט די מענטשן אויסגעשטעלט ווי די סטרונעס און פון זיי געפאָרעמט גלייכע „פינפער״־רייען. ס׳איז געקומען צולויפן דער יידישער „לאַגער־קאָמאַנדאַנט״ מיט זיינע געהילפן. ער איז געווען דערשראָקן, אָבער דאָך האָט ער זיך געפילט עטוואָס דרייסטער. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין אָבערשאַרפירער מיט אַן אונטערטעניק שמייכעלע:

— מוז איך אויך איינטרעטן אין דער רייע צוזאַמען מיט אַלעמען?

יענער אָבער האָט אים שוין מער נישט דערקענט. זיין בליק האָט זיך ערגעץ פאַרקוקט ווייט, איבער אים אַריבער. ער האָט בלויז אַ פוילן געגעניץ געטאָן פון פאַרטאָגיקער נישט דערשלאָפנקייט און אַרויסגעברומט אין מיטן אַ לאַנגן געגעניץ:

— נאַטירלעך!

דער קאָמאַנדאַנט האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, דערקלערן... אָבער אַ פעסטע האַנט האָט אים אָנגענומען און אים צוגעשליידערט צו דער רייע צו. ס׳איז גאָרנישט געווען וואָס צו מאַכן. אין די רייען האָט עמעץ זיך געוואָלט אַליין איינרעדן:

— ס׳קען זיין, אַז ס׳איז בלויז אַן אַלגעמיינער אַפּעל... און אפשר, אפשר וויל מען דאָ בלויז אויסקלייבן אַ טייל, די שוואַכערע?...

„די שוואַכערע!..." אַ באַגריף וואָס האָט אייביק אָפּגעטויט דעם פויסטן־ווילן אין די מעכטיקסטע יידישע מוסקולן... נאָר די צייט האָט לאַנג נישט געלאָזט קלערן. די אָנגעלאָדענע לאַסט־אויטאָס מיט די ס. ס.־מענער האָבן זיך געלאַנגוויילט. ס׳זענען פון דאָרט געקומען כסדר געשרייען:

— שנעלער דאָרט! שנעלער מיט דער חזירים־באַנדע!

און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ טרייבעניש. דאָס מאָל שוין דורכן טויער אויף דער ראַמפּע אַרויס.

דאָס אָנלאָדן די לאַסט-אויטאָס איז געגאַנגען שנעל. צום ערשטן האָט מען געדיכט באַזעצט די אויטאָס און שפּעטער האָט מען די לעצטע אַרויפגעוואָרפן איבער אַלעמענס קעפּ. מ׳איז אריינגעפּרעסט געוואָרן און אריינגעפלאָכטן איינער אינעם צווייטן אַריין. ס׳איז נישט מעגלעך געווען זיך אויפצושטעלן אָדער אַ ריר צו טאָן מיט אַ פוס. מ׳האָט געמוזט זיצן כסדר מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן; טראָגנדיק אויפן קאַרק די אַנדערע, וואָס האָבן זיך שוין נישט געקענט אריינקוועטשן אין געדרענגעניש אַריין. פון אַ ווינקל אַרויס האָט איינער זיך געוואָלט אַ הייב טאָן, בכדי אַפּערצושלעפּן אַן איינגעשלאָפענעם פוס פון אונטער אַ צווייטן. פון אַ זייטיקן קלאַפּ האָט ביי אים געטאָן אַ פליייץ מיט בלוט און ער איז געבליבן זיצן אין אַ פאַרגליווערטער פּאָזיציע...

די לעצטע זענען אַרויפגעשפּרונגען די ס. ס. זיי האָבן מיט די שטיוול געטראָטן איבער די קעפּ, ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צום דעכל פון אויטאָבוס. פינף באַגלייטערס אויף יעדן אויטאָ האָבן געוואַכט אויף די באַוועגונגען. אַזוי־ווי עס וואָלט מעגלעך געווען זיך אַרויסצורייסן פון אָט דעם צוזאַמענגעפּרעסטן געמיש פון מענטשלעכע אברים...

שוין זענען די פרויען אויפגעלאָדן אויפן לעצטן וואָגן. אַ פּאָר וואַכמענער שפּרינגען צופרידן אויפן וואָגן אַרויף און שפּאַסן רייטנדיק און טרעטנדיק מיט די שטיוול אויף די איינגעבויגענע צאַרטע פרויען־רוקנס. אונזערע נעכטיקע וועכטער מיט די מונדירטע „פאָלקס־דייטשן" בלייבן

שטיין ביים טויער. אויף זייערע פנימער דערקענט מען א פריידיקע אומ־געדולד. זיי ווייסן, אז די יידן האָבן געהאַט פאַרשטעקט אַלערליי חפצים און געלד. ווארטן זיי בלויז אויף דער געלעגנהייט, מ׳זאָל זיי דערלויבן צוריק אריינצוגיין, אדורכצוזוכן דעם לאַגער. דעם שעף פון טראַנספּאָרט איז שוין אָבער נמאס די זאַך. ער איילט זיך... ער וויל אַפילו נישט הערן, וואָס דער אָבערוואַכמאַן טענהט אין אים אריין. יענער וויל אים, זעט אויס, איבערצייגן, אַז ס׳פעלן נאָך עטלעכע — מ׳מוז זיי דערפאַר אַזוי לאַנג זוכן, ביז מען וועט זיי געפינען... דער טראַנספּאָרט־שעף אָבער וויל פון גאָרנישט הערן. ער שרייט בלויז נערוועז אויף דעם אָבערוואַכמאַן. צו אונז דערלאַנגען זיך אָפּגעריסענע שטיקלעך פון א זאַץ:

— דערשיסן... און פאַרטיק!...

עס קומט דער צייכן צו די שאָפערן. די אויטאָס טוען זיך דערשראָקן א ריס פון די ערטער, אַזוי ווי אויפגעוועקטע פון א טיפן שלאָף... די וואַכ־מענער ביים טויער „געזעגענען זיך" מיט אונדז אין שפּאַס:

— העי, יידלעך! פירט זיך דאָרט אויף אָרנטלעך, אין מאַידאַנעק!...

א פייערדיקער בליץ האָט זיך אַדורכגעשלענגלט דורך די אָדערן:

— מ א י ד א נ ע ק ! ... מ א י ד א נ ע ק ! — — — —

## III

די אויטאָס האָבן זיך שנעל געגליטשט איבערן גלאַטן אספאַלט פון לובלינער שליאַך. ס׳איז געווען א הערלעכער ערב־שבועות טאָג. די זון האָט זיך אויסגעפּוצט ווי א יונגע כלה אין א גאָלדן־שמייכלדיקער בראָש און שטיפעריש זיך געגרייצט מיט די יונגע, אויפגערעגטע גרעזלעך פון אַלע וועגן. א מילד ווינטל האָט זיך פאַרליבט געטוליעט צו אירע פּיס און איי־פערזיכטיק געטרייסלט די גרעזלעך ביי די קעפּ פאַר זייער געניסן פון דער זונס צערטלערייען... דאָ און דאָרט האָט א קאָפּ זיך א הייב געטאָן, האָבן אויגן, אויף א מינוט בלויז, זיך געוואָלט א באָד טאָן אינעם גרינעם רחבות און א נאַש טאָן פון צעשמייכלטן שפּיל אין דער נאַטור. א קלעפּ־האָגל האָט אָבער דערשטיקט דעם לעצטן אויפברויז און די קעפּ צוריק

אַראָפּגעזונקען. דער מאָטאָר האָט גערוישט און כעסדיק געשליידערט פון אונטער זיך כמאַרעס רויך און צעיאָגט די דערשראָקענע שטויבן איבער די וועגן. אַלץ וואָס האָט נאָר געאָטעמט — האָט געשוויגן און בלויז אַריינגע־צויגן אין זיך דעם אויטאָ־רעש. שוואַכערע האָבן גענומען כאַרכלען פון שטי־קעניש. א האַנט האָט זיך אין מאַכטלאָזער פאַרגעסנקייט א ריס געטאָן פון איינקלאַמער און זיך א הייב געטאָן אין דער הויך, זוכנדיק א בעסערע פּאָ־זיציע. דער אָרבל פון דער האַנט האָט זיך געטאָן א פאַרקאַשער און עפּעס רונדיקס האָט א ווינק געטאָן צו דער זון...

דער געלער וואַכמאַן אַקעגנאיבער האָט עפּעס באַמערקט. אין זיי־נע פאַרשטיינערטע, געלע אויגן האָט זיך צעפינקלט א טאַנצנדיק פלעמל... ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דעכל איבערן שאָפערן־ביידל און האָט זיך אויסגעצויגן איבער די געבויגענע קעפּ. ער האָט אינגאַנצן געהיצט פון רציחה און באַגער:

— ווער האָט דאָ א זייגער, ווער?

אַלע האָבן געשוויגן... עס זענען צוגעקומען אים צוהילף די אַנדערע באַגלייטער.

זיי האָבן געהאַקט איבער די קעפּ און שעלטנדיק זיך געזידלט. זיי האָבן אָבער גאָרנישט געקענט פעסטשטעלן. אַלע גופים זענען געווען אַזוי צוזאַ־מענגעפּרעסט, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען צו קאָנטראָלירן...

דער געלער האָט געברענט פון צאָרן. זיינע פלאַמענדיקע האָר האָבן זיך מיטגערויטלט מיט זיין רציחהדיק פּנים. ער האָט זיך געדוקט איבער די קעפּ פון איינעם צום אַנדערן און מיט די הענט זיך געבאַבערט איבער רוקנס, זוכנדיק עפּעס... זיינע פינגער זענען ערגעץ פאַרפאָרן אין דער טיף פון איינעמס א טאַש און ער האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט א פאַרקניפּט, שמו־ציק טיכל. ער האָט עס פונאַנדערגעוויקלט און פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט צוויי 500ער באַנקנאָטן... זיינס א חבר האָט א בליק געטאָן מיט קנאה אויף דעם געלנס גליק און ער האָט זיך צערעוועט:

— וואָס? איר פּירט מיט זיך געלט?! איר טייוולס־קינדער, איר! אויף וואָס דאַרפט איר דען, דאָס אַלץ וואָס איר פירט מיט זיך? מען פירט דאָך אייך קיין מאַידאַנעק...

די מענטשן אָבער — אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך שטום אָפּגעשמועסט דורך
אַ געהיימער אברים־שפּראַך — האָבן געשוויגן... און טאָמער איז אַפילו
איינעם מיאוס געוואָרן די קלעפּ און ער איז שוין גרייט געווען אין געדאַנק
אַלץ אָפּצוגעבן, בכדי אַ סוף צו מאַכן צו די ווילדע געשלעגן — איז אָבער
נישט מעגלעך געווען אַרויסצושלעפּן אַ האַנט פון דער פרעס אַרויס... עס
האָט זיך אויך נישט געגלוסט אַדורכצולאָזן דאָס מינדסטע וואָרט דורך דער
איינגעטריקנטער קעל. באַזונדערס האָבן די אברים פון די שכנים אין אַלע
זייטן זיך איבערגעשריגן דורך דער פאַרשוויצטער וואַרעמקייט פון די בלוטן:
שווייג! פאַרשטום!

און אַלע האָבן מיט מאָדנער סבלנות איבערגעטראָגן די קלעפּ און די
געשרייען...

פונדערוויטנס האָבן דערווייל גענומען אָקעגנטאַנצן דראָטן־נעצן. די
אויטאָס האָבן אַ שווערן קרעכץ געטאָן און זיך געשטעלט. שוואַרצע שילדן
מיט ביינערדיקע סקעלעטן־קעפּ האָבן אָנגעזאָגט ביים טויער, אַז דאָ עפנט
זיך די מלוכה פון טויט...

# קאַפּיטל דריי

I

פון „קאָנצענטראַציע־לאַגער" „מאַידאַנעק" האָב איך נאָך געהערט מיט מאָנאַטן צוריק. אין יענע צייטן נאָך, ווען ס'איז דאָרט געווען דער פּראָווי־זאָרישער געטאָ פון די לובלינער יידן. שפּעטער זענען אין אַלע לאַגערן אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע שוידערלעכע קלאַנגען וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין מאַידאַנעק... ס'זאָל דאָרט נישט זיין קיין „נאָרמאַלער" טויטונגס־לאַגער — פאַר וועלכן מ'האָט זיך שוין וויי׳ניק־וואָס געשראָקן — נאָר עפּעס אַזעלכעס... וואָס איז נאָך מער ווי טויט, נאָך מער ווי פּייניקונג... און דאָס וואָס כ'האָב געהערט פון אַזעלכע, וועמען ס'איז געלונגען צו אַנטלויפן פון דאָרט, האָט באמת איבערגעשטיגן אַלע פאַנטאַזיעס. אין די געשפּרעכן, וואָס מיר האָבן צווישן זיך געפירט אין לאַגער, האָבן מיר דערפאַר כסדר אָפּגעשטימט אַלע, פה אחד, אַז קיין מאַידאַנעק וועלן מיר זיך נישט לאָזן פירן לעבעדיקערהייט... און אויב דאָס ערשטע מאָל — מיט 16 חדשים צו־ריק — איז מיר געלונגען (וועגן דעם אין אַ צווייטן אָרט) צו אַנטרינען; בין איך אָבער דאָסמאָל געווען הילפלאָז און פּסיכיש דערשלאָגן. דער ער־שטער־בעסטער ריר, אגב, האָט ביים איצטיקן מאָמענט באַדייט דאָס זעלבע ווי — אַ זיכערער טויט. איז בלויז געבליבן אָפּצוואַרטן וואָס די צייט וועט מיט זיך ברענגען. איך האָב זיך באַמיט צו בלייבן קאַלט און אויסגערעכנט. מען האָט געמוזט אָפּשאַצן יעדע מינוט ווי געהעריק. אַריינקוקן יעדן שאַנס טיפער אין די מעגלעכקייטן אַריין און פאַרשטיין, ווען מ'קען אויסנוצן אַ

גינסטיקע האלבע סעקונדע... „— וואכזאמקייט!", האט דער דיסציפלינירטער לעבנס־אינסטינקט אריינגעשריגן אין יעדן אבער באזונדער. און דאס איז געווען דער איינציקער איינגענער באפעל וואס מ'האט נאך געקענט געהארכן...

די אויטאס האבן זיך אפגעשטעלט אויף א בארג. מ'האט געקענט זען ווי דארט ווייטער, אין דער נידער, צווישן די פארשידענע דראטן-נעצן רויעט עס מיט מענטשן. זיי פירן און שלעפן פארשידענע משאות און וואגאנעטקעס אויף שמאלע, אייזערנע רעלסן, בארג־ארויף. דער ערשטער געדאנק וואס איז געקומען אין קאפ אריין איז געווען:

— מענטשן לעבן נאך דא!... מ'ארבעט...

די פראקטיק אין די יארן פון די לאגערן האט באוויזן, אז דאס ארבעטן אונטער די שווערסטע באדינגונגען קען אויך געבן געוויסע שאנסן צום לעבן... — ל ע ב ן!... און דאס האט מען דאך אזוי באגערט... טייער איז דאך געווען יעדעס ברעקל פרייע לופט; יעדער טריט מיט נישט־אונטערגעהאקטע פיס... קיינמאל האט מען דאך נישט געקענט אזוי אפשאצן, וויפל געהיימע גענוסן עס ליגן פארבארגן אין יעדער סעקונדע לעבן... עס זענען געווען מינוטן, שעהן און טעג פון פחד און שגעון, ווען דו האסט געוואלט פארגליווערן, בכדי גארנישט מער צו פילן; ביסט אפטמאל געשטאנען טעג גאנצע מיט א געבויגענעם רוקן און צעהאקטע אברים און האסט געוואַרט, אז עמעצ זאל דיר צוברעננגען דעם טויט ביז אונטער דער נאז. דערפאר אבער האסטו זיך אמאל געגעבן א שטעל אויף א פאר מינוט און דו האסט דערשפירט, וויפל גליק עס ליגט אין א שלונג ריינעם אטעם, וויפל זיסן כוח עס קען געבן איין אויסגעגלייכטער טריט; איין שעה פון ליגן רואיק און אויסגעצויגן אויפן הארטן, פארנארעטן ברעט... דו האסט דאן דערפילט ווי דאס לעבן האט דיך אריינגעפירט אין א געהיימנישפולן חדר, האט זיך פאר דיר נאקעט אויסגעטאן און באוויזן דיר די רייצן וואס ליגן פארבארגן אין יעדן נענעלע...

איין ביסן ברויט נאך א לאנגן הונגער־טאג האט דיר באוויזן, וואס פאר א לעבנס־אוצרות און קוויקונגס־זאפטן עס ריזלען אין יעדן נישט־באמערקטן קעגנשטאנד פון לעבן אויף דער פריי... — „לעבן!" — האסטו

געטראַכט — „אומבאַדינגט לעבן!...‟ ווייל איצט ווייסטו שוין ווי אזוי מ׳קען אויסנוצן יעדע מינוט, ארויסציען דעם וווּנדערלעכן עלעקסיר פון דעם מינדסטן ברעקל... — אַ לעבן אויף דער פריי? ווער קען עס דען פאַרשטיין? ווער האָט דען אַן אנונג וויאַזוי דאָס אויסצונוצן?!

וויפל מאָל מען איז נישט געווען אַטראָפירט — האָט מען דאָך ערשט דערשפּירט ווי ווייט מען איז צוגעבונדן צום לעבן -- דאַן ווען מ׳האָט פאַר זיך דערזען די לעצטע מינוטן... — נאָך פינף מינוטן לעבן! האָסטו אָפּט געטראַכט... און אין יעדער סעקונדע האָסטו נאָך געקענט אַריינזאַפּן אין זיך דעם רחבות פון אַרום, זען: אַ הימל... אַ הויז... אַ ראָזלעכן שטיין... און יעדער חוש דיינער האָט ערשט דאַן באַגריפן ווי שרעקלעך-גרויס עס איז דאָס גליק, וואָס צאַפּלט זיך אונטער די פאַלדן פון איין אויגנבליק...

דאָס לעבן אונטער די שווידערלעכסטע שקלאַפן-באַדינגונגען האָט נישט געקענט אײַנגאַנצן נמאס ווערן, ווייל וואָס מער דער טאָג האָט געפּייניקט — אַלץ גרעסער איז אויסגעוואַקסן דאָס גליק פון דער שעה רו אין דער נאַכט; האָט אַלץ מער געגעבן אַ האַלבע שעה פון אַוועקזעצן זיך אין אַ ווינקל און פון גאַרנישט טראַכטן מער — — — פון נישט ווערן געשטערט דורך קיינעם...

דעם שווערסטן טאָג פון פּיין האָט געזיסט, האָט באַרוישט און פאַר־שיכורט דער בלויזער געדאַנק, אַז ביינאַכט, יאָ־יאָ! ביינאַכט וועסטו באַ־קומען אַ שטיקל ברויט... דיין פאַנטאַזיע האָט דיר פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי דו וועסט עס רואיק קענען קייען, ברעקלעכווייז... ווי יעדער ביסן וועט זיך באַזונדער צעלויפן מיט אומרואיקער פרייד דורך אַלע אברים... און שפּע־טער, גאָר שפּעטער וועסטו קענען דיין מידן גוף אַוועקשלעפּן אין דיין ווינקל; וועסט זיך אויפציען אויף אַ ברעטלדיק בעטל, אַרום דיר וועט זיין טונקל און קיינעמס בליק וועט דיך נישט שרעקן... דו וועסט דערפאַר פריי־אויסציען די פיס דיינע, די הענט איבערלייגן אויף וועלכער זייט דו ווילסט... און אַלע גלידער דיינע וועלן זיך צעוויינען פון שעהדיקן, פרייעם תענוג און דו...

ווער ווייסט זאָל עס נישט אויפצאַפּלען ביים דערזען אַ האַלבן שאַנס אויף הונדערט צו קענען ווייטער לעבן; ווייטער צו קענען זיין געבראָכן טעג און

אויך אין דער געבראָכנקייט, אין דער געבויגנקייט צו שפּירן דעם תענוג פון וואַרטן; פון האָבן דעם באַוווּסטזיין, מיט יעדער מינוט, אַז דו דערנענטערסט זיך צו יענער מחיהדיקער שעה, ווען דו וועסט עפענען אַ מויל און אַ פרישער שטראָם לופט וועט זיך אַ שפּאַר טאָן אין דיר אַריין...

איז אַ ברעקל האָפענונג בכוח געווען צו פאַרכשופן, די גאַנצע נשמה איבערצודרייען אויף דער לינקער זייט. אַ האָר מער באַקוועמלעכקייט האָט געלאָקט מיט אַזויפיל צוזאָגן, האָט געגלעט אַזוי מחיהדיק איבער די בלוטן, אַז מ׳איז אָפּט גרייט געווען אָוועקצוגעבן נאָך מער וויפל מען פאַרמאָגט אין זיך, בכדי צו באַקומען נאָך אַ מינוט, נאָך איין רגע לעבן. בלויז לעבן? ניין! עס איז געווען עפּעס מער, ווי דאָס וואָס די געוועלנלעכע חושים באַגרייפן אונטער דעם דאָזיקן וואָרט...

זאָל מען דערפאַר זיך באַמיען צו פאַרשטיין, וואָס עס באַדייט אַ ווידער אָנגעצונדן שטיקל קנויט פון האָפענונג ביי די טויערן פון מאַידאַנעק —

...שוין דער מאַרש ביז צום טויער, ווען פיס און רוקן זענען צוריק אויסגעגלייכט; ווען גוף איז שוין מער נישט איינגעקלאַמערט אין גוף און מ׳קען ווידער שפּרייזן, שפּרייזן! האָט באַוויזן וויפל וווּנדערלעכקייטן יעדע רגע טראָגט אין איר שויס, פון וויפל לייטזעליקייט דו קענסט שעפּן אין אַ פולער מאָס... ועמען-זשע אַרט עס, וואָס אין דיין זייט גייען באַוואָפנטע מונדירן און ציילן דיר די טריט!? אַז דו שפּירסט ווי יעדער טריט ביי דיר זינגט... פון דער מינוטדיקער אויסגעגלייכטקייט אַרויס...

איין טויער נאָכן צווייטן האָט זיך צעעפנט. ס׳האָבן זיך גענומען ציען בלאָטיקע אָדערן אין אַלע זייטן. אַ ים מיט דראָטן-צוימען האָט אָפּגעגרעניצט לופט פון לופט און געטיילט אַ וועלט אין פירעקיקע גרויסע קאַסטנס. פון אַלע זייטן זענען געשטאַנען באַראַקן און בענקענדיק אַרויסגעקוקט מיט זייערע קליין-פענצטערדיקע אויגן דורך די דראָטן. קיין מענטשן האָט מען נישט געזען און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז דאָס האָט מען דאָ פאַרשפּאַרט די בלויזע באַראַקן...

מ׳האָט אונדז גענומען טרייבן דורך קרומע, פאַרשטעלטע וועגן. יעדע פּאָר מינוט האָט זיך געעפנט אַ דראָטן טירל און ווידער זיך צוגעקלאַפּט. ביי די זייטן זענען געשטאַנען פאַרשידענע געביידעס און אויף אַ שטילן

פליסטער־לשון עפעס אַנגעזאָגט דורך די וועגט מיט אַ דערשראָקענעם טאָן... ענדלעך האָבן מיר דערזען אַ ריזנגרויסן, נאַקעטן פּלאַץ. טויזנטער דערשראָקענע מענטשן זענען דאָרט געלעגן קופּעסווייז, צעלייגט אויף דער ערד אָדער ארומלויפנדיקע אין פאַרצווייפלונג פון איין אָרט צום צווייטן. מיר זענען צוגעגאַנגען ביז צום טירל מיט רואיקע, געסדרטע טריט. בלויז ווען דאָס טירל האָט זיך געעפנט, זענען מיר אַריינגעשטויסן געוואָרן אין כאַאָס אַריין און זיך אַריינגעגאָסן אין מענטשלעכן מוראַשניק אַריין. אַ בליק הינטער זיך האָט באַלד קלאָר געמאַכט:

— מיר זענען פאַרשפּאַרט!...

## II

די פרויען הינטער אונז האָט מען אָפּגעטיילט באַזונדער. פאַר זיי איז געווען אַ ספּעציעלער זאַמלפּונקט. נישט איין פרוי האָט דאָ נאָך גע־האַט איר מאַן אין די פאָדערשטע רייען; אַ געליבטן, שוין פון די לאַגער־צייטן — אָדער גלאַט דאָס איינציקע נאָענט־היימישע פּנים, וואָס איז נאָך געבליבן פון אַמאָל. ווען זיי האָבן דערשפּירט די לעצטע מינוט פון צעשיידונג — האָבן זיי זיך ווילד געריסן פון די רייען, געשריגן און גע־וואָרפן זיך אויף דער ערד. מענער האָבן מיטן אינסטינקט דערשפּירט, ווער עס דאַרף דאָרט איצט שרייען און מיט אַלע בלינד־איינגעדרימלטע כוחות זיך געפּרווט צוריקהאַלטן, נישט אַריינגעשטויסן צו ווערן אויפן עלנטן, אָפּגעריסענעם פּלאַץ. צענדליקער פרויען האָבן זיך מיט צעקלאַפּ־טע, פאַרבלוטיקטע פּנימער צוגעריסן מיט צעשויבערטע האָר צו זייערע מענער און זיך אין זיי נאָך איין מאָל איינגעקלאַמערט... זיי זענען פאַר־זונקען איינער אינעם צווייטן אַריין, ווי זיי וואָלטן געגלויבט, אַז עס קען נאָך אַ נס געשען — און זיי וועלן אַזוי צוזאַמענוואַקסן, אַז קיין כוח וועט זיי נישט קענען פונאַנדעררייסן... געציילטע קינדער, וואָס האָבן זיך באַ־וויזן ביז איצט צו דערהאַלטן אין לאַגער, האָבן זיך מיטגעשלעפּט נאָך די מוטערס און שטום־דערשראָקן זיך אַנגעהאַלטן אין זייער קלייד... די ס. ס. איז אָבער שנעל אַריין אין דער מיטן און אַזוי לאַנג געשלאָגן איבער די

קעפּ, ביז דאָס אומגלויבלעכע איז געשען: קערפּער האָט זיך אָפּגעריסן פון קערפּער... די מענטשן זענען שוין נישט געווען ביי די געדאַנקען — די פּלעפּ בלויז האָבן אָנגעוויזן, אין וועלכער ריכטונג מען האָט זיך צו באַוועגן. באַלד האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי ריזיקע, פאַרמלאָזע מחנות, וואָס האָבן אויסגעזען ווי איין מעכטיקער, צעשפּאַלטענער גוף...

אויף דעם פּלאַץ, וווּ מיר האָבן זיך געפונען זענען שוין געווען אָנגעטריבן טויזנטער יידן. זיי זענען געלעגן מיד און מיט פאַרחלשטע אויגן געקוקט אין הימל אריין. אַ קליינע גרופּע פון זיי איז נאָך געווען באַרעדעוודיק און רירעוודיק. מיר האָבן זיך פון זיי דערוווּסט, אַז ביז מיט עטלעכע טעג צוריק זענען נאָך געווען יידן אין די אומגעגנטן פון מעזריטש, ביאַלע און שעדלעצער קרייז. מיט דריי טעג צוריק האָט מען זיי צוזאַמענגענומען פון גאַנצן געגנט, געבראַכט אַהער און ארויפגעלאָזט אויף אָט דעם פּלאַץ. די פרויען האָט מען אויך ביי זיי אָפּגעזונדערט. און אַזוי וואַרטן זיי שוין דעם דריטן טאָג. זיי האָבן געהערט, אַז דאָס איז אַ ספּעציעלער פאַל, ווייל געוועגלעך ווערט מען דאָ באַלד אריינגעפירט אין „באָד" אריין. גראָד היינטיקע וואָך איז אָבער אָנגעקומען אַ גרעסערער טראַנספּאָרט יידן, מיט וועלכע דאָס „באָד" איז „פאַרנומען" — ליגן זיי שוין דעם דריטן טאָג און וואַרטן, אָן צו באַקומען אַ טראָפּן עסן אָדער וואַסער.

ביינאַכט האָט שוין עטלעכע מאָל געגאָסן אַ רעגן און אַלע זענען אויסגעווייקט געוואָרן. ס'זענען געווען אַזעלכע חכמים, וואָס האָבן מיט זיך מיטגעשלעפּט בעטגעוואַנט און פּעקלעך עסן, אויף יעדנפאַלס. דאָס זענען געווען די אָפּטימיסטן, וואָס האָבן זיך ליב צו באַוואָרענען — ליגן זיי זיך איצט אַוועק אין דער בלאָטע, דעקן זיך צו מיטן בעטגעוואַנט און קומען איבער די נאַכט... אינדערפרי שלעפּן זיי אַרויס אַ שטיק צעקנייטשט ברויט פון אַ זעקל — וועלכעס דינט אויך פאַר אַ קישן — און קענען זיך אַזוי אַרום דערהאַלטן ביים לעבן. שלעכט איז בלויז מיט די, וואָס האָבן געגלויבט אַז מען פירט באַלד אויפן טויט. זיי האָבן דערפאַר מיט זיך גאָרנישט נישט מיטגענומען. פאַלן זיי ביינאַכט פון הונגעריקער מידקייט אויף דער פייכטער, בלאָטיק־צעווייקטער ערד און שפּירן ווי די נאַכטיקע קעלט שטעכט זיי אַדורך מיט יעדער מינוט ווי מיט שפּיזן.

דעם ערשטן און צווייטן טאָג זענען זיי געוואָרן ווי ווילד פון הונגער. געווען אויך אַזעלכע צווישן זיי, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין צאָרן אויף די, וועלכע האָבן נאָך עפּעס געהאַט אין די זעקלעך; זיי זענען אָבער צו שוואַך געווען אַקעגן די, וואָס האָבן נאָך עפּעס געגעסן און דערפאַר גע־מוזט אָפּטרעטן רעזיגנירטע און מידע... היינט ליגן זיי פאַרשמאַכט, אָן חשק זיך צו לאָזן נאָכאַמאָל פּרווּון „גליק" און אָן דעם מינדסטן ווילן אַ בליק צו טאָן נאָכאַמאָל אויף דער וועלט...

די וואָס האָבן נאָך אַביסל צו עסן און אַ פּעקל מיט ווערט־זאַכן פילן זיך נאָך צוגעבונדן צו עפּעס אויף דער וועלט, וואָס דאַרף זיין אַ שאָד צו פאַרלאָזן. זיי קלאָגן זיך נאָך, וויינען, רייסן די האָר און ברעכן מיט די הענט:

— וואָס וועט זיין?! וואָס וועט זיין?! האַ? וועלן זיי אונדז דאָ אומברענגען דורך פאַרהונגערן?... זיי וואַרפן זיך נאָך און בייסן די נעגל פון כעס און ווייטיקדיקער זאָרג... יעדער איינער פון זיי האָט זיך געקענט באַהאַלטן... אַנטלויפן... זיך ראַטעווען... איצט בייסט ער זיך אַליין פאַר צאָרן, קלאַפּט מיט די פויסטן זיך אין קאָפּ — ווי ער וואָלט זיך אַליין גע־וואָלט דערפאַר דערשלאָגן... איינער וויל אויסגיסן זיין ביטער האַרץ פאַרן צווייטן:

— וואָס האָט זיך מיט מיר געטאָן, וואָס? פאַרוואָס בין איך נישט אַוועק אין וואַלד אַריין? אַזאַ גוט באַהעלטעניש געהאַט!

אַ צווייטער גייט נאָך ווייטער מיטן חשבון: ער האָט געקענט פאָרן קיין ארץ ישראל... נאָך ביי די דייטשן האָט ער עס געקענט... די פאַר־שאָלטענע „גליקן" פון די ערשטע מלחמה־יאָרן האָבן אים אָבער פאַר־בלענדט די אויגן... ער איז בייז אויף זיך אַליין: „שטיקער!... בנא־מנות, ווי מ'דאַרף פון מיר רייסן שטיקער..." אָבער קיינער הערט סיי־ווי נישט דעם צווייטן. יעדער שרייט בלויז פאַר זיך, אויסצושרייען דעם איי־גענעם וויי...

דערפאַר אָבער ליגט שוין אַ גרויסע טייל פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן. דער טויט האָט זיי דערווייל געשיקט זיין פאַראויסגייער, דעם

פאַרגליווערטן דרימל, אין די אברים אריין. ער שפּילט זיך מיט זיי, נישט וועלנדיק זיי פאַרצערן אויפאַמאָל... קוקן זיי מיט גלייכגילטיקע, פאַרפרוירענע אויגן, אַזוי ווי זיי וואָלטן אַריבערגעבליקט איבער דער גאַנצער דאָאיקער וועלט...

## III

ביי די זייטן פון פּלאַץ ליגן אָנגעהויפט בערגלעך מיט מענטשלעכער צואה; נישט ווילנדיק כאַפּט דער בליק אויף דעם גאַנצן קויט. עס ווערט מיר אויפפאַלנדיק, וואָס ביי יעדן שפּור פון מענטשלעכן אַרויסגאַנג זעט מען אַ מאָדנע צעפּירטקייט, גלייך ווי מענטשלעכע פינגער וואָלטן אין דעם לאַנג זיך געגראַבלט...

איינער פון די אָפּגעשוואַכטע שטעלט זיך פּלוצלינג אויף און לאָזט זיך לויפן. עטלעכע פון די זיך־באַוועגנדיקע באַמערקן עס און לויפן צו צו אים און שטעלן זיך אַרום אים אַרום. זיי מאַכן עס זייער פאַרזיכטיק. זיי קוקן זיך דערביי אַרום אין אַלע זייטן, אויב אַ ס. ס.־מאַן פון דער אויסנזייט באַמערקט עס נישט... צוערשט האָב איך געמיינט, אַז דאָס טוען זיי דערפאַר, ווייל עס איז פאַרבאָטן דאָ צו באַשמוצן דעם פּלאַץ. זיי ווילן דערפאַר פאַרשטעלן איינעם — וואָס דאַרף זיין מענטשלעך באַדערפעניש דערליידיקן — פאַר אַ בייז אויג... איך באַמערק אָבער, אַז דאָס אַרומשטעלן זיך נעדויערט לענגער ווי געוועינלעך. אָט שטייט שוין דאָס רעדל צען, פופצן און צוואַנציק מינוט... יעדעס מאָל דרייט אַן אַנדערער פון רעדל אויס דעם קאָפּ און רעדט עפּעס נערוועז אַריין אין דעם, וואָס טוט עפּעס, מסתמא, אין דערמיט...

איך האָב זיך דערנענטערט און דערזען אַזעלכעס, וואָס ס'האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ שרעק, געמישט מיט אַן עקל... דער מענטש אינדערמיטן איז געזעסן און פון זיך אַרויסגעדריקט דאָס לעצטע. נעבן אים איז שוין געלעגן אַ פּריש־ אָנגעהויפט בערגעלע, אין וועלכן ער האָט פאַרצווייפלט געבאָבערעט מיט די הענט...

איך האָב זיך דערמאָנט אין די פריער־באַמערקטע סמנים און אַ געדאַנק איז מיך באַפאַלן:

— זענען נישט אַמאָל אַט די אַלע מענטשן משוגע געוואָרן אין די טעג פון אַ ז אַ וואַרטעניש!... ס׳איז געווען פאָרצוזען, אַז אויך מיר קענען נאָך דאָ וואַרטן עטלעכע טעג ביז אונדזער ריי... אויך מיר קענען אַזוי ווערן ווילד, ווילד און מאַכטלאָז פון יאושדיקן הונגער... כ׳האָב ווי־דער געגומען שפּירן אַ שרעק: וועט מיר אויסקומען מיינע לעצטע טעג צו פאַרברענגען צווישן משוגעים? און — וועל איך אַליין נישט משוגע ווערן גלייך ווי אַלע? צום טויט האָב איך זיך שוין צוגעגרייט נישט איין מאָל. איך האָב אים שוין אין מיין פאַנטאַזיע געזען אין אַלע זיינע גע־שטאַלטן און צו זיי זיך צוגעפּאַסט. מיטן אויפנעמען אים אין זיך איז שוין אָפּגעפאַלן יעדער פחד. איין זאַך אָבער האָב איך נישט פאָראויס־געזען: דעם טויט אין משוגעת־צושטאַנד! און אַט דאָס נייע, דאָס נישט אויסגערעכנטע, מיט וועלכן דו האָסט נאָך נישט שלום געמאַכט אין גע־דאַנק — האָט ווידער אויפגערעגט און אויפגערודערט...

די מענטשן האָבן אָבער אויסגעזען גראַד איצט ווי באַרואיקט. אויף זייערע פּנימער איז געווען אַן אַנדער מין אויסדרוק, ווי פריער ביים נער־ווען, פאַרצווייפלטן אַרומלויפן. כ׳האָב געזען אַז דאָ ווערט עפּעס גע־זוכט מיט אַ קלאָרער באַרעכנטקייט. דאָס האָט מיר נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם באַוווסטזיין, אַז איך געפין זיך אין אַן אומקרייז, וועלכן כ׳בין נישט מסוגל צו פאַרשטיין...

עפּעס איינער פון די אַרומשטייענדיקע האָט יענעם אַ פרעג געטאָן:

— ביסטו איבערהויפּט זיכער, אַז דו האָסט אַראָפּגעשלונגען?

כ׳האָב שוין דעם ענטפער נישט געהערט. איין וואָרט איז אַראָפּגע־פאַלן אין מיין געדאַנק אַריין און מיט איין זעץ צעריסן אַלע קלערענישן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפּלאָנטערט.

„...אַראָפּגעשלונגען!" און שוין האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ ברייטער טויער צו אַ נייער וועלט פון זאָרגן און יאושדיקן געראַנגל...

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביים ערשטן טאָג פון זייער קומען האָבן

זיך פאַרדעכטיקע טיפּן באַוויזן ביי די דראָטן און מיט אַ פליסטער־שפּראַך אַריינגערעדט דורך די שמאָלע קעסטעלעך:

— יידן! איר זעט? אַט דאָ נישט ווייט איז דאָס באָד. דאָרט ווייטער אַביסל איז די גאַז־קאַמער. איר פאַרשטייט? באַלד אין באָד ווערט יעדער אויסגעטאָן נאַקעט און ווערט פון דאָרט אַזוי אַרויסגעפירט. עס איז דער־פאַר אומזיסט אייער אויסהיטן דאָס ביסל גאָלד און ווערט־זאַכן... איר מעגט עס אַפילו ווי גוט פאַרשטעקן אין די מלבושים...

יעדער באַזונדער האָט פאַרגעלייגט, מ׳זאָל עס אים אַרויסגעבן, וועט מען בלייבן לעבן, — וועט ער עס צוריקגעבן אין לאַגער; ס׳איז סיי־ווי נישטאָ וואָס איינצושטעלן...

שוואַכערע כאַראַקטערן האָבן טאַקע באַלד אויפגעריסן אַלע באַהעל־טעענישן, ביי די אַרבל, ביי די הויזן־מאַנקעטן און אַלץ אַרויסגעגעבן... דער חשבון איז אַ פּשוטער: יענע לעבן, טאָ זאָלן ז יי כאָטש דערפון הנאה האָבן! דערפאַר אָבער האָבן פּיפּיקע מוחות באַשלאָסן נישט אַזוי שנעל צו קאַפּיטולירן...

...און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ש ל י נ ג ע נ י ש...

מ׳האָט אַראָפּגעשלונגען קלענערע און גרעסערע בריליאַנטלעך, פינ־גערלעך און קליינע גאָלד־שטיקלעך... מ׳האָט זיך דערביי געטראַכט, מיט אַ געוויסער צופרידענער באַרואיקטקייט: — באַלד קען מען אַרויסגיין אַפילו געגצלעך נאַקעט... אַ שטיק פאַרמעגן איז שוין איצט אַריינגעלייבט געוואָרן... און שפּעטער וועט דאָס איינענע לייב און געדערים נישט פאַר־ראַטן — נאָר עס אָפּגעבן פאַרדעקט, אין דער קאָנספּיראַטיוויסטער פאָרם.

...איז אָבער אַוועק אַ טאָג פון אומזיסטן וואַרטן. די לייט פון דער ס. ס. האָבן צייט. און דער מאָגן איז דערוויל דערשראָקן פונעם אויס־באַהאַלטן אַזאַ פאַרמעגנדיקן סוד. אָט הייבט ער אָן צו בורטשען אומצו־פרידן און אָט פאַרגייט ער זיך גאָר אין יסורימדיקע קרעמפּן און נעמט אין בהלה אַרויסוואַרפן פון זיך אַלצדינג, וואָס מ׳האָט נאָר אין אים אַראָפּגעלאָזט... דאָס טייערסטע — געמישט מיטן ביליקסטן, עקלדיקסטן מיסט...

האָבן זאָרגעוודיקע הענט זיך שעהן לאַנג געגראַבלט, אַדורכגעריבן דורך די פינגער יעדן ברעקל קויט — ביז זיי האָבן דאָס עיקרדיקע ווידער געפונען... שפּעטער האָבן זיי אויפסניי אָנגעוואָרפן די איינגעווייד דעם אייגענעם פּקדון...

...איז אַוועק אַ משוגענער גראַנגל צווישן די טעג און דעם פיזיאָלאָגישן געדראַנג. מ׳האָט זיך באַמיט איינצוהאַלטן די צעשפּאַרטע, אַיבערלעבע איבלדיקייט און נישט געקענט. האָט מען שפּעטער ווידעראַמאָל געמוזט זוכן עקשנותדיק און צום ווייפלטן מאָל דאָס זעלבע באַהאַלטן אין דעם מידן, פון גאָט אַליין אויסבאַהאַלטענעם בייטל... אויף דעם דריטן טאָג איז שוין נישט געווען מיט וואָס אַרויסצוגיין... דער אוצר איז בלויז געלעגן און שווער געדרימלט אויפן מאָגנס דנאָ. די לעצטע אינערע זאַפטן — אין גיריקייט נאָך עפּעס צום פאַרדייען — האָבן זיך דערויף געוואָרפן יעדעס מאָל אויפסניי, ווי אין אָנגריף און יעדעס מאָל האַרט־פּויסטיק אָפּגעשליידערט געוואָרן צוריק... האָבן זיי זיך בלויז ווי הונגעריקע וועלף צוריקגעצויגן אין זייערע איינגעטריקנטע אָדערן־נאָרעס אַריין — — —

...געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך מידערהייט אויסגעצויגן און געוואַרט אויף דער דערלייזנדיקער גאָרנישט ווערנדיקייט. זיי האָט שוין מער נישט אינטערעסירט.

דערפאַר אָבער האָט אַ נאָך רירעוודיקער שכן אָדער חבר געוווסט, וואָס עס חלומט נאָך אין דעם איינגעצויגענעם גוף און ער האָט צוליב דעם יענעם אַלעמאָל געוועקט פון דער הינער־פּלעט אַרויס:

— דו! פּרווו... אפשר וועט עס איצט גיין?... ס׳האָט געפּייניקט דער געדאַנק, אַז ביי יענעם ליגט אַ ווערט־זאַך, וועלכע די געשטאָרבענע אברים וועלן מיטנעמען אין פייער אַריין... אָ, ווער קען עס דען פאַרגעסן יענע בליקן, מיט וועלכע געזונטערע האָבן געקוקט אויף די וואָס האָבן דערווייל געמאַכט אַ חלומדיקן אויסשפּיר־גאַנג אין אַנדערע וועלטן אַריין!... אָ, ווער קען דען באַגרייפן, צו וואָס עס האָט אַלץ דערפירט מענטשן. אין מיטן אַ משוגענעם זינלאָזן אויפרייץ פון אַ באַהאַלטענעם פאַרמעגן, ביים שיין פון אַ כויט, וואָס מ׳קען אים אפשר בלויז מיט אָט דעם פאַרמעגן אויסמיידן!?

פון אַזויפיל אויגן לייען איך אַרום דעם משוגענעם אויפשווידער... אָט זע איך איינעם וואַכן איבער אַ פאַרחלשטן קערפּער פון אַ שכן. אים דוכט זיך, אַז יענער שטאַרבט אַוועק און ער ווייסט מסתמא וואָס עס טוט זיך אין יענעמס אינגעווייד... ער קוקט מיט פאַרצווייפלטן כעס און באַדויער: העי, וואָס טוט מען? וואָס טוט מען זיך דאָ פאַר אַן עצה?...

אַ יאוש און אַן עקל כאַפּט מיך אַרום צו די לעצטע מינוטן פון לעבן. כ'וויל שוין מער ממש גאָרנישט זען און הערן. ס'איז גאָרנישט געבליבן אויף דער וועלט, אויף וואָס מ'זאָל קענען אַ בליק טאָן... איך שפּרייט דערפאַר אויס מיין דעק, וואָס כ'האָב מיט זיך ווי אין הינערפּלעט מיטגעשלעפּט, צי זיך אויס אין אַ ווינקל און פאַרשטאָפּ אין מיר אַלע מחשבה־קוואַלן. ס'איז מיר עפּעס ווי גוט ביים דערשפּירן, אַז מ'קען זיך אַזוי אָפּוואַרפן פון גאַנצן טראַכטן און אָפּשטעלן דעם מינדסטן געדאַנק אין מיטן לויף. ליג איך אַזוי און ווער שווייגנדיק ווי די ערד אַרום מיר. איבער מיין קאָפּ שינדט אַ ווינט דעם בלויען קערפּער פון דעם הימל. שטיקער ברודיקע, וואָלקנדיקע וואַטע רייסן זיך אָפּ פון אַלע זייטן, נעמען זיך אָן ביי די הענט, פאַרשטעלן זיך מיט קאַלטענעוואַטע בערד און שאַרן זיך אַוועק אין אַ זייט... דער בלויער הימל פינטלט מיט זיינע גרויסע ווייסלעכער און פאַרהאַלט מיין בליק אינמיטן שפּאַרן זיך אין דעם אין־סוף אַריין. — — — —

# קאַפּיטל פיר

## I

ביי די דייטשן מוז אַלץ גיין פּאַרקערט. פּונקט ווי אויסגערעכנט צום דעזאָריענטירן. גראָד אונדזער גרופּע גייט אַריין די ערשטע אין באָד אַריין... אַ סך פון אונדז האָבן נאָך מיט זיך פאַרשידנס. מיין שכן אין דער ריי, סענדער, פאַרשלינגט אין דער לעצטער מינוט אויף אַ קונציקן אופן — קיינער זאָל נישט באַמערקן — דריי גאָלד־שטיקלעך... ער איז בלאַס פון שרעק. איך וואָרן אים: „וועסט זיך נאָך דערשטיקן!... אין בעסטן פאַל קענסטו באַקומען בויך־קרעמפּן און מ׳וועט זיך דערוויסן...״ ער שמייכלט אָבער צו מיר מיט אַ בלייכער צופרידנקייט: קיינער האָט נישט געזען... און ביי מיר איז עס נישט דאָס ערשטע מאָל... עס וועט זיין טאָן. אָבער — טאָמער וועט אויסקומען צו לעבן נאָך אַ וואָך, וועט דאָס מיר אַ סך לייכטער מאַכן...

קיין צייט צופיל צו טראַכטן איז נישטאָ... שנעל שלינגט אַזוי יעדער אַראָפּ וואָס ער קען: אַ בריליאַנטל, אַ בראָש, אָדער אַ קליינע ביז איצט אויפגעהיטענע גאָלד־מטבע „פאַר דער שווארצער שעה״... שוין ווערן מיר אַריינגעפירט אין אַ גרויסע באַראַק־האַלע, וווּ עס ליגן אויסגעמישט אַ באַרג מיט זאַכן, שיך... די טירן זענען שטאַרק באַוואַכט מיט ס. ס., אָבער אינעווייניק שטייען יידן, וואָס זענען דאָ אָנגעשטעלט ספּעציעל צום באַפעלן:

— אויסטאָן זיך!

די אויגן זוכן אַן אָפּגעזונדערט אָרט, וווּ אָוועקצולייגן די זאַכן. מ׳ווייל

נאָך א מינוט לעבן מיט דער אילוזיע, אַז די בגדים, וועלכע הענגען נאָך אויפן קערפּער, זענען דיינע און דו מוזט נאָך זאָרגן, זיי זאָלן דיר נישט אַוועקקומען... די מאָדנע יידן אָבער, וואָס שטייען דאָ צעשטעלט אין אַלע זייטן, פאַרשטייען דיך אויפן ווינק. זיי ווענדן זיך צו אַזעלכע זוכנדיקע אויגן אויף דייטש:

— ניין, חברל! דאָס גאַנצע אָנטועכץ גייט אויף איין באַרג. איר וועט באַקומען אַנדערע בגדים...

פאַרצווייפלט כאַפּן זיך די פינגער צום אַרבל־ראַנד. דאָרט האָב איך נאָך איינגעניייט טויזנט זלאָטעס, צוגעגרייט פאַר דער שעה, ווען כ׳וועל האָבן די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. א האַנט נעמט מיך אָן פון הינטן:

— צו וואָס טויג עס, ברודערקע? וווּ וועסטו עס דען פאַרשטעקן? אַז די ס. ס. קוקן אַריין מיט לעמפּלעך אפילו אין נאַקעטן הינטן אַריין...

כ׳פאַרשעם זיך פאַר זיך אַליין: געהאַלטן דאָס געלט! אויף וואָס? געקענט איבער דער צייט בעסער לעבן... א חבר געקענט מער אַרויס־העלפן... צו וואָס געוואָלט פאַרזאָרגן א צוקונפט, ווען ס׳איז דערצו דער מוט נישט געווען?...

א מינוט בלויז נעמט מיך אַרום דער פּוסטער באַנג. כ׳דערמאָן זיך וויפל מאָל ס׳איז אין לאַגער אַריינגעשמוגלט געוואָרן א שטיקל ווייס ברויט, און איי און — כ׳האָב נישט געקויפט... געהאַלטן, אַז די לעצטע פּאָר זלאָטעס קענען דינען אַמאָל אויף צו קויפן א רעוואָלווער. איצט לאָכן זיי פון מיר דורכן פאַרנייטן אַרבל אַרויס...

כ׳מוז שנעל פון זיך אַראָפּוואַרפן די בגדים מיינע. אַלע זענען שוין פּאַרטיק און איך בין פון די לעצטע. מען רייסט זיי שוין פון מיר אַראָפּ. איצט פיל איך ערשט, אַז כ׳האָב נישט וואָס צו באַדויערן. ניין! נישט פון קאַרגשאַפט־וועגן האָט זיך אָפט נישט געגלוסט צו קויפן! כ׳האָב אי־בערהויפּט נישט געקענט פועלן ביי זיך אויסמיטן דעם טיפן טרויער נאָך דער משפּחה, אויסמיטן דער סכנה וואָס רינגלט אַרום — זיך זאַט אָנצו־עסן... און פאַר חברים? אויך פאַר זיי האָב איך דאָך עטוואָס געטאָן! אין מיין נאַקעטן שפּרייזן שעם איך זיך פאַרן נאַר וואָס באַדויערן דאָס געלט... וואָס איז? און די משפּחה? און די חברים... און דאָס גאַנצע

פֿאָלק... און וואָס איז מיט די אָנגעשריבענע ווערק, וועלכע כ'האָב דאָ מיטגעבראַכט, אינעם זעקל שמאַטעס געהילט?

ניין, דאָ ווו מ'לאָזט איבער דאָס לעבן, ווען מ'קומט אַהער נאָך גרוילן און נעכטיקן פֿאַר־אומקום, טאָר גאָרנישט קיין שאָד זיין!

שטייענדיק נאַקעט, האָב איך זיך געשפּירט ווי פֿאַרלייכטערט. אָט האָב איך געהאַט עפּעס אין די בגדים, אַזעלכעס וואָס האָט מיך געפּעני־טעט, געבונדן מיין מחשבה־זאָרג... און איצט, איצט האָט דער געדאַנק זיך אַרויסגעריסן פֿון אַלע קלאַמערדיקע פּעדעם...

דורך דער טיר מוז מען לויפֿן. ביים אַריינגאַנג קוקט אַ ס. ס.־מאַן מיט אין די ציינער אַריין, אין האַלדז, און אין די טיפֿע, סודותדיק-פֿאַר־שטעלטע ערטער אין קערפּער.

ביי עמעצן געפֿינט מען וואָס־דאָרט פֿאַרשטעקט אין אַ באַקצאָן; ער ווערט אַוועקגעשטעלט באַזונדער. יעדער מוז שנעל אַדורכלויפֿן, נאַ־קעטערהייט, ביזן צווייטן באַראַק. עס ווערט נאָכגעקוקט יעדער אויפֿגע־הויבענער פֿוס־לידקע, יעדן קנאַפּל. אַ גומענער שטעקן ווייזט שטום אָן, וווהין צו גיין: רעכטס אָדער לינקס? מיר לויפֿן און מיר ווייסן אַליין נישט דערפֿון. דער געדאַנק מיינער וואַכט ערשט אויף, ווען כ'דערשפּיר אַרום זיך אַ צעפּאַרעטע לופֿט. הע, טאַקע אַ באָד!?...

אַ מידע שנייד־מאַשינקע לאָזט אויס איר גאַנצן אויסגעמאַטערטן כעס צו דעם גאַנצן גוף. זי צופּט נערוועז די האָר פֿון די פֿאַרשעמטסטע טיילן אינעם קערפּער און יעדער צופּנדיקער שטאָך זאָגט דיר אָן אין אַלע מוח-קעמערלעך: דו! דו לעבסט ווייטער... דו לעבסט!???

## II

שפּעט פֿאַרנאַכט האָט אונדז די „שרייב־שטובע" נישט געקענט צו־טיילן קיין ספּעציעלן באַראַק צום שלאָפֿן. איבעריקנס זענען אַלע באַראַקן אָנגעשטאָפּט געווען מיט מענטשן. גראָד האָט מען אין די זעלבע טעג גע־בראַכט פֿון טרעבלינקע קיין מאַידאַנעק 15 טויזנט יונגע יידן, וועלכע האָבן אַנטיילגענומען אין וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד. אַ גרויסן טייל

•

פון זיי האָט מען אריינגעקוועטשט אויפן דריטן „פעלד" (אזוי האָט מען גערופן די באַזונדערע לאַגער־אָפּטיילונגען אין מאַידאַנעק). און ס'איז דערפאַר נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אונדזערט וועגן. גאַנץ באַזונדער האָט מען לעצטנס געבראַכט אַ גרויסע צאָל מענטשן פון אַלע אייראָפּעאי־שע לענדער, פאַר אַלערליי חטאים. און אַלע אריינגעקוועטשט אין די לאַנגע פערדס־באַראַקן.

אונדזער גרופּע האָט מען ארויפגעפירט אויפן דריטן „פעלד". דאָ האָבן זיך שוין געפונען עטלעכע טויזנט יידן פון ווארשעווער געטאָ. די גרעסטע טייל איז אהער געבראַכט געוואָרן מיט ווייניקע טעג צוריק, נאָכן אויפשטאַנד, פון טרעבלינקע ארויס.

עס זענען שפּעטער געווען פאַרשידענע קאָמענטאַרן, פאַרוואָס די דייטשן האָבן עס גענומען מענטשן, וואָס האָבן קענען זיי געשאָסן, זיי געפירט צום טויט אין טרעבלינקע און ערשט דאָרט אָפּגעקליבן די יינגערע און געזונטערע קיין מאַידאַנעק און זיי לעבן געלאָזט „צו דער ארבעט"... איין מיינונג איז געווען, אַז דאָס טוען זיי ספּעציעל, כדי דערמיט צו באַ־ווייזן די פאַרצווייפלטע און באַהאַלטענע קעמפער אין געטאָ, אַז מען ווערט נישט געפירט אויף קיין זיכערן טויט... ווען זיי וועלן הערן, אַז עס זענען נאָך דאָ שאַנסן צו בלייבן לעבן — וועלן זיי זיך מסתמא שנעלער אונטער־געבן... אַ צווייטע מיינונג איז געווען, אַז די דייטשן ווילן דערמיט נעמען אַ גרעסערע נקמה אין די אויפשטענדער. זיי ווילן נישט פאַרגינען די רע־וואָלוציאָנערן — וואָס האָבן מיט זייער אויפשטאַנד ארונטערגעריסן דעם דייטשישן „פּרעסטיזש" — אַ לייכטן, צען־מינוטיקן טויט. זיי האָבן בע־סער זיי פאַרמשפּט צו אַ לאַנגן גסיסה־טויט און צו לאַנג־וואָכיקער פּיין...

געווען אויך אַ דריטע סברא פון אייביקע אָפּטימיסטן, וואָס האָבן עס צוזאַמענגעבונדן מיט דער פּאָליטישער סיטואַציע... דער דייטש — האָבן זיי געזאָגט — האָט שוין היינט אַביסל מורא פאַר דער וועלט... גאַנץ באַזונדער באַדאַרף ער היינט מער ארבעטער: די רוסן הייבן אָן צו אַטאַקירן...

ביי די דייטשן האָבן אַלע געקענט גערעכט זיין... אַלץ האָבן זיי גע־נומען אין חשבון...

עס איז אָבער אויך געווען אַ קליינע גרופּע וואַרשעווער יידן, וואָס זענען שוין דאָרט געווען איבער צען חדשים. זיי זענען באַשטאַנען פון פריערע געטאָ־פּאָליציי, אַסימילירטע יידישע אינטעליגענץ און משומדים פון געטאָ ווי אויך געוועזענע „אונטערוועלטלער". זיי האָבן זיך נאָך פריער צוגעשטעלט צו דער דינסט פון דער ס. ס. און אַזוי אַרום געראַטע־וועט זייער שמוציק נפש. זיי האָבן דאָ פאַרנומען די פּאָסטנס פון בלאָק־עלטסטע און באַראַקן־שרייבער. זייענדיק אַזויפיל חדשים דאָ די באַפעל־אויספירער פון דער ס. ס., זענען זיי געוואָרן נאָך ברוטאַלער און אכזריות־דיקער... צום ערשט האָבן זיי געטאָן דאָס, וואָס זיי האָבן בלויז געמוזט טאָן, וועלנדיק צופרידנשטעלן די מאַכט־האָבער, ביי וועלכע מ'האָט גע־קענט גיין אין גאַז־קאַמער פאַרן מינדסטן חטא. דאָס אכזרישע איז אָבער ביסלעכוויז אַריבער פון די באַפעל־אויספירנדיקע הענט אין אַלע אברים אַריין, אין דעם מוח, אין דער נשמה... די אַלטאָגיקייט פון פּייניקן איז געוואָרן זייער צווייטע נאַטור.

טאַקע זיי האָבן עס אונדז אָפּגענומען ביים טויער פון דער ס. ס. און אָנגעהויבן פון אונדז אויסצושטעלן גלייכע רייען. מיר זענען סיי־ווי באַלד אַלע געשטאַנען ווי די סטרונעס. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז מיר זאָלן באַקומען פון זייערע הענט קלעפּ ווי האָגל. איינער, מיט אַ גרויסער „עלטסטען"־באַנד, איז גראָד געשטאַנען נעבן מיר און כסדר מיך גע־האַלטן גלאַט אַזוי אין איין שלאָגן מיט אַ מעבטיקן דראָנג. ווי אינסטינק־טיוו האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן אַ שאלה:

— פאַרוואָס שלאָגסטו?

ער האָט זיך אָבער אומהיימלעך־הייזעריק צעלאַכט:

— וואָס? דו ווייסט נאָך אַלץ נישט? אָט פאַרוואָס: ווייל דו ביסט אין ק אַ ־ ע ל! פאַרשטאַנען?...

איך האָב שוין פאַרשטאַנען... און געשוויגן. ער האָט זיך אָבער עפּעס דערמאָנט און ווי צו זיך אַליין צוגעגעבן:

— איר וועט זיך דאָ אויסלערנען וואָס־ווייניקער פרעגן... אויב איר וועט נאָך האָבן איבערהויפּט צייט דערצו...

נאָכן איבערציילן אונדז צום ווּפלטן מאָל האָט מען אונדז צעטיילט

אין פֿארשידענע באראקן אריין. יעדער איינער פֿון די בלאָק-עלטסטע האָט זיך באַקומען אַ גרופּע, וועלכע ער האָט ערגעץ־ווו אוועקגעפֿירט. צו מיין גרופּע איז צוגעקומען דער הייזעריקער, מיטן גרינעם רעקל, וואָס האָט מיך נאָר־וואָס געשלאָגן און מיט אַ הערשער-טאָן דערקלערט:

— איר גייט מיט מיר. איך בין איצט אייער עלטסטער, אייער הער־שער, אייער גאָט... פֿארשטאנען?... איך קען אייך איצט אַלע דערהרגענען און טאָן מיט אייך, וואָס מיר וועט געפֿעלן... דאָ איז ק אַ ־ ע ל ! גע-דענקט עס גוט, הורנזין! און איצט — קיין פּיפּס מער!...

מיר האָבן אַלע אַ בליק געטאָן אויפֿאַמאָל און דערזען דער באַראַק־נומער: נ יי נ צ ן !...

## III

די באַראַקן אין לאַגער זענען געווען לאַנג און שמאָל. קיין ליכט האָט מען נישט געטאָרט ברענען, נאָר ביינאַכט האָט מען זיך געמוזט לייגן אין דער פֿינצטער. קיין פֿענצטער זענען אין די באַראַקן נישט געווען, ווייל זיי זענען געווען פֿערדס־שטאַלן. בלויז אין דער סאַמע הויך איז געווען אַ שמאָלער, גלעזערנער פּאַס, דורך וועלכן די לבנה פֿלעגט אריינשמוגלען אַ בינטל בלאַס־דערשראָקענע שטראַלן, וועלכע זענען אַראָפּגעפֿאַלן און זיך צעשיט אויף די דריי־גאָרנדיקע הויכע בעטן.

ווען מיר זענען אריינגעקומען, איז שוין געווען טונקל. מ'האָט גע-מוזט איבערלאָזן די הילצערנע טרעפּ אין דרויסן און אויף די שפּיץ־פֿינגער אריינשלייכן זיך, נישט אַרויסצולאָזן דעם מינדסטן פּיפּס. טאָ־מער האָט ווער אַ שטילן הוסט געטאָן, האָט ער באַלד באַקומען אַ זעץ, נישט ווויסנדיק אַפֿילו פֿון וועלכער זייט עס קומט.

אין באַראַק זענען געווען ווייניק בעטן און מען האָט אונדז געזאָגט, אַז דערווייל וועלן מיר מוזן שלאָפֿן אויף דער ערד. עטלעכע מאָל זענען אַרויס צו דער קיך ברענגען עפּעס צו עסן. מיר זענען געווען טויט־מיד און שרעקלעך הונגעריק, דאָך איז יעדער צופֿרידן געווען צו גיין, ווייל

יעדער האָט געוואָלט זיך אַרומקוקן ווי אַזוי עס זעט דאָ אויס. איך בין איינער פון זיי.

ביי דער קיך טרעפן מיר צווישן די וואַרטנדיקע אַ סך יידן. זיי הערן, אין וועלכן באַראַק מיר זענען און זיי שמייכלען טרויעריק. דער „ניינצנ־טער" איז אַ שם־דבר אויפן דריטן פעלד... דאָס איז דער ספּעציעלער באַ־ראַק, וווהין מ'קלויבט אָפּ די באַשטימטע צו דער גאַז־קאַמער... מיר דאַרפן זיך — זאָגן זיי — אויך נישט זאָרגן פאַר קיין בעטן, ווייל יעדע צוויי־דריי טעג ווערן דאָ פריי הונדערטער בעטן... „וועט איר לעבן — טרייסטן זיי אונדז — וועט איר האָבן אויף וואָס צו שלאָפן... אפילו די אַנדערע טראַנספּאָרטן וואָס וועלן קומען נאָך אונדז — וועלן אויך האָבן... די דייטשן אַרבעטן מיט אַ געניועם פּלאַן..." ווי מאָדנע גלייכגילטיק די מענ־טשן דאָ רעדן וועגן דעם! עס יאָגט פון זיי מיט אַ פאַרגליווערטער גלייכ־גילטיקייט, וואָס אונדז אפילו איז עס פרעמדלעך. מיר טראָגן שנעל אַוועק די שווערע אייזערנע פעסער זופּ, וועלכע ווערן צעטיילט ביי אַ טויטער שטילקייט. עס דוכט זיך מיר, אַז טאָמער וועלן מיר דאָ לאַנג זיין, וועט מען סיי־ווי פאַרלירן דאָס לשון.

אין דער טיף פון באַראַק זענען דאָ בעטן, אָבער אויף יעדן פון זיי בערגלט זיך שוין אַן איינגעקנוידערטער גוף. מיר מוזן זיך דערפאַר אויס־ציען אויף די שטרוי־זעק, וואָס ליגן אויסגעשפּרייט אין די זייטן און וואַרטן אויף דעם וואָס קומט.

# קאַפּיטל פינף

## I

ס'איז געווען די ערשטע נאַכט. דער גאַנצער אַזוי־שווערער טאָג מיט אַלע איבערלעבענישן און איינדריקן, וועלכע מ'האָט אַ גאַנצן טאָג קיין צייט און קיין קאָפּ נישט געהאַט צו פאַרדייען, האָט זיך פּלוצלינג געטאָן אַ כוואַליע אין קאָפּ אַריין און נישט געלאָזט איינדרימלען. אָט האָב איך געוואָלט אויף כוח איינדרימלען. ווייִס איך דאָך, אַז מאָרגן גייט ערשט פאַר אונדז, פרישע „צוגענגע", יעדן טאָג ווי געוועלנלעך אין אַ נייעם לאַגער. מוז יעדער אויף זיין שטייגער איבערקומען די נאַכט און זיך אַביסל אויסרוען.

פאַרשידענע געדאַנקען פון איין זייט און די האַרטע ערד פון דער צווייטער זייט לאָזן מיך אָבער נישט איינדרימלען. ליג איך מיט אָפענע אויגן און אויערן און הער זיך צו צו דעם מינדסטן שאָרך אין דער אומדהיימלעכער טונקלקייט.

אַ פאַרזיכטיק עפענען פון דער טיר רייסט מיך אויף אינגאַנצן... כ'זע ווי דורך דער עפענונג שלייכן זיך אַריין עטלעכע טונקעלע געשטאַלטן. איינער, אַ דיקער, טוט אַ הייזעריקן הוסט. די אַנדערע פאָלגן אים נאָך שטיל, נישט אויפצוועקן די האַלב-דרימלענדיקע. אַ פיינלעכע שטילקייט. אין מיין אונטער־באַוווסטזיין טויכן שוין אויף פאַרשידענע פאַר־אַנונגען, וועלכע איך באַמי זיך צו דערשטיקן, נאָך איידער זיי דערלאַנגען זיך צום געדאַנק. עפּעס וועט אָבער דאָך געמאַכט ווערן דאָ!... ביים מאַטן שיין

פון דער לבנה זע איך ווי איין געשטאַלט ווייזט אָן דעם הייזעריקן אויף א באַראַק־זייל, אין סאַמע מיטן... די אַנדערע שטייען ביי די זייטן און שושקען זיך עפּעס אינדערשטיל. איך האַלט איין מיין לעצטן ברעקל אָטעם, בכדי אויפצוכאַפּן עפּעס אַ וואָרט, אַ טאָן... איך קען עס אָבער נישט באַווייזן. זייער שמועס דאָרט איז זייער שטיל און מיין אויפגערודערטער נערוון־סיסטעם יאָגט אָן אַזויפיל רעיונות אויפאַמאָל צום טראַכטן, אַז איך קען נישט באַווייזן נאָך עפּעס אין זעלבן מאָמענט אויפצוכאַפּן...

ענדלעך ווערט צוגעטרעטן צו דער „אַקציע״:

איין הויך געשטאַלט דערנענטערט זיך צום ערשטן־בעסטן ליגנדיקן מענטש מיט אַ פּליסטער־שפּראַך, אין דייטש:

— האָסטו אַ לעדער־רימען? — ניין!?... און אַזוי אַ צווייטן, אַ דריטן...

ענדלעך טרעפט ער אָן ביי עמעצן אַ לעדערנעם רימען אויף די הויזן. דער רימען ווערט שנעל פון יענעם אַראָפּגעצויגן. דער אייגנטימער, וואָס האָט אין דער פינצטער דערקענט דאָס הויכע געשטאַלט, בלייבט האַלב־אויפגעזעצט, פּאַרטייעט פון שרעק און נייגער, פון דעם וואָס דאַרף דאָ באַלד פּאַרקומען... דער דיקער און הייזעריקער גייט דערווייל אַרום מיט אַ טאַשנלעמפּל און באַלויכט די שלאָפנדיקע... איבערהויפּט באַטראַכט ער די פּיס ביי יעדן... אַ דריבנער שוידער גייט אַדורך דורך דעם לייב, ווען ער באַטאַפּט מיט זיין האַנט די פּיס־שפּיצן מיינע... פון זיך אַליין טוט עס מיט מיר אַ וואָרף. אַ שאַרפּע שטים, אין וועלכער עס ליגן אַלע דראַ־אונגען אין דער וועלט, באַפעלט ציִשנדיק אויף דייטש: — ל י ג ן ב ל יי־ב ן ! . . . און אַלץ אין דיר ווערט פּאַרשטייפט פון בלויזן אָטעם זיינעם.

ענדלעך קומט דער פליסטערנדיקער באַפעל צו איינעם פון די ליגנ־דיקע אויף דער ערד: ק ו ם ! — — —

אַ הערשראָקענער סילועט שלייכט זיך שטיל נאָך דעם דיקן, באַפעלנ־דיקן געשפּענסט, ביז צום באַראַק־זייל, אינדערמיטן. דער אַנדערער, דער הויכער, גרייפט אָן דעם צוגעפירטן ביי די הענט און שלעפּט אים צום האָליץ־זייל. אָטעמלאָז קוקן מיר צו, ווי ער פּאַרוואַרפט אין דער פינצטער עפּעס איבער יענעמס האַלדז... דאַן ציט ער עפּעס איין מיט אַלע כוחות...

אַ טונקל געפיל מאַכט דיר תיכּף אַלצדינג דייטלעך און קלאָר: אהא! דאָס פּאַרציט ער אַזוי דעם לעדער־דרימען!... — — — —

דער דערשטיקטער איז פּאַרטיק. פאַרזיכטיק לייגן אים ביידע אַנ־דערע געשטאַלטן אויף דער ערד און ס׳וועררט ווידער אַרויסגערופן אַ צוווייטער מענטש פון דער ריי... און אַזוי אַ דריטער... אַ צענטער... אַלע ליגן און מאַכן זיך שלאָפן, כאָטש דאָס האַרץ צעשפּרינגט ביי יעדן און עס דוכט זיך, אַז דאָס קלאַפּן הערט מען ביי דער טיר...

די טויטע ווערן אַריינגעלייגט צווישן די שלאָפנדיקע... איינעם דאָ און איינעם דאָרט — ווי קיינמאָל גאָרנישט... דאָס געדויערט אַזוי שעהן. וויפל? ווער קען דען מעסטן די צייט מיט די געוועגלעכע אָפּגעלעבטע מאָסן, וועלכע אַ קליין קיילעכיק אינסטרומענטל האָט געקענט האַלטן אין צוים!???

...ווידער האָט די טיר זיך געררווישלאָז אויפגעמאַכט און די נאַכט־שדים זענען איינער נאָכן צווייטן פאַרשוווּנדן אין דער אָפענער, פאַרטאָ־גיקער בלויקייט אַריין... עס ווילט זיך אַזוי אויפזעצן, אָפּטרייסלען אַביסל פון זיך דעם קאָשמאַר וואָס דערוועגט דיך אין דיין וואַכער האַלוצינאַ־ציע... דו ווילסט איצט דערזען עפּעס קלאָרערס אַרום דיר... אַן אומגע־ריכט־שווערער זעץ איבערן קאָפּ וואַרפט דיך צוריק צום געלעגער... אהא! דער בלאָק־עלטסטער! — — —

און דורכן בלויעם שאַריען פון די שפּאַרעס האָט אַ ליכט אַרומגעלעקט דעם ניי־געבוירענעם טאָג... ווי אַ חוזק האָט אויסגעזען דער, אין דער זעלבער מינוט געבוירענער געדאַנק: „ס׳איז בלויז   א י י ן   נאַכט גע־וועזן! . . .

ד י   ע ר ש ט ע   נ אַ כ ט   אַ י ן   מ אַ י ד אַ נ ע ק — — —

## II

פּאַרטאָג. ווי יעדן פרימאָרגן ווערן אַלע אויפגעשטעלט צום אַפּעל. יעדער בלאָק (אין לאַגער האָט יעדער באַראַק זיך גערופן „בלאָק". די מענטשן פון אַט דעם בלאָק האָבן געהאַט אַן איינענעם „עלטסטן", האָבן

צוזאמען באקומען זייער עסן און געגאנגען. עפ״י רוב ארבעטן אויף דער זעלבער ארבעטס־שטעל) שטייט זיך גרייט נאר אפצוגעבן דעם ראפארט און אפמארשירן צו דער ארבעט.

ווי יעדעס מאל — טראגט מען אויך איצט ארויס די געשטארבענע פון יעדן באראק, אין פארלויף פון דער נאכט, צום „צאפפענשטרייך" (פרי־מארגנדיקע ציילונג). אלע שטייען אויסגעשטעלט ווי פעסט־איינגעגראבענע סלופעס, נישט א ריר צו טאן מיט אן אויג־ברעם. דיסציפלין.

— א כ ט ו נ ג ! ! !

אפילו דאס פאפיר, וואס וואלגערט זיך אויף דער ערד, האט מורא א שארך צו טאן, אדער זיך א ריר צו טאן... דאס קומט איצט דער בלאק־בירער אפנעמען די צאל.

די לעבעדיקע שטייען צו צען אין א ריי און אין דער זייט, וווּ די לעבעדיקע ריי ענדיקט זיך, ליגן אויסגעלייגט די טויטע... פיין, אין אר־דענונג, צו צען אין דער ריי... געגוי ווי די לעבעדיקע. ווייל אין ק. ל. פארפליכטעט די טויטע די זעלבע לאגער־דיסציפלין, ביז צום פארברענען, ביז צום ווערן אש...

דער הויכער בלאק־פירער נעמט אלץ אויף נארמאל: ער פארצייכנט די צאל טויטע און די לעבעדיקע און וויל זיך ווייטער גיין זיין וועג. פלוצלינג טראגט עס אן עפעס א ס. ס.־מאן מיט א העכערער פונקציע אויף א מאטאציקל. ער דערזעט די צאל טויטע נעבן דעם אויסגעשטעלטן בלאק. גראד ציט דאס היינט זיין אויפמערקזאמקייט...

ער שפרינגט האסטיק אראפ פון זיין מאטאר און פליט צו צום בלאק־עלטסטן:

— העי, דו! וויפל טויטע האסטו עס היינט אין בלאק דיינעם!?

דער בלאק־עלטסטער ווערט עטוואס בלייך... עפעס אנט ער שוין... ער באהערשט זיך אבער און ענטפערט גלייך:

— ד ר יי צ ן! הער אבערשארפירער!

דער ס. ס.־מאן איז רואיק, ביז גאר:

— אזוי! 13 — זאגסטו. און וויפל האסטו געהאט נעכטן, צום אוונט־אפעל?

— ק י י ן טויטן! הער אַבערשאַרפירער!... — קלינגט אַ נישט דרייסטלעכער ענטפער.

— אויב אַזוי — פרעגט דער אַבערשאַרפירער — ווי אַזוי איז דען מעגלעך פון נעכטן ביינאַכט ביז היינט פאַרטאָג — ד ר יי צ ן  ט ו י־ ט ע !

„דרייצן טויטע!" קאַכט זיך „אויפריכטיק" דער אַבערשאַרפירער אין לובלינער ק. ל. — ווו יעדן טאָג ווערן פאַרגאַזט הונדערטער און טויזנטער...

דער בלאָק־עלטסטער הייבט שוין אָן צו ווערן צעטומלט אויף אַן אמת... און די פראַגן נעמען דערוייל האַגלען אויף זיין קאָפּ אָן אויפהער. האָט ער נישט קיין עצה. שווייגט ער. יענער אָבער זויגט זיך אין אים איין ווי אַ פּיאַווקע, נישט נאָכצולאָזן:

— דרייצן מענטשן שטאַרבן נישט פון דער העלער הויט... זיי מוזן פריער — לויט אַלע פּיזישע געזעצן צוערשט קראַנק זיין... דו האָסט, הייסט עס, אויסבאַהאַלטן קראַנקע מענטשן ביי זיך אין באַראַק... פיין! אַ פּרימאַ בלאָק־עלטסטער ביסטו... נישטאָ וואָס צו רעדן...

דער בלאָק־עלטסטער צאַפּלט אויף. דאָ רייסט זיך שוין ביי אים פון זיך אַליין דער ענטפער:

— זיי זענען נישט געווען קראַנק, הער אָב...

אָבער דאָ טריאומפירט שוין יענער, ווי ער וואָלט שוין געהאַלטן דעם פיש אין דער נעץ:

— ...אַזוי! זיי זענען געווען געזונט, זאָגסטו? ווי אַזוי־זשע שטאַרבן עס אַוועק 13 געזונטע מענטשן איבער נאַכט? הרגעסטו זיי נישט אַמאָל אַליין, בכדי דערמיט צו פאַרשוואַרצן אונדזער פּנים ביי דער וועלט? מ'זאָל זאָגן, אַז די מענטשן (ער האָט די גאַנצע צייט נישט דערמאָנט דאָס וואָרט „ייד"...) ווערן ביי אונדז אין די לאַגערן אויסגעמאָרדעט??? זאָג!???

דער בלאָק־עלטסטער האָט שוין פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט. ער האָט כמעט וויינענדיק אַרויסגעפּלאַצט:

— הער אָבערשאַרפירער... זי וויססען דאָך... די „העפטלינגע" זע־נען... דערשטיקט געוואָרן...

אָבער דאָ איז דעם בחורס פּנים נאָך מער רויט געוואָרן פאַר היי־ליקן צאָרן:

— וו אַ ס ס ס ! ? וואָס האסטו געזאָגט? וואָס האָסטו געזאָגט!? דו דרעק־יודע דו!??? ווער דערשטיקט עם „לויטע" ביי אונדז אין לאַ־גער!? שוין זאָלסטו מיר אָנווייזן אויף אַזעלכע פאַרברעכער!... ציינ מאַל, דו שווינענהונדע!...

ווידער אַ פיינלעך שטילשוויינן... און דאַן ווידער אַן אויסמיידנדיקע תשובה:

— הערר... דער לאַגער־עלטסטער וואַר דערביי...

און ווידער אַ רציחהדיק אויפקאָכעניש... זידלערייען... אַ געשריי איבערן גאַנצן אַפּעל־פּלאַץ:

— דער לאַגער־עלטסטער!!! דער לאַגער־עלטסטער — זאָפאָרט צום — — —

באַלד וויגט זיך די שווערע מאַסע פלייש פון אונדזער לאַגער־עלטס־טן אויף די צוויי שכורע פיס... שוין פון דערווייטנס הערט מען זיין היי־זעריק־דעגענערירטע שטים: ז אָ פ אָ ר ט ! . . .

אַ שטילקייט פון אַ מיליאָן בית־עלמינס...

פּנים קעגן פּנים... אויג אָקעגן אויג...

דער אָבערשאַרפירער איז שוין איצט צוריק רואיק. זיין שטים איז מאָדנע־ווייך און דין:

— ביסטו געווען דערביי, ווען די דרייצן מאַן זאָלן ביינאַכט האָבן דערשטיקט געוואָרן?

אַ טונקעלער סקריפּ:

— אי ך ? ? ? ? אי ך ? ? ? ?

די ס. ס.־שטים:

— נישט אויפרעגן זיך, לאַגער־עלטסטער! דיין יודע זאָגט אַזוי...

און ווידער אַ צאָרנדיקער, אויפגערעגטער ווערטער־מבול:

— דו פאַרפלוכט־דרעקיקער מיסטקאַסטן, דו דרעק און זאַואוהאַאופען

איינער, האָסטו דאָס אַליין געזען ווי אָט דער „העפטלינג" און לאַגער־עלטסטער פון דריטן פעלד, וועלכער שטייט דאָ אַקעגנאיבער דיר, איז בייגעווען ביים דערשטיקן די 13 „העפטלינגע" פון דיין בלאָק?

ווידער א בליקן צו די טויטע... דער קרוצפּאַרהער לאָזט אָבער נישט דערשטיקטער, אָבער דאָך קלאָרער ענטפער:

— יא!...

ווידער לויפן ארום די ספּעציעלע לאַגער־שרייער אויסרופן איבערן אַפּעל־פּלאַץ: — דער לאַגער־אַרצט!...

דער יידישער לאַגער־דאָקטאָר, מיט זיין דיקער, צעדרייטער פיגור דערזעט נאָך פון דער ווייטנס, ווער עס רופט אים... ער נעמט פאַר שרעק ווישן די אָן־ראַמענדיקע ברילן זיינע צום ווייפלטן מאָל, רוקנדיק זיך מיט זייטיקע שריט אין דער ריכטונג פון אָבערשאַרפירער, מיט דער גאַנ־צער וועלט פחד אין די אויגן...

אויף זיין קאָפּ נעמט אויפסניי האָגלען דער גאַנצער ים מיט זיד־לערייען:

— דו אַזוינער און אַזעלכער (ווי דער געוועגלעכער נוסח פון דער ס. ס. בפרט צו אַ ייד — הגם אַן אַסימילירט־סלאָוואַקישן דערצו...), האָס־טו שוין באַטראַכט די דרייצן מאַן? דאַננערוועטטער, מענטשן שטאַרבן דאָ אין לאַגער און דו געפינסט אַפילו נישט פאַר נויטיק זיי צו באַטראַכטן. צו העלפן זיי... פאַרוואָס ביסטו אייגנטלעך לאַגער־אַרצט?

ווידער צאַפּלט זיך אַ מענטשלעך לעבן, אַ נעבעכדיקס און קליינס אונטער די שטעכיקע שלאַנגען־אויגן פון דעם הויכן... וואָס שיסן מיט פייער און „גערעכטן" צאָרן...

דעם דאָקטאָרס קורצזיכטיקע אויגן טאַפּן ארום דערשראָקן יעדן איי־נעם פון דער טויטער ריי, ווי ער וואָלט ביי זיי געזוכט דעם ענטפער אויף די דראַסטישע פראַגעס... ענדלעך שיסט ער אַרויס:

— הער אָבערשאַ... די „לויטע" שיינען נאָך צו האָבן געווען פאַרן טויט גאַנץ געזונט. איך האָב דערפאַר גאָרנישט נישט געקענט וויסן...

און ווידער אַ טריאומף־גלאַנץ אין די גרינע שפּיזנאַויגן:

— אַלזאָ, זענען זיי געווען געזונט, זאָגסטו? דו ביסט אַרצט — מוזטו

דאָך אוודאי ווייסן: וויאַזוי קענען עס געזונטע מענטשן פּלוצלינג גלאַט אַוועקשטאַרבן? אינטערעסאַנט וואָס דיין פאַרשייסטע מעדיצין זאָגט וועגן דעם...

ווידער אַ בליקן צו די טויטע... דער קרייצפאַרהער לאָזט אָבער נישט אָפּ:

— זיי זענען געזונט געווען, זאָגסטו? האָבן זיי דאָך געמוזט אומקומען מיט אַ נישט נאַטירלעכן טויט. קענסטו, ווי אַן ארצט, דערקענען די שפּורן פון אַזאַ אַרט טויט אויף זייער קערפּער?

ווידער אַ פאַרצווייפלטע סיטואַציע. נאָכאַמאָל אַ נעבעכדיק, דאָקטאָרישׂ ארומטאַפּן די גופים... און דאָ בריען די אָנגעשטרענגט־געשפּאַנטע בליקן: פון אָבערשאַרפירער, פון לאַגער־עלטסטן און פון בלייכן צום טויט בלאָק־עלטסטן... הייסע שוויס־טראָפּנס גיסן זיך פון דאָקטאָרס פּנים:

— ניין, מ׳דערקענט נישט קיין שפּורן פון אַן אומנאַטירלעכן טויט... קיין גרונדן דערצו...

טריאומפירנדיק וואַרפן זיך צוויי פּאָר אויגן צום האַלב־פאַרשטיינערטן בלאָק־עלטסטן: אַנו, זעסטו?...

דער אָבערשאַרפירער קען זיך שוין מער „נישט באַהערשן" און צעשרייט זיך אויפן גאַנצן האַלדז:

— דו יידישער קריפּל! דו לעבסט אין אַ וועלט פון וואַנזיניקע האַלוציניציעס און דערפאַר קומסטו באַשולדיקן דייטשע מענטשן אין דערשטיקן, אין מאָרד? דו אַרש־גייגע, דו מיסט, דו... דאָקטאָר, קענסטו געוויסע שאַרפע מיטלען פאַר גייסטיק קראַנקע? — — — —

דער עפּילאָג פון דער געשיכטע איז אַ גאַנץ קורצער:

דער דאָקטאָר האָט געמוזט צוזאַמענשטעלן אַ גענויעם פּראָטאָקאָל, אַז די דרייצן מענטשן זענען געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט... דער לאַגער־עלטסטער, איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, לויט דעם אָביעקטיוון אויספאָרשן פון דעם הויכן — אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען ביים דערשטיקן מענטשן...

— „אַזעלכעס" — האָט דער אָבערשאַרפירער הויך אויסגעשריגן צו אונדז אַלעמען — אַזעלכעס קען קיינמאָל נישט פאָרקומען דאָ, וווּ ס׳שטייט

א פּוס פון דער דייטשער קולטור... און דער בלאָק־עלטסטער, דער יידישער בלאָק־עלטסטער, וואָס פּויקט אויס אַלע זיינע חלומות און משונהדיקסטע פאַנטאַזיעס ווי פּשוטע רעאַליטעטן — ער מוז איינמאָל באַקומען א 25 פּעסטע שמיץ מיט א לעדערנעם שלאַנג איבערן הוילן געזעס — און טאַקע פון דער באַרעמהאַרציקער האַנט פונעם אומשולדיקן לאַגער־עלטסטן. דערפון וועט ער שוין לערנען אַז אין ק. ל. דערשטיקט מען נישט קיינעם...

און דער גערעכטיקייטס־זוכער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום בלאָק און געמאָלדן:

— אויב עס וועלן געפינען ווערן מענטשן טויט — זייט וויסן, אַז זיי זענען געשטאָרבן מיט זייער אייגענעם טויט. ווייל — אין ק. ל. שטאַרבט מען בלויז... נישט בלויז ער אַליין זאָגט אַזוי, נאָר... והראיה: דער לאַגער־אַרצט אַליין... זאָל ער זשע צופרידן זיין „דאָס נאַריש און דוממע צויג", וואָס ער קומט אָפּ מיט בלויזע 25... ווייל — עפּעס א קלייניקייט: זיין אַזוי לאַנג אין מאַידאַנעק און נישט וויסן דאָס עלעמענטאַרסטע, דאָס קלאָרסטע: דער טויט אין ק. ל. איז נ א ט י ר ל ע ך ! זאָל ער עס וויסן אויף ווייטער און שוינען זיך דעם הינטן — — — — —

## III

איך גלויב, אַז ס'איז פאַר יעדן קלאָר די געשיכטע און איר הינטערגרונד. איך האָב דערמיט געוואָלט געבן א שטיקל בילד ווי אַזוי די „פונקציאָנערן" אין לאַגער זענען פּסיכאָלאָגיש באַארבעט געוואָרן און מיט די ראַפינירטסטע מיטלען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווילדלאָזע און מיינונגלאָזע מענטשן. דאָס איז בלויז א קליין בילדל, אין וועלכער אַטמאָספערע דאָס איז געמאַכט געוואָרן.

ביזן היינטיקן טאָג קען איך בלויז נישט פאַרשטיין די גאַנצע קאָמעדיע דערפון:

אין א לאַגער וווּ יעדן טאָג ווערן אַזויפיל מיט שטעקנס דערשלאָגן; אַזויפיל אָפּן אַריינגעפירט אין גאַז־קאַמער... צוליב וואָס־זשע די גאַנצע אויספאָרשונג מיט דער גאַנצער אַזוי אויפגעשרויפטער „יוסטיץ"? און

פאַרוואָס דאָס פּלוצלימדיקע פּלאַצן פון דער אָנגעשוועמטער לופט?

ווער קען זיך דערגרונטעווען צו דער פאַרברעכערישער תהום־נשמה פון אַ ס. ס.-מאַן? אפשר האָט אין אים אויפגעטויכט די בענקשאַפט נאָך יענע „גוטע" צייטן, ווען מאָרד איז גאַרנישט געווען אַזוי לעגאַל; ווען אַ מאָרד האָט מען געמוזט באַגיין שעפּטשענדיק און אויף די שפּיץ פינגער... כ'האָט זיך אפשר אים צוריק פאַרבענקט צו יענע צייטן, ווען נאָך אַ מאָרד האָט מען געהאַט צו טאָן מיט אויספאָרשונגען, מעדיצינישע סעקציעס און קאָמיסיעס...

דאָס האָט געשמעקט מיט עמאָציע און פאַר אַ „מאַן מיט בלוט" האָט עס פאַרשאַפט די אמתע הנאה... אפשר — נאָך אַזויפיל גלאַט־מאָרדן — האָט ער, צוליב „אַבוועקסלונג" זיך איינגעאָרדנט אַזאַ קאָמעדיע־ספּעקטאַקל, בכדי נאָכאַמאָל איבערצולעבן די פאַרברעכער־הנאה פון יענע טונקעלע צייטן... ווער ווייסט?...

...מיין פעדער האָט דאָס איריקע געטאָן און דערציילט. און איר, פּסיכיאַטאָרן, פאַרקאַשערט די אַרבל און — צו דער אַרבעט...

# קאַפּיטל זעקס

## I

די מענטשן, וואָס זענען געבליבן לעבן אין מאַידאַנעק, זענען אָפיציעל איבערגעלאָזט געוואָרן „צו אַרבעט". ווי אין יעדן לאַגער זענען אויך דאָ יעדן טאָג פאָרגעקומען „סעלעקציעס" און די אָפּגעשוואַכטע זענען געשיקט געוואָרן אין גאַז־קאַמער. קיין קרעמאַטאָריום איז נישט געווען און די פאַרגאַזטע זענען פאַרברענט געוואָרן אויף גרויסע שייטערהויפנס. דאָס א. ג. פּראָוויזאָרישע קרעמאַטאָריום האָט באַשעפטיקט עטלעכע הונדערט מענטשן. אַ פּאָר טויזנט מענטשן זענען באַשעפטיקט געווען אין די ווערקשטעלן, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט פאַר דער ס. ס. וואָס זיי איז נויטיק געווען. עס זענען אויך געווען אינערלעכע אַרבעטס־פּלעצער ווי: ביי דער קיך פאַר דער ס. ס., ביי דעם באָד, ביים סאָרטירן די צוגענומענע זאַכן, אין דער קיך פאַר העפטלינגע און פאַרשידענע אַנדערע אַרבעטן אויפן אָרט. דאָס אַלץ האָט אַרומגענומען טויזנטער מענטשן פון אַלע פעלקער. ביי די דאָזיקע אַרבעטן זענען געווען באַשעפטיקט בלויז אַזעלכע, וואָס זענען שוין געווען אַ לענגערע צייט אין לאַגער. עס האָט זיך אָבער אָנגעהויבן לעצטנס אַ גרויסע אַרבעט פון בויען אַ גרויסע אויטאָסטראַדע דורך אַ פּריוואַטע דייטשישע פירמע „פּאָלסטעפּאַן", בשותפות מיט דער ס. ס. און צוליב דעם האָט מען איבערגעלאָזט ביים לעבן אַ גרעסערע צאָל פון די פרישע „צוגענגע", זיי זאָלן אַרבעטן ביי דער א. ג. „שטראַסענבאַו". אַהין זענען צוגעטיילט געוואָרן די פרישע וואַרשעווער יידן און אויך מיר האָבן באַדאַרפט דאָרטן אַרבעטן.

אָבער איידער איך וויל דערציילן וועגן די אַרבעטס־מעטאָדן, וויל איך איבערגעבן אין קורצן דעם אַלגעמיינעם אויסזען און אָרדענונג אין מאַי־דאַנעק.

דער לאַגער איז געווען געטיילט אין פינף פעלדער. יעדעס פעלד איז געווען אַ סעפּעראַטער לאַגער פאַר זיך. פ י ר זענען געווען מענער־לאַגערן און דער נומער פ י נ ף — אַ פרויען־לאַגער. עס איז אויך געווען אַ צווישן־פעלד, ווו עס האָבן זיך געפונען די אַלע אַרבעטס־שטעלן, דאָס באָד און פאַרשידענע מאַגאַזינען.

אינעם ערשטן און צווייטן פעלד האָבן געוווינט די פאַכמענער וואָס זענען שוין געווען אַ לאַנגע צייט אין מאַידאַנעק. זיי האָבן געהאַט אַ וועלט מיט שוידער צו דערציילן. איך וויל בלויז איבערגעבן, אַז פון 500 יידן, מיינע בני־עיר, וואָס זענען מיט אַ יאָר צוריק אַוועקגענומען געוואָרן קיין מאַידאַנעק אויף „אַרבעט", האָבן נאָך — ביי מיין קומען — געלעבט ד ר יי... פון 15 טויזנט סלאָוואַקישע יידן, וואָס זענען מיט אַ כ ט חדשים צוריק איבערגעלאָזט געוואָרן — האָבן נאָך ביי אונדזער קומען געלעבט וויניקע הונדערטער. אַזוי מער־ווייניקער האָט אויסגעזען די פּראָפּאָרץ ביי יעדער גרופּע. די וואָס זענען לעבן געבליבן, איז עס בלויז געווען צו פאַרדאַנקען דעם, וואָס זיי האָבן פאַרנומען געוויסע פונקציעס.

די הויפּט־אָנפירערשאַפט ביי דער אינערלעכער אָרדענונג זענען גע־ווען די טשעכישע און סלאָוואַקישע יידן. זיי האָבן פאַרמאָגט די ריכטיקע דייטשישע שפּראַך און איבערהויפּט פּסיכאָלאָגיש געווען מער נענטער צו די דייטשן ווי צו די יידן, בפרט צו אונדז יידן פון מזרח. זיי זענען געווען די לאַגער־שרייבער, די וואָס האָבן באַשטימט די לאַגער־פּאָסטנס און אַ בעסערע אָדער ערגערע אַרבעטס־שטעלע.

דאַן זענען ערשט געקומען די בלאָק־עלטסטע, וואָס האָבן זיך רעקרו־טירט פון פאַרשידענע פאַרדעכטיקע פּוילישע און אוקריינישע עלעמענטן (עס זענען געווען עטלעכע אויסנאַמען פון דער פּוילישער אינטעליגענץ, ווי למשל, דער פירשט ראַדזיוויל, וועלכער איז געווען אַ בלאָק־עלטסטער ביי אונדז אויפן פעלד. אָבער אין הינזיכט אויף ברוטאַליטעט איז באמת

גישט געווען קיין אונטערשיד...) ווי אויך עטלעכע יידישע משומדים און אסימילאַנטן פון וואַרשעווער געטאָ.

אין בלאָק איז אויסער דעם געווען אַ לאַגער־שרייבער און די אַ. ג. „שטובנדינסט". די אַלע האָבן געהאַט אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט. זיי האָבן געקענט מאַכן מיטן עסן פאַר זייער בלאָק, וואָס זיי האָבן געוואָלט. זיי זענען אויך געווען די הארן פון לעבן און טויט פון אונדזערס אַ יעדן איינעם.

דער גאַנצער טייוולישער פאַרניכטונגס־פּראָצעס פון די דייטשן איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן אַנטוויקלט אַ גאַנצע נעץ פון „הארן" און באַפעלער פון פאַרשידענע קאַטעגאָריעס. דער „שטובענדינסט" האָט געשלאָגן זיינע אונטערגעהילפן און טעלערלעקער (בוכשטעבלעך: זיי האָבן פאַר זייער מיטהעלפן ביי דער אַרבעט דעם שטובענדינסט באַקומען די קעסלען, שיסלען און לעפל אויסצוקראַצן...), די בלאָק־שרייבער האָבן געוועלטיקט איבער דער שטובנדינסט... און דער בלאָק־עלטסטער — אויף אַלע אין באַראַק, אָן אויסנאַם... ערשט שפּעטער זענען געווען אַ ריי העכערע און נאָך העכערע און גאַר־גאַר הויכע... געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט אָנשרייען אויף די בלאָק־עלטסטע און געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיי געמעגט אויך אַ קלאַפּ טאָן... און אַזוי — ביז אָן אַ סוף... און איבער אַלעמען — די ס. ס. — — — ס'האָט דערמאָנט די געשיכטע פון חד־גדיא (אגב, האָב איך ערשט אין מאַידאַנעק פאַרשטאַנען דעם טיפן באַדייט פון דער פאָלקסטימלעכער באַצייכנונג אויף אַ תפיסה: חד־גדיא...) און געהרגעט האָט יעדער, ווער ס'האָט געוואָלט, אָן אַ פראַגע און אָן אַ משפט (דעם איינציקן „משפט" וואָס כ'האָב בייגעוווינט — האָב איך שוין געשילדערט...) און מיר, די געוועלנלעכע באַראַק־איינוווינער, זענען אויסגעשטעלט געווען אויף אַלעמענס הענט, פונעם קלענסטן ביזן גרעסטן.

דאָס איז געווען בנוגע דער  א י נ ע ר ל ע כ ע ר  הערשאַפט  א י ן  ל א ַ ג ע ר.

אויף די  א ַ ר ב ע ט ס - ש ט ע ל ן  איז דער הויפּט־הערשער געווען דער  ק א ַ פּ א ָ.  אים זענען געווען אונטערגעוואָרפן די  פ א ָ ר־א ַ ר ב ע ט ע ר.  די פאָראַרבעטער האָבן זיך ווייטער געהאַט זייערע אייגענע האַלב־אָפיציעלע מיטהעלפער, וועלכע האָבן זיך גערופן  ש י ב ע ר.

יעדער איינער פון זיי האָט באַזונדער געהאַט זיין מאַכט צו שלאָגן און אויסגעבן אַ מענטש צום טויט, אויב יענער איז אים נישט געפעלן... דאָס איז אַלץ מצד די אַרעסטאַנטן. יעדע אַרבעטס־שטעלע און יעדער בלאָק האָבן נאָך געהאַט זייערע באַזונדערע ס. ס.־מענער... אַזוי אַרום האָבן אויף יעדן איינעם געלויערט טויזנטער אויגן.

## II

אויף דעם צווייטן טאָג פון אונדזער קומען, באַלד נאָכדעם ווי אַ גרויסער טייל פון לאַגער האָט אָפּמאַרשירט צו זייער אַרבעט — האָט אונדזער בלאָק־עלטסטער אָפּגעקליבן אַ גרופּע פון אונדז און אונדז דער־קלערט, אַז מיר ווערן אַריבערגעפירט אין אַ בעסערן באַראַק, ווו מיר וועלן האָבן אַ ריין געלעגער און גוטע באַדינגונגען. מען האָט אונדז טאַקע צו־געפירט צו אַ באַראַק, נישט ווייט פון לאַגער־טויער, ווו מ׳האָט אונדז אויפגעשריבן די נעמען עטלעכע מאָל און יעדן איינעם צוגעטיילט אַ ריין בעטל, מיט פיין צוגעלייגטע דעקן. דער דיקער, הייזעריקער שטובנדינסט האָט עפּעס ביים שרייבן אַריינגעשמייכלט אין זיך — אַזוי ווי ער וואָלט אונדז דאָ מי־יודע וואָס אַריינגעפּרייערט... נאָך מער האָט ער געשמייכלט ביים צוטיילן יעדן אַ בעטל. אָבער וואָס גייט עס עמעצן אָן, וואָס אַט דער אויסגעפּרעסענער בוטראַס לאַכט? שווייגט מען. ער קען זיך מער נישט באַהערשן און פרעגט דעם ערשטן-בעסטן אויפן אויער: דו! וויפל ביסטו, כ׳זאָל דיך נישט פאַרשרייבן?... יענער פאַרשטייט נישט די פראַגע: וואָס הייסט? אַ מענטש מוז דאָך האָבן אַן אָרט אין אַ באַראַק, אַ בעטל... באַזונדערס, ווייסט ער דאָך: מ׳האָט אַלץ צוגענומען אין באַד... אָבער יע־נער שווייגט שוין ווי די וואַנט. עפּעס טוט ער דאָרט אַ בורטשע: נו, מ׳וועט שוין זען...

שפּעטער ערשט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין ד ע ם באַראַק ווערט מען איינגעשריבן אויף דעם שרעקלעכסטן אַרבעטס־פּלאַץ, וואָס ס׳איז נאָר פאַראַן אין מאַידאַנעק. מיר האָבן דערפון נישט געקענט וויסן — פונקט ווי מיר האָבן אויך נישט געקענט וויסן, אַז די ריינע בעטן זע־

נעץ איינס פון די ערגסטע אומגליקן אין לאגער... מיר האָבן נישט קיין צייט לאנג צו קלערן, ווייל בייטאָג טאָר קיינער נישט זיין אין באַראַק און מיר ווערן אינדערשנעל אַרויסגעטריבן...

איך מוז דערביי באַמערקן, אַז טויזנטער מענטשן זענען אין מאַידאַ־נעק נישט אַרויסגעגאַנגען צו קיין אַרבעט... דאָס איז אָבער געווען נאָך ערגער... איך האָב עס באַלד דערשפּירט, די ערשטע מינוט פון אונדזער אַרויסקומען פון אונדזער נייעם באַראַק:

מיר, די פרישע, זענען באַלד אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ באַזונ־דער גרופּע און איינער פון די שטובנדינסט-געהילפן איז צוגעקומען און אָנגעהויבן אונדז צו דערקלערן די „דינים" און פירענישן אין לאַגער.

מיר האָבן באַלד דערהערט, אַז פון פאַרטאָג, ווען דער עולם גייט צו דער אַרבעט, טאָר קיינער פון די, וואָס בלייבן אין לאַגער, נישט אַריינ־שמעקן אין באַראַק; אַלע מוזן זיך געפינען אויפן הויף. דערביי טאָר מען זיך נישט אַוועקזעצן אויף אַ רגע — נאָר אַ גאַנצן טאָג זיין אין אומאויפ־הערלעכן באַוועגן־זיך... דאָס האָט זיך גערופן: א י ב ו נ ג ע ן...

די ערשטע לעקציע איז געווען ווי פון יעדן לאַגער: ווי אַזוי מען דאַרף אַראָפּציען דאָס היטל פון קאָפּ ביי אַן אַלגעמיינעם אַפּעל, ווי אַזוי —ביים באַגעגענען אַ ס. ס.־מאַן א. א. דאָס זעלבע מיטן אָנטאָן צוריק... אין אַלע לאַגערן איז דאָס די ערשטע תורה, וואָס יעדער דאַרף קענען. מיר האָבן ז׳ערפּאַר באַלד אויפן אָרט געמוזט — אויף קאָמאַנדע — עטלעכע שעה אַראָפּציען און צוריק אַרויפציען די קיילעכיקע היטלען.

— מ י ט צ ע ן   א א ו ף ! — און שוין מוזן אַלע הענט זיך צו־זאַמענגיסן אין איין באַוועג; ווער ס׳זעצט אַרויף זיין היטל מיט אַ פערטל סעקונדע שפּעטער — דעם מעג מען שוין אַראָפּטראָגן פון פּלאַץ...

— מ י ט צ ע ן   א ב ! — און אַלע היטלען מוזן אין איין גלייכער סעקונדע אַראָפּפליען פון די קעפּ. די היטלעך מוזן מיט איין קלאַפּ געבן אַ קורצן הילך־אָפּ אין די מלבושים... און וויי איז דעם, ווער ס׳פאַרשפּע־טיקט מיט זיין קלאַפּ...

קען מען אַזוי שטיין שעהן אויף איין אָרט און כסדר הייבן מיט די הענט און אַראָפּלאָזן, אַראָפּנעמען דאָס היטל און צוריק אַרויפזעצן: יע־

דעם מאָל בײַט זיך בלויז דער קאָמענדאַנט, דו אָבער מוזט שטײן שטראָם פינף־זעקס שעה און בלויז דײַן האַנט מוז זיך באַוועגן: מ י ט צ ע ן  אַ א ו ף! מ י ט צ ע ן  אַ ב!...

און גאַנץ פּלוצים מוז זיך אַלץ אַ ריס טאָן פון אָרט און אין גלײַכע רייען נעמען מאַרשירן, אין גלײַכע טריט: רעכטס! לינקס! לינקס! רעכטס! באַוואָפנטע ס. ס.־לײַט וואַקסן אויס בײַ די זײַטן, מיט גרויסע שטעקנס אין די הענט און ציילן, און באַפעלן:

— איינס, צוויי, רעכטס! דריי... לינקס!... און אַזוי־אָ מאַרשירן עטלעכע שעה אַרום דעם גרויסן פּלאַץ, אָן אויפהער... קעפּ שפּאַלטן זיך בײַם מינדסטן אָפּנויג, בײַם מינדסטן פאַרגאַף... היט זיך שוין דער סאַמע אינסטינקט און ווי מעכאַניש קלאַפּט שוין יעדער טריט גענוי לויטן גרילצנדיקן באַפעל... אינמיטן לונאַטיש, מעכאַנישן מאַרשירן קומט אָבער ווי פון יענער וועלט אַראָפּ אַ פּלוצימדיק איבעראַשנדיקע קאָמאַנדע: מ י ט צ ע ן...

אַלע מחשבות זענען שוין ווי אַרײַנגעוואַקסן געוואָרן אין דעם מידן מאַרש אַרײַן און דער געדאַנק קען נישט אויף דער רגע באַפעלן, אַז די האַנט זאָל סעקונדאַל זיך באַוועגן אָנשטאָט דעם פוס און אַלע פיס זאָלן מיט איין קורצן ברום זיך אָפּגעהאַקט אַ שטעל טאָן... אַ ווילדער אַרײַנפאַלן אין דער גרופּע... קלעפּ... אַוועקגעפאַלענע אין חלשות פון מידקייט, פון אַ מכה... זיי ווערן אַרײַנגעטראָגן אין 19טן באַראַק אַרײַן... און דער מאַרש גייט ווײַטער... אינמיטן קומען אַנדערע איבונגען ווי: קניען און אויפשטיין... קניען און אויפשטיין... דאַן זיך פּלוצים נעמען קוילערן אויף אַלע זײַטן... קייקלען און קייקלען זיך איבערן פּלאַץ... און אינמיטן מאָמענטאַל זיך אויפשטעלן, ווידער קניען... באַלד אויסשטאָקן זיך צוריק אין אַ ריי און ווען די ריי איז שוין אויסגעגליכן אין מאַרש — פון דער העלער הויט צוגעזאָטן ווערן צום אָרט: מ י ט צ ע ן  אַ ב!... אַ ב ט ו נ ג!!!

...אַזוי דרייען זיך איבערן גרויסן פּלאַץ אַ גאַנצן טאָג, אין פאַרכשופטן קרייז טויזנטער און טויזנטער... איין לאַנגע מענטשן־שלאַנג מאַרשירט אַהער און די צווייטע צוריק... בײַ איינער איז דער באַפעל צו

פּאַלן; ביי דער צווייטער, דערנעבנדיקער גרופּע — צו מאַרשירן... די גרופּן שטייען איינע נעבן דער אַנדערער. די מענטשן פון די אונטערשטע רייען זעען נישט, פון וואַנעט די באַפעלן קומען און פאַרבייטן די יוצרות.. מערדערלעכע געשלעגן... אָבער יעדער באַמיט זיך דעם ווייטערדיקן מאַרש ווייטער מיטצומאַכן, ווייל — מיד צו ווערן אויפן פּלאַץ דאָ... נאָר טויזנטער האָבן זיך שוין אַזוי באַמיט... האָבן זיי אָנגעצויגן נאָך אַ טאָג, נאָך צוויי... אָט פאַלט פּאַר מיינע אויגן איינער פון מיין לאַגער געקומען... ער מאַכט ערשט מיט זעקס שעה דאָס שפּיל... אָט שפּיר איך אַליין ווי די אָדערן ציען אָן... אָט־אָט געשעט עפּעס מיט מיר...

פּאַראַן מענטשן, וואָס זענען שוין אַזוי פּיר און זעקס וואָכן אויפן פּלאַץ. זיי האָבן זיך אַזוי צוגעוווינט, איבערגעטראָגן די ערשטע קריזיס־טעג און איצט — זאָגן זיי — איז זיי גלייכער דאָ אַ גאַנצן טאָג אַרומצומאַרשירן, איידער אַרויסצוגיין אויף דער אַרבעט־שטעלע... דאָ, ביי דער מיטאָג־פּויזע, האָבן זיי אַ גאַנצע האַלבע שעה צום רוען און דאָרט איז דאָס אויך נישטאָ. און ווער קען דען אָפּשאַצן וואָס עס באַדייט אינמיטן אַ ז אַ טאָג צו כאַפּן אַ האַלבע שעה דעם אָטעם?... אגב, זאָגט מיר איינער, ברענגט מען אַלעמאָל פרישע מענטשן, זוכט מען אַרויס פון צווישן די, וואָס זענען שוין לענגער אַביסל, זיי זאָלן קאָמאַנדעווען. קען מען אַמאָל האָבן אַ טאָג צוויי אַביסעלע לייכטער...

פּאַרנאַכט, אַרום האַלב זיבן, קומען אָן די ערשטע גרופּן פון דער אַרבעט. די איבונגען הערן דאַן אויף און מיר מישן זיך אויס מיטן גאַנצן עולם, וואָס קומט. איצט קען מען כאַפּן אַביסל דעם אָטעם ביז אַלע וועלן זיין צוריק פון דער אַרבעט.

## III

האַלב אַכט איז דער נאַכט־אַפּעל. ווידער ווערט מען אויסגעשטעלט אין רייען און עס הייבט זיך ווייטער אָן אָן אומענדלעך ציילעניש. עס ציילט די שטובדינסט, עס ציילט דער שרייבער, דער בלאָק־עלטסטער... ווען יעדער האָט שוין אָפּגעשלאָגן און אויסגעפּאַרעמט אויף זיין שטייגער

די רייען — קומט ערשט דער לאַנגער־שרייבער, אַן עלטסטער פון אַ צווייטן בלאָק, גלאַט אַ קאַפּאָ... יעדער שלעפּט, שטויסט, קלאַפּט... ביז עס קומט דער געשריי:

— אַ כ ט ו נ ג !

דאַן ווערט שטיל ווי אויף אַ בית־הקברות... אַלע „גרויסע" שטעלן זיך אַריין אין דער שרענגע. דאָס קומט דער ס. ס.־מאַן, וואָס האָט צו באַפעלן איבערן בלאָק... ער גייט פאַרביי און עסט זיך איין מיט די אויגן אין יעדן פּנים. ער באַטראַכט, צי די רייען זענען גוט געפאָרמט און צי די צאָל שטימט. ווען עמעץ פעלט — קען מען ציילן הונדערט מאָל, קען מען שטיין אויפן אַפּעל ביז אינדערפרי. אַ פאַרלייכטערונג ווערט אויפן געמיט ערשט דאַן, ווען ער שפּרייזט אַוועק צום צווייטן בלאָק. אין דורכשניט דויערט אַזאַ אַפּעל אַ שעה צייט. אויסער ביי באַזונדערע פאַלן. (און אַזעלכע געפינען זיך שוין יעדן טאָג... אָבער וועגן דעם — ווייטער.) נאָכן אַפּעל ווערט אַ געשריי איבערן גאַנצן פעלד:

— עסן האָלען! ברויט האָלען!

און דאַן שיקט יעדער בלאָק זיינע מענטשן צו ברענגען דאָס עסן. דריי מאָל אין דער וואָך באַקומט מען פאַרנאַכט אַ שיטערע זופּ און פיר מאָל אין דער וואָך — סאַכאַרינירטע „טיי". פאַרנאַכט באַקומט אויך יעדער זיין פּאָרציע ברויט. אָפיציעל דאַרף זי האָבן אַ כ צ ן ד ע ק אָ — די שטובנדינסט גנבעט אָבער אַראָפּ און ס'בלייבט נישט מער ווי 12-13 דעקאָ טעגלעך. דריי מאָל אין דער וואָך באַקומט מען צו אַ שטיקל מאַרגאַרין פון אַנדערטהאַלבן דעקאָ, איין מאָל אַ וואָך — אַ שטיקל שימלדיקן קעז; איין מאָל אין וואָך — אַ לעפל מאַרמעלאַד... און זונטיק — אַ שטיק ווורשט, וואָס ד אַ ר ף וועגן פינף דעקאָ. יעדן טאָג, מיטאָג־צייט דאַרף מען באַקומען אַ ליטער זופּ. כ'זאָג: ד אַ ר ף מ ע ן . . . ווייל פּאַקטיש זענען דאָ אַזויפיל אויפזעער און צוהעלפער, אַז 50 פּראָצענט קומט שטענדיק אַוועק. און ווי איז דעם וואָס וואַגט אַ פּיפּס צו טאָן... דאָס איז די אָ פ י צ י ע ל ע באַשפּייזונג אין מאַידאַנעק. אין דערווירקלעכקייט וועלן מיר אָבער באַלד דערציילן — ווי אַזוי מען געפינט תירוצים, אויך דאָס נישט צו געבן.

נאָכן פאַרטיילן דאָס עסן האָט יעדער דאָס רעכט אַרויסצוגיין איבערן לאַגער ביז האַלב צען. דאָס קען נאָר מעגלעך זיין נאָך אַ „לייכטן" אפּעל: דאַן ווערט מען פאַרטיק אַרום ניין מיטן שטיקל ברויט און מ'האָט צייט אַרויסצוגיין זיך אָפּצוואַשן אין דעם איינציקן וואַש־באַראַק און זען אַ פּאָר מינוט אַ באַקאַנטן. דאָס איז אָבער זעלטן. נאָך האַלב צען טאָר קיין לעבעדיקער נפש זיך נישט באַווייזן אויפן פּלאַץ. ווען מען טרעפט — ווערט געהאַנגען. און אין מאַידאַנעק הענגט מען אָן פּשרות...

האַלב צען זענען שוין אַלע דאָ אין באַראַק. דאַן הייבן זיך אָן די אינערלעכע בלאָק-משפּטים. איך וויל דאָ בלויז דערציילן פון מיין ערשטן משפּט, באַלד דעם ערשטן פאַרנאַכט.

מיר זיצן אויסגעזעצט אין די ווינקלען אויף דער ערד און שמועסן וועגן די איבערלעבענישן פון טאָג. אַ קול פון „עלטסטנס" ווינקל צערייסט די לופט:

— ר ו ה ע ! און אויף פּויליש: שטיל זאָל זיין, הורנזין!...

אַלע שווייגן. איין שטובנדינסט שטעלט זיך אַרויף אויף אַ בענקל און רופט אויס:

— בעטל נומער 21... נומער 96...

איך צאַפּל אויף: מיין נומער... מיר שטעלן זיך אויס אין אַ ריי און יעדער פון די אַרויסגערופענע מוז צוגיין צום בלאָק-עלטסטן און מעלדן זיין נומער.

עס הייבט זיך אָן אַ פאַרהער: — וויאַזוי האָסטו געמאַכט היינט דיין בעטל?

— אין אָרדענונג!

אַ רוף צום שטובנדינסט: נאַכזען! אַ מינוט וואַרטן. באַלד קומט אַ געשריי פון אַ בעט: צ ע ק ב ײ ט ש ט ! אויף דער דעק פון בעטל איז געפונען געוואָרן אַ קליינער קנייטש. נאַטירלעך האָט יעדער נאָך נעכטן געוווסט, אַז די בעטן מוזן דאָ געמאַכט ווערן גלייך ביז אַ האָר. די קאָלדרע מוז אָנגעצויגן ווערן פּירעקיק ווי אַ שאַכטל. און יעדער האָט זיך באַמיט איבער די כוחות אַלץ צו מאַכן אין אָרדענונג. איך געדענק עס אויף זי־כער. אָבער איצט בין איך פאַרשריבן, מאָרגן וועט עס זיין אַ צווייטער —

עס וועט דאָ גאָרנישט העלפֿן... יעדן טאָג מוזן זיין וועלכע קרבנות. צוויי פֿון דער שטובנדינסט דרייען דיר אַרונטער דעם קאָפּ, עמעץ האַלט דיך פֿאַר די הענט... און באַלד שפּירסטו ווי עמעץ גיסט דיר פייער אויף דיינע אברים... צ ע ן שמיץ ביים ערשטן מאָל.

ווען דו גייסט אַפּער אַ צעשלאָגענער אין דיין ווינקל, שטייט שוין איינער פֿון די באַראַק־געהילפֿן און וואָרנט דיך: דו וועסט קיינמאָל נישט יוצא זיין — ווייל קיינמאָל וועסטו דאָס בעט נישט מאַכן ווי געהעריק... דאָ מוז מען האָבן אַ ספּעציאַליסט. דו דאַרפֿסט בלויז געבן א יי ן מאָל אין דער וואָך אַ פּאָרציע ברויט און דיין בעט וועט שוין נישט פֿאַרשריבן ווערן. מיר וועלן עס שוין מאַכן. ווען נישט, באַקומסטו פֿינף טעג נאָכאַנאַנד אַזעלכע פּאָרציעס און דערמיט ביסטו אַ פּאַרטיקער קאַנדידאַט אין „ניינצענטל"... איז דען דאָ אַן אַנדער עצה? פֿאַרשרייבט ער ביי זיך עפּעס אין אַ פּאַפּירל און איך מוז גרייט זיין איין טאָג צו זיין אָן ברויט — אַבי פֿאַרנאַכט נישט צו דאַרפֿן ציטערן פֿאַר אַ צוגאָב־פּאָרציע שמיץ...

אָבער מיט דעם ענדיקט זיך עס נישט.

אין יעדן באַראַק זענען פֿאַראַן ווייסע בענקלעך צום זיצן, לעפֿל צום עסן און מעסערס צום שניידן ברויט. ווי איז אָבער דעם, וועלכער וועט זיך זעצן אויפֿן בענקל, אָדער עסן זיין זופּ מיט דעם לעפֿל וואָס ער באַקומט אין דער האַנט אַריין... דאָס אַלץ איז בלויז צוליב דעקאָראַציע. אין באַראַק מוז מען זיצן אויף דער ערד מיט אויסגעצויגענע פֿיס, די זופּ מוז מען אַרויסשלינגען — האַלטנדיק דעם לעפֿל אין האַנט... איינער פֿון די מיליאָנען נישט געשריבענע מאַידאַנעק־געזעצן. פֿאַרגעסט זיך אַמאָל איינער — קען אים בלויז זיין מאָרגנדיקע פּאָרציע ברויט אויסלייזן פֿון פֿאַרשידענע טאָרטורן.

יעדער איינער העפֿטלינג מוז זיין גלאַט ראַזירט. ווען נישט באַקומט ער געשלאָגן. ווען מען איז נישט ראַזירט עטלעכע טעג — זעט מען אויס שלעכט. ביים אַפּעל קען מען לייכט אויסגעקליבן ווערן צום פֿאַרגאַזן. אָפֿיציעל איז פֿאַראַן אין בלאָק בלויז איין פֿריזירער אויף 500 מאַן. דערפֿאַר אָבער האָבן עטלעכע פֿון דער שטובנדינסט פֿאַרשטעקטע ראַזיר־מע־

פערס. זיי זאָרגן שוין, אַז דער „אַפּיציעלער" זאָל נישט קענען אַלעמען גלאַט ראַזירן... די מענטשן קומען אין דער שנעל פון דער אַרבעט, מידע — האָבן זיי מורא זיך צו באַווייזן צום אַפּעל מיט אַ מיד און פאַרוואַקסן פּנים... פּאָר אַ פּאַרציע ברויט ווערט מען אין אַ ווינקל שנעל אָפּגע־קראַצט... ס'איז קלייניקייטן — אָבער דאָס לעבן איז פון זיי אָפּהענגיק... און וויפל ברויט־פּאַרציעס האָט עס אַ מענטש???

ווערן די מענטשן שנעל אויסגעדראַרט, גייען אַוועק אין „ניינצנטל" און אויף זייער אָרט קומען אַנדערע... אַזוי כסדר, כסדר...

# קאַפּיטל זיבן

## I

אויפֿן הויף פֿון מאַידאַנעק שטייט אַ תּליה. אויפֿן שפּיץ פֿון דער תּליה איז אַוועקגעשטעלט אַ גרויסער בלעכענער האָן. ווען עס דאַרף עפּעס פּאַרקומען אין לאַגער, ציט מען אונטן מיט אַ שטריק. דער האָן קלאַפּט דאַן מיט זיין מעכטיקן אייזערנעם שנאָבל אויפֿן אייזן פֿון דער תּליה און עס צעטראָגט זיך איבערן גאַנצן הויף אַ מאָדנער, אומהיימלעכער קלאַנג. יעדן פֿאַרטאָג, פּינקטלעך דריי אַזייגער, וועקט אונדז אויף די תּליה. זי זינגט זיך איר מאָנאָטאָן, גלין־גלאָן ליד, וואָס קריכט אַריין אין די פֿאַרטאָגיקע אברים און דערמאָנט, אַז אין מאַידאַנעק ווערט דער טאָג צוזאַמענגעשטעלט נישט פֿון זונענשיין און פֿייגל־טריל, נאָר פֿון נאַכט־חשכות. און דער אָנקום פֿון אַ נייעם טאָג ווערט דאָ אָנגעזאָגט דורך דער תּליה...

אין דער זעלבער רגע צעשרייען זיך צענדליקער כריפּענדיקע קולות פֿון אַלע זייטן: — אויפֿשטיין! אויפֿשטיין!...

און שוין מוז אַלץ זיין אויף די פֿיס. דו מוזט העגגען מיט איין האַנט אין דער לופֿט און מיט דער צווייטער פֿאָרזיכטיק גלעטן אין דער פֿינצטער, אויב אויף דיין בעטל האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט דער מינדסטער קנייטש. אַלץ ווערט דאָ געמאַכט אין דער פֿינצטער. מ׳ברענגט דאָס ביסל קאַווע אין דער טונקל, מ׳טיילט עס אוים ביים ערשטן בלויעם טלי פֿון טאָג... פֿיר אַזייגער שטייען מיר שוין גרייט. נאָכן אַפּעל מאַרשירט מען אַוועק

צו דער ארבעט. אויפן דריטן טאָג ווערן מיר, די פרישע, אויך געשיקט אויף אן ארבעטס־פּלאַץ.

פונקט זעקס ווערן מיר ארויסגעפירט דורכן טויער. אינדרויסן איז די לײמיקע ערד צעווייקט פון די כסדרדיקע רעגנס. מיר גייען מיט די הילצערנע שיפלעך אויף די פיס און ביי יעדן טריט ווערן מיר איינגע־זונקען אין דער געדיכטער גלעקייט. עס איז אָבער נישטאָ קיין אנדער וועג. מעגלעך אז צוליב אָט דער קלעפּיקער מאסע לעבן מיר נאָך דערזוויילֹ. דאָס דארפן מיר דאָ אויספּלאַסטערן די וועגן.

דער בלאָטיקער וועג ציט זיך עטלעכע קילאָמעטער. מיר מאַרשירן פארביי צענדליקער טויערן און געביידעס. עס זעען זיך פונדערווייטנס רייען פון טויזנטער מענטשן אין געשטרייפטע בגדים, וועלכע ציען צו די ארבעטס־פּלעצער זייערע. די וואָס זענען אָנגעטאָן אין די ווייס־בלויע פּאַסן־קליידער געהערן אין מאַידאַנעק צו די גליקלעכע. זיי זענען שוין אויף זיכער באַשטימט צו דער ארבעט. זיי גייען אפילו — אונטער באַ־וואכונג — אין שטאָט אריין אויף ארבעט, ווי זיי באַקומען אמאָל אן אי־בעריק שטיקל ברויט. דערפאַר אָבער מיר זענען נאָך אין ציוויל־בגדים, וועלכע זענען באַשטעמפּלט פון אלע זייטן מיט א גרויסער אויפשריפט: קא־על! קא־על!... מיר זענען, הייסט עס, בלויז פּראָוויזאָריש ביי דער אר־בעט און שפּעטער...

יענע דאָרט אקעגנאיבער גייען און זינגען, זיי מוזן זינגען — פונקט ווי מיר און ווי אלע אנדערע גרופּן. פון דער צווייטער זייט ציען זיך עשאַלאָנען מיט מענטשן, וואָס ווערן פון ערגעצווו געבראַכט... זיי ווייסן נאָך נישט, אז זייער וועג פירט אין גאַז־קאַמער... מיר ווייסן יאָ... אָבער מיר מוזן זינגען אזוי הויך, אז יענע דאָרט זאָלן הערן אז דאָ ז י נ ג ט מ ע ן . . . זיי וועלן דערפאַר רואיק זיין ביז צו דער לעצ־טער מינוט...

מיר קומען אויף א גרויסן, בלאָטיקן פּלאַץ. דאָ זענען שוין פאַראַן טויזנטער מענטשן. הונדערטער ס. ס.־לייט דרייען זיך ארום מיט גרויסע וועלף־הינט ביי דער זייט און מיט גרויסע, לאַנגע בייטשן. הויכע בערג מיט שטיינער און זאמד ליגן דאָ אָנגעהויפט. די פאַראַרבעטער טרייבן

שנעל פונאנדער די גרופן. איך ווייס אליין נישט, ווי אזוי איך געפין זיך ביי א הויכן שטיינער־בארג. די ארבעט באשטייט אין אפרייניקן די אלטע שטיינער. דא מוז מען זיצן כסדר מיט אן אראפגעבויגענעם קאפ. מען טאר נישט אויפהייבן די אויגן אויף א רגע. לאנגע רייען פון צוויי פארלעך מוזן שנעל אנלייגן פולע קאסטנס שטיינער אדער זאמד און לויפן מיט זיי הין און צוריק, בארג־ארויף... ביי דער ארבעט מוז מען אויסטאן די רעקלעך מיט די העמדער און גיין האלב נאקעט. די ס. ס. האלטן אין איין שמייסן די לויפנדיקע מיט בלייערנע בייטשן איבערן נאקעטן לייב. די לייבער זענען ביי אלע באשמירט מיט שווארץ, פארטריקנט בלוט. עס דרייען זיך ארום פון אלע זייטן פארארבעטער און קאפאס — יעדער טרייבט, יעדער שלאגט... עס איז א געזעץ פאראן אזא אין מאידאנעק: פון אט דעם פלאץ מוז מען יעדן טאג אראפטראגן אביסל טויטע און יעדער „מאכער" העלפט דערצו לויט זיינע מעגלעכקייטן.

דער גאנצער פלאץ איז פול מיט יאמערלעכע געשרייען. דא און דארט קורטשען זיך מענטשן אין זייערע שוידערלעכע ווייען... די הענט ארבעטן פיבערהאפט, נישט צו ווערן מיט עפעס אויפפאלנדיק... פלוצים שפיר איך אבער א מעכטיקן זעץ איבערן קארק... אן עלעקטרישער שטראם לויפט אדורך פאראליזירנדיק דעם גאנצן קערפער. א האנט נעמט אן און שלעפט דיך ערגעץ־ווו... ווי אין חלום הער איך א באפעל: בוק זיך! באלד שפיר איך ווי פייערדיקע שלאנגען צעקריכן זיך אין אלע אברים... יא, אויך מיין קול גיסט זיך צונויף מיט די אלע געשרייען, דא אויפן פלאץ...

עטלעכע אויף אמאל שמייסן מיך. צוויי ס. ס. און צוויי פארארבעטער. איך קום אפער פון זייערע הענט מיט א צעשניטענעם קערפער. פון מיינע אויגן פלייצט עפעס. דאס טוען אזוי ווי די שטיקלעך גלאז אין מיינע צעבראכענע ברילן. איך גלויב, אז נאך אזעלכע 25 שמיץ וועל איך שוין צו זיך נישט קומען. אלץ אויף מיר ברענט פון ווייטיק. אט וואס עס קומט ארויס פון לעבן בלייבן אין מאידאנעק: נאך א טאג פיין און דאן, דאן גייט מען אוועק אין קאמער אריין — א שטיק בלוטיקע מאסע...

אבער דאך געפין איך נאך כוח זיך צו דערשלעפן צו מיין פלאץ. די גלעקער צעקלינגען זיך פון אלע זייטן: מיטאג־שעה.

## II

ווער קען דערגרונטעווען די מענטשלעכע באהאלטענע כוחות? אט גיי איך אין דער ריי גלייך ווי אלע אויף מיטאג אין לאגער. די רייען ווערן שנעל אויסגעשטעלט. פאראויס גייען די, וואס טראגן צוריק די געהרגעטע אויפן פלאץ. צוויי מאן טראגן א טויטן. אויך זיי מוזן גיין אין דער שורה, מיט די טויטע אויף די אקסל... מיר מוזן שפרייזן שנעל, אפעסן דאס ביסל זופ און צוריק צו דער ארבעט. ביי יעדן טריט צעשרייען זיך די צעשלאגענע אברים פון די ברענענדיקע ווונדן — דו מוזט אבער שווייגן, קוקנדיק אויף די וואס מען טראגט שוין צוריק אנטשוויגענע...

די זופ ווערט אויסגעטרונקען שטייענדיקערהייט, אינדרויסן. די פיס חלשן נאך א מינוט רו, מען מוז אבער שוין מארשירן צוריק. א סך לייגן זיך אוועק אויף דער ערד רעזיגנירטערהייט. זאל געשען וואס עס וויל! זיי גייען נישט מער צוריק!... מען דארף שוין צוריק פארמירן די רייען — אבער זיי טוען זיך נישט קיין ריר. עס פליען קלעפ אויף זיי פון אלע זייטן, עס שלאגן די פאראַרבעטער, די שטובנדינסט, א פארבייגייענדיקער ס. ס., אבער זיי האבן שוין אלע חשבונות אפגעשלאסן. שלאגט מען זיי אזוי לאנג — ביז זיי בלייבן שוין ליגן פארטיקע, גרייט אפצוליפערן אין קרעמאטאריום. אנדערע ווארפן זיך נאך צו די פיס פון בלאק־עלטסטן, שרייען און קושן יעדן די פיס: זיי ווילן בלויז זיך אויסרוען א טאג, א האלבן... די קלעפ נעמען ביי זיי ביסלעכווייז אפ דאס לשון און דאס ווארפן זיך אין אלע זייטן... נאך יעדן האלבן טאג פעלן א סך צו דער צאל און מען מוז זיי דערגענצן מיט די מענטשן פון הויף. אין פארלויף פון געציילטע וואכן האט אונדזער ארבעטס־שטעלע שוין איינגעשלונגען טויזנטער. די מענטשן וואס זענען שוין דא לענגער דערציילן, אז דער בלאק־עלטסטער האט שוין אליין געכאפט געשמיסן, דערפאר וואס „עס זענען פאראן אזויפיל פוילענצער ביי אים אין בלאק" — מוז ער טרייבן... מוז ער הרגענען...

נאך מיטאג ווערט דאס גיהנום נאך שרעקלעכער. עס באווייזן זיך מער קאפאס און מער ס. ס. דאס לויפן איבער די בערג, באלאדן מיט

שטיינער, מוז גיין אין דעם שנעלסטן טעמפּא, אין אַלע זייטן ווערט געשמיסן. די הינט רייסן לעבעדיקע שטיקער און די קאַפּאָס מיט דער ס. ס. העצן זיי אויף נאָך מער. יעדעס מאָל רופט מען אַ צווייטן אַוועק פון דער אַרבעט און מען שלאָגט אים אַזוי לאַנג, ביז ער האָט שוין נישט קיין כוח אַ קרעכץ צו טאָן. ווער עס קען הייבט זיך אויף — ווער נישט, בלייבט ליגן, ביז מ׳וועט אים פאַרנאַכט מיטנעמען מיט די לעבעדיקע צום אַפּעל...

צווישן די פאַראַרבעטער צייכנט זיך אַממערסטן אויס דער דייטש ז י ל י און דער פּאָלאַק י א נ ו ש מיט זייער באַזונדער מין פּייניקן. יאַנוש באַרימט זיך יעדעס מאָל דערמיט, וואָס ער האָט שוין דערהרגעט אַ פּאָר טויזנט יידן. ווען ער שלאָגט, שיט ער מיט רייד, זידלעדייען און באַרימעריי אָן אויפהער. ווען דער קרבן שרייט, כאַפּט ער אויף יעדן ברעקל ווייברִיל מיט אַ טיפער, קייכנדיקער הנאה... דערפאַר איז אָבער ווילי רואיק. מעג דער קרבן שרייען, מעג ער צאַפּלען — ווילי שווייגט אַ פּאַרטיפטער , אַזוי ווי ער וואָלט געווען פון שטיין. מען קען נישט וויסן, אויב ער מאָרדעט גלאַט אַזוי, צי מיט אַ ספּעציעלער הנאה... דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט מער קרבנות אויף זיין געוויסן ווי יאַנוש... זיי פלעגן זייערע קרבנות דערשלאָגן מיט אַ דיקן שטעקן. און די מענטשן פלעגן שוין באַצייטנס אָפּשטאַרבן אבריםווייז, ווען עמעצער פון זיי האָט זיך נאָר דערנענטערט.

די דאָזיקע באַנדיטן האָבן זיך גענומען אויסזוכן מיטהעלפער אויך צווישן יידן. אַלס ערשטער האָט זיך געמאָלדן צו דער דאָזיקער אַרבעט אַ קרימינעלער טיפּ מיטן נאָמען מ אָ נ י ע ק. דאָס איז געווען אַ יונג — אַ ריז, וועלכער איז געזעסן לאַנגע יאָרן אין די זאַמאָשטשער תפיסות און איז געבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט אונדזער גרופּע. אין מאַידאַנעק האָט ער אָנגעטראָפן אַ סך פון זיינע תפיסה־חברים און זיי האָבן אים מיטגעהאָלפן ווערן אַ שיבער. ער האָט געהאַט אַ רייכע „פּראַקטיק" פון די אַרעסטאַנטן־יאָרן, ווי אַזוי ראַפינירט צו פּייניקן און דערפאַר שנעל נושאַ־חן געווען ביי ווילין און יאַנושן... ער איז באַלד געוואָרן איינער פון די באַלעבאַטים איבער אונדזערע לעבנס.

ביי אים איז דאָס שלאָגן שוין געווען מיט גאַנץ אַנדערע כוונות.

ער האָט געקענט אַרויסרופן פון דער רײ אַרויס זײַן בעסטן נעבעטיקן חבר און אים באַפעלן: ב ו ק ז י ך !... און אים איבערברעכן מיט אַ קאַלטבלוטיקער מינע יעדן גליד באַזונדער. די שרעקלעכסטע געשרייען האָבן אים נישט אַרויסגעפירט פון זײַן געלאַסענער קאַלטבלוטיקייט.

נאָך ערגער: ער האָט ספּעציעל אַרויסגערופן זײַנע נאָענטסטע לאַגער־חברים צום שלאָגן. זײַנע גרויסע גזלן־אויגן פלעגן זיך דערבײ ווי קוויקן מיט יענעמס קורטשענדיקע יסורים... ער האָט געפּייניקט פּינקטלעך און אויסגערעכנט. יעדע מינוט האָט מען אים געזען לויפן צו דער ס. ס. באַווייזן זײַן טרײַע איבערגעגעבנקייט... בײ יעדן קלאַפּ האָט ער ליב געהאַט אונטערצושטרײַכן, אַז הגם ער איז אַ ייד — האַסט ער אַלע יידן און מוז זײ אויסראָטן. אויפן דנאָ פון זײַן פאַרברעכער־נשמה איז אָבער נישט געלעגן קיין שום שנאה. זײַן אכזר־הארץ איז איבערהויפּט נישט פּעאיק געוועזן עפּעס צו פילן, אפילו נישט קיין פּײַנטשאַפט. דער דאָזיקער ריזיקער בחור האָט בלויז געוואָלט זײַן זאַט אויפן חשבון פון זײַן קאַלט הארץ און מערדערישע בולבע־אויגן. ער האָט אויך געשלאָגן, בכדי צו באַווײַזן זײַנע פריערדיקע חברים „ווי גרויס ער איז עס געוואָרן"... דערבײ האָט ער אויך שטענדיק אויסגערעכנט וויפל יסורים מען מוז פאַרשאַפן אַ קרבן, ער זאָל גרייט זײַן אַלץ פון זיך אוועקצוגעבן. זײַן קלאַפּ איז געווען אַזוי אויסגעמאָסטן און אַזוי אָנגעלאָדן מיט ווייטיק, אַז זײ האָבן געקענט איינברעכן די גרעסטע גבורים. ער האָט דערבײ געמאַכט דעם אָנשטעל, אַזוי ווי ער וואָלט דאָ אויסגעפירט אַ הויכע מלוכה־שליחות...

איינמאָל, ווען ער האָט מיך געשמיסן, האָט ער נישט פאַרגעסן זיך דערבײ אַראָפּצובייגן און מיר איינרוימען אויפן אויער: איך מ ו ז דיך שלאָגן... איך האָב באַקומען אַ העכערן באַפעל... און דערבײ מיט נאָך מער כוח גענומען האַקן איבערן חוש־השדרה...

סך־הכל האָט ער זײַן „רעכט" צו שלאָגן באַקומען פון יאַנושן. ער אַליין האָט זיך בלויז געשטופּט צו דער ס. ס. און געלאָפן יעדע מינוט עפּעס אַנדערש מיטטיילן, הגם ער האָט נישט איינמאָל פון זײ באַקומען געשלאָגן פאַר דער חוצפה וואָס ער האָט צו זײ זיך צו דערנענטערן... ער האָט אָבער דערמיט געוואָלט באַווײַזן, אַז ער „קען זיך מיט זײ" און דאָס

האָט אים צוגעגעבן מוט צו שפּילן זיין „גרויסקייטס־ראָל“, ווי אַן אויס־פירער פון העכערע באַפעלן... ער איז באַלד געוואָרן דער הויפּט־יועץ ביי די פאַרשידענע שלעגער און אונטער־קאַפּאָס און אַריינגערעכנט געוואָרן צווישן די געשפּענסטער אויפן אַרבעטס־פּלאַץ.

## III

מיט יעדן טאָג זענען אַלץ מער מענטשן אָוועקגעפאַלן ביי דער אַר־בעט. פאַרנאַכט, ווען מ'איז אַהיימגעגאַנגען, האָט מען אין באַראַק דער־וואַרט נייע קלעפּ און נייע פּיין. איז מער נישט מעגלעך געווען. עפּעס האָט אין יעדן איינעם געשפּאַרט און געזוכט אַרויסצופּלאַצן.

האָט טאַקע פּאַסירט:

איינמאָל אין אָוונט, ווען דאָס ביסל קאַווע מיטן שטיקל ברויט איז שוין אויסגעטיילט געוואָרן און יעדער האָט זיך אַריינגעשאַרט אין זיין ווינקל, איז אַריינגעקומען מיט אַ מינע פון אַ קעניג — מאַניעק. ער האָט זיך געלאָזט מיט אַ גלייכגילטיקער באַוועגונג צו זיין בעטל, ביי דער טיר... פּלוצים האָט ער עפּעס דערזען מיט זיינע שאַרפע אויגן. אַנטקעגנאיבער איז געזעסן עפּעס אַן אויסגעדאַרט געשטאַלט און געהאַלטן אין דער האַנט אַ פּאָרציע ברויט מיט אַ שטיקל מאַרגאַרין פון אויבן.

די נאָזלעכער ביי מאַניעקן האָבן שאַרף אַריינגעצויגן אָטעם. ער האָט זיך געלאָזן אַ לאָז געטאָן צו יענעם און שטיין געבליבן האַרט איבער אים... ער האָט אַרויפגעלייגט זיין לאַפּע אויפן ברויט און אַרויסגעצישעט: דו האָסט שוין פאַרגעסן!? יענער האָט בלויז תחנונימדיק אַ בליק געטאָן און אַרויסגעשטאַמלט: „כ'בין הונגעריק... מאַניעק!... אָבער מאַניעק שפּרייזט שוין ווייטער צו אַ צווייטן אויפמאַנען זיין טעגלעכן חוב... אין באַראַק איז שוין פינצטערלעך און ער באַמערקט נישט דעם אויסגעשטעקטן פוס אין אַ זייט... ער פאַרטשעפּעט זיך און ציט זיך אויס אין דער גאַנצער לענג. דאָס איז ווי אַ סיגנאַל. פון אַלע זייטן נעמט מען אַרויפפאַלן אויף מאַניעקן, און באַלד נעמט זיך וואַרפן אויף דער ערד אַ צעפּיבערטער גו־פּים־קנויל... עמעצער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל — ער זאָל נישט

קענען שרייען און די אַנדערע האָבן זיך איינגעקלאַמערט מיט די מאַכט־לאָז־צאָרנדיקע נעגל אין זיין פּנים, אין זיין לייב... אַט בין איך שוין אויך אריינגעפּלאָכטן צווישן הענט און אברים. מאַניעקס גרויסער, מעכ־טיקער גוף וואַרפט זיך אין פיבערדיקע קאָנוולסיעס... זיין צאַפּלען ווערט אָבער נאָך מער דעם שכורן אויפרודער אין יעדן באַזונדער פון אונדז און רייסט ביי מיר אַרויס אַ זיס־נקמהדיקן פרייד־אויסגעשריי...

קיינער וויל איצט נישט קלערן, וואָס פאר אַ פאָלגן דאָס וועט מיט זיך ברענגען.

צוויי צענדליק מענטשן שטייען דאָ איצט איבער איין פאַרהאַסט שטיק פלייש און יעדער באַזונדער וויל דערפון אַרויסרייסן אַ שטיק פאַר־פייניקטע הנאה, אַ ברעקל אָפּגענומענע עוולה... און זאָל שפּעטער געשען וואָס עס וויל... זיך אַליין איז שוין איצט אוממעגלעך איינצוהאַלטן. אייב דער צאָרן זאָל איצט נישט אויספּלאַצן ביז צום גענצלעכן אויסגוס — מוזטו צוזאַמענברעכן — — — —

ניין, ס׳איז נישט געווען קיין בלויזער נקמה־לעכץ! מענטשן, וואָס זוערן אַ לענגערע צייט געשלאָגן און געפּייניקט, ווארעמען אין זיך אויס אַ גיר צו ענטפּערן מיט רציחה און פּיין; עס פּינקלט אין זיי אויף אַ מין ת אַ ו ה אויך צו פּייניקן, אויך צו איבערשטאַרקן די אייגענע כוחלאָזי־קייט. דער מוח זעט דאַן אַלס ציל פון דעם צאָרן — דעם רוצח. דעם אונ־טערבאַוווסטזיין איז אָבער נישט קיין אונטערשיד, ווער עס וועט זיך דער ערשטער פאַרטשעפּען אינעם דאַזיקן צאָרן־פּלאַם... און מיטגעריסן ווערן.

ס׳ליגט אפשר אין אַזאַ מין אויפשטורעם אַ גלגול פון קנאה וואָס ליגט און דרימלט אין דער טיף פון יעדן געשלאָגענעם — צו יענע וואָס קענען מאָרדן מיט דער גאַנצער פריי — — — איך האָב אין דעם געזען דעם שליסל צו אַ סך רעטענישדיקע דערשיינונגען.

דאָס מאָל איז מאַניעק געווען דער אָביעקט, וואָס האָט געלענקט אַלע כוחות צוזאַמען און אַלע געפילן אויף זיך...

פונעם משונהדיקן גערויש האָט זיך אויפגעכאַפּט פון ערגעץ דער בלאָק־עלטסטער מיט די שטובנדינסט. זיי האָבן געלאָזט אין גאַנג די שטעקנס איבער די קעפּ... אָבער דאָסמאָל האָט עס ווייניק געווירקט. די

אריינגעפלאַכטענע האָבן זיך ווי אין טיפער עקזאַלטירטקייט נישט געקענט אָפּרייסן פון אים. דער טומל האָט צוזאַמענגעטריבן דעם גאַנצן באַראַק. דאָס אויסגעצווינגענע געשטאַלט אין דער פינצטערניש דאָרט האָט געריצט מיט אַ זיסלעכן שעפּטש:

— מאַניעק!... מ'האָט דערהרגעט מאַניעקן...

פיר הונדערט לייבער האָבן נישט געשפּירט די קלעפּ, נאָר אַלע נענ־טער זיך געשפּאַרט צו דער טיר, כאָטש איין בליק צו טאָן אויף דער פּאַר־טונקלטער אין שאָטן געהילטער נקמה־וויזיע... דער בלאָק־עלטסטער, ש י ד ל אָ וו ע ר, האָט נישט געקענט באַהערשן די לאַגע. ער האָט אויך נישט געוואָלט, אַז דער גערויש זאָל זיך אַרויסרייסן דורך די שווערע טירן אין דעם שטילן אָנהייב־דרימל פון נאַכטיקן דרויסן... און דאָ האָט זיך גענומען טראָגן אַ געברום פון אַלע זייטן:

— מיט אַלע דאַרף מען אַזוי מאַכן, מיט אַלע!... אונדזער טויט און זייערער!

אַזוי לאַנג האָט זיך אין יעדן געזאַמלט עפּעס אַ טונקעלער געפילן־קנויל, וואָס מ'האָט אין זיך, צוליב איינגעוואָרצלטן פּחד דערשטיקט און איצט איז געקומען דער ערשטער סיגנאַל, דער אויפוועק... איז מען אומ־שטאַנד איצט אַריבערצושפּרייזן אַלע פּחד־גרעניצן, אַריבערצושפּרינגען איבער דעם אייגענעם געדאַנק און זיך אַריינלאָזן אין אַ זינלאָז־פּאַרפּלאָנ־טערטן געראַנגל מיט יעדן... ווי וועלף אין ווינטערדיקע הונגער־נעכט, מיט נעגל און צאָן — — —

דער ראַפינירטער שידלאָווער האָט בלויז איין עצה. ער האָט אָנגע־הויבן מיט אַ שטילן, מילדן פּויליש:

— קאָלעגן!

און פּלוצים איז אַלעם רואיקער געוואָרן. אַזוי ווי אַ שטריק וואָלט דאָ פּאַרוואָרפן געוואָרן איבער יעדנס כעסדיקן אויפברויז... „ק אָ ל ע ג ן“ — איין מענטשלעך וואָרט, אַ שוין לאַנג נישט געהערטס, האָט געצווימט און נעפּענטעט דעם צאָרן פון פיר הונדערט אויפגערודערטע געמיטער...

דאָס נ יי ע אין שידלאָווערס רעדנס־אַרט האָט אויף אַ סעקונדע־ווייל גערעגט אַ באַהאַלטענע איבערגעהאַפּטע נייגעריקייט און אויף אַ רגע

פאַרוואָרפן דעם געדאַנק אין אַן אַנדער ריכטונג. דער קאַכיקער גלי האָט דערווייל געפּלאַצט און איבערגעריסן געוואָרן אינדערמיטן. דער אויפברויז פון געמשפּטע צום אוממענטשלעכן אויסטראָג איז ווי נישט געוואָרן ביים ד ע ר ש פּ י ר ן, אַפילו קינסטלעך, דעם ערשטן טאָן פון אַ גלייך וואָרט.

שידלאָווער האָט טאַקע אויסגענוצט דעם מאָמענט און גענומען אַריינשטופּן זיינע רייד אינמיטן דער שטילקייט אַריין... ער האָט צוגעזאָגט צו אינטערוועניִרן, אַז מ׳זאָל נישט פּייניקן מער ביי דער אַרבעט, אַז מ׳זאָל פאַרבעסערן די באַדינגונגען... ער האָט שוין אַ מיטל דערצו. דער אויפגערעגטער עולם איז דערווייל געקומען צו זיך פון דער אייגענער טומלדיקייט. אַ טייל האָבן זיך אַליין דערשראָקן פאַר דער אייגענער דרייסטקייט, וואָס מ׳האָט נאָר־וואָס באַוויזן. די מאַידאַנעק-לופט איז צוריק געזען געוואָרן און דער אינסטינקט האָט ביי יעדן גענומען זוכן אַן אויסוועג פון די היגע רעוואָלט־רעזולטאַטן... דעם בלאָק-עלטסטנס אומגעריכט־מילדע ווענדונג איז דערפאַר געווען דער בעסטער אויסגאַנג. דער באַוווסטזיין, אַז מ׳דאַרף פאַרטאָג ווידער אויפשטיין, האָט אויך גענומען מיטהעלפן אין שנעלן צעטרייבן דעם עולם צו די בעטן...

אין געציילטע מינוטן זענען בלויז די שטובנדיסטלער געבליבן אויפן אָרט. זיי האָבן זיך עפּעס לאַנג געפּאָרעט ביים צעהרגעטן מאָניעק, וועלכער האָט גענומען קאָנוווּלסיוו וואַרפן מיט אַלע אברים. שפּעטער האָבן זיי אים אָוועקגענומען צו זיך אין ווינקל און לאַנג אין אים אַריינגעטענהט.

פאַרטאָג ערשט זענען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז מאָניעק לעבט ווייטער. דער קאָפּ איז ביי אים געווען געלעכערט און די אונטערשטע ליפּ איז ביי אים געווען איבערגעהאַקט אויף צוויי ערטער. ער איז געלעגן אין אַ ווינקל און קרעכצנדיק אַלעמען געשאָלטן מיט די מיאוסטע קללות. ער איז געווען באַנדאַזשירט פון קאָפּ ביז די פּיס, אַז מ׳האָט נישט אַרויסגעזען די צורה זיינע. די איינציקע טרייסט איז געווען, וואָס מיר וועלן אים אַ פּאָר טעג נישט האָבן ביי דער אַרבעט... דערפאַר אָבער האָבן מאָניעקס חברים יענעם טאָג אין אונדז נקמה גענומען אויפן גרויזאַמסטן אופן.

פאַרנאַכט, נאָכן אַפּעל, האָט דער בלאָק-עלטסטער פאַררופן צו זיך די גאַנצע שלעגער-גרופּע מיט יאַנושן און ווילין בתוכם און עפּעס לאַנג מיט

זיי פארהאנדלט. ווען זיי זענען אוועק, האט ער אונדז געמאלדן, אז זיי זענען גרייט צו שלאגן מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר (אויפהערן שלאגן איז זיי אוממעגלעך...) ביי דער ארבעט, בתנאי אז זיי וועלן באקומען יעדן טאג פון באראק ארויס זעקס לאבנס ברויט. מיר מוזן נאך היינט באשליסן, אויב מיר ווילן האבן יעדן טאג א נאך א קלענערע פארציע ברויט און ווייניקער פיין אדער דאס פארקערטע. איינס קען ער אונדז בלויז זאגן: קיין צוריק איז נישטא... דאס איז דאס איינציקע, וואס ער האט געקענט טאן פאר אונזערטוועגן. ווען מיר אט דעם פארשלאג אפווארפן, וועלן יענע ווערן נאך שרעקלעכער צערייצט — און מ׳קען זיך פארשטעלן, וואס עס דערוואַרט אונדז דאן... און ער וועט מער נישט אונטערהאנדלען.

דאס הארץ איז ביי אלעמען טרויעריק געווארן: ווינציקער ברויט!... וויפל באקומט מען דען סך־הכל!? ס׳וועט דאך נאך ערגער זיין ווי איינגאנצן צו פאסטן! יעדער באזונדער איז אבער שוין אזוי מיד — אז ער קען זיך שוין קעגן גארנישט אקעגנשטעלן... אונדזער טעגלעכע ברויט־צעטיילונג איז אזוי ארום איינגעשרומפן געווארן, פון די פארשידענע אויסקויפונגען, ביז 8־10 דעקא... און פארנאכט, ווען מ׳איז צוריקגעקומען מיט פארחלשטע הערצער און אראפגעשלונגען דעם קליינעם ברויטביסן, האט עס ערשט אויפגערייצט דעם הונגער — וואס איז שוין אליין מיד געווארן פון שרייען אין די אינגעווייידן און איינגעשלאפן — מיט א משוגענער שארפקייט, אז אפט האט זיך געגלוסט אפצוהאקן א שטיק פון אייגענעם פלייש און דערמיט זיך איינמאל אנעסן צו דער זעט*).

---

*) ווי מיין חבר ד״ר מארק דוואזשעצקי האט אויסגעפארשט, איז מאניעק ערשט אנהייב 1946 דערקענט געווארן דורך א גרופע יידן אין איינעם פון די דייטשע לאגערן און איז פון דער זעלבער גרופע פארמשפט געווארן צום טויט און דארט אומגעקומען.

ער האט נאך באוויזן זיין מאידאנעק און סקארזשיסקא צו זיין אויבער־קאפא איז א רייע לאגערן (ווו ד״ר דוואזשעצקי האט אים געטראפן) און האט אויף זיין געוויסן נייע הונדערטער יידישע קרבנות.

ערשט נאך דער באפרייאונג האבן יידישע הענט אן אים נקמה גענומען.

## IV

...און אויך צום הונגער געוווינט מען זיך צו, פונקט ווי צו קלעפּ. די ערשטע טעג אין מאַידאַנעק האָב איך איבערהויפּט נישט געקענט פאַר־שטיין ווי אַזוי איז דאָ איבערהויפּט מעגלעך צו לעבן בלויז איין טאָג. אָבער נאָך דער ערשטער וואָך זיין דאָ אין שדים־ראָד האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס לעבן מוז גיין באַגלייט פון אַ שמאַרץ אין די אבריםְ און מיט אויגן, וואָס שטאַרצן אַרויס פון הונגער.

איינמאָל האָט מיין בעטל־שכן, מענדל, אַנטדעקט צווישן אַ שטיינער־הויפן — אַ שטיק פּלאַץ באַדעקט מיט הויכגעוויקסיקע גראָזן. ער האָט זיך אַהין צוגעשאַרט און נישט ווערנדיק באַמערקט פון קיינעם, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און גענומען רייסן דאָס גראָז מיטן מויל, גיך, גיך...

אויפן דריטן טאָג האָט ער מיר אַנטדעקט זיין סוד. מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו האַלטן מאָרגן זיך צוזאַמען און באַלד נאָכן אָנ־קומען צו דער אַרבעט אַהין זיך אַוועקצולאָזן. אינדרויסן האָט נאָך עפּעס געפעלט צו טאָג. אַ שווער־אָטעמדיקייט האָט פאַרהאַלטן די פרייִלעכקייט פון טאָג אויפן וועג און די גרויע נישט־געקומענקייט האָט באַטרויערט דעם גאַנצן אַרום. מיר האָבן שנעל געכאַפּט די אַרבעטס־מכשירים און אָפּגעגעניגט אין אַ זייט. די הויכע, לאַנגע גראָזן האָבן אונדז שוין אָפּגע־וואַרט מיט טרערן אויף די באַקן. כ'האָב אַנידערגעקניט און איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דער גרינער טויִאיקייט, נישט וויסנדיק: וואָס בייס איך דאָרט מער — די גראָזן אָדער מיינע ליפּן?... אַ ביטער־גרינע זאַפטיקייט האָט זיך געטוליעט צום גומען און אַלע אברים האָבן זיך צעהירזשעט פון נישט־צוגלייבנדיקער לייטזעליקייט...

מיט אַ פול־געשטאָפּט מויל גראָז, וואָס האָט אַריינגעשפּאַרט ביז טיף אין האַלדז אַריין, האָבן מיר זיך געלאָזט שנעל לויפן צו דער אַרבעט, — איידער וועלכער ס'איז אויפזעער וועט באַמערקן.

אַט אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן פּראַווען אונדזער פרימאָרגן־איבער־בייס...

דער סוד האָט אָבער לאַנג נישט געקענט געהאַלטן ווערן. אויב די ערשטע טעג איז יעדנס וועזן געווען אריינגעטאָן אינעם געיעג, נישט זעענ־דיק אַ גאַנצן טאָג מער ווי די ס. ס.־בייטש און דעם הויפן שטיינער; האָבן אָבער ביסלעכווייז די אויגן גענומען באַמערקן יעדן גרעזל וואָס שאָקלט זיך דערשראָקן איבער אַן אָפּגעלאָזענעם זאַמד־באַרג און יעדער פעלד־בלימל וואָס ציטערט אויף איבער אַ בלאָטיק שטיקל וועג... און יעדער באַ־זונדער האָט גענומען לויערן דערויף מיט גנבהשע טריט.

די פאַראַרבעטער און ס. ס.־לייט זענען שנעל געקומען דערויף און שטילערהייט גענומען אָפּוואַרטן, בכדי צו כאַפּן עמעצן ביים וואַרפן זיך אויף אַ גרעזל. יעדער איז אָבער גרייט געווען צו כאַפּן די שווערסטע קלעפּ, אַבי צו דערשפּירן באַלד אינדערפרי עפּעס ווייכס און צעקייטס, וואָס גליטשט זיך אַדורך דורך די ציין אין ליידיקן מאָגן אריין. ס'האָבן אונדז גענומען נאָכטאָן די רוסן. די פראַנצויזן... ביז ס'איז נישט מעגלעך געווען צו באַמערקן דאָס מינדסטע גרעזל אויפן וועג.

די גרעזער אַליין האָבן זיך גענומען שרעקן צו באַווייזן זיך אויף אָט דעם מאָרנעם פּלאַץ, וואָס איז שטענדיק אָנגעפּולט מיט צעריסענע געשרייען... ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס בייִנאַכטיקע געוויין פון רעגן, וואָס האָט זיי גערופן פון דער ערדס אינגעווייד אַרויס — זיי זאָלן אַרויס־שטעקן די גרינע קעפּלעך און געניסן פון דעם זומערדיקן ווינטס גלעטע־רייען... זיי האָבן נישט געוואָלט הערן מער דעם שטראָמיק־וואָרעמען זו־מער־אָנזאָג און אייִנגעטוליעט זיך אין ערדיקן פעלץ, בכדי זיך צו שיצן פאַר די שאַרף־צייניקע הונגער־מיילער...

די ערשטע צייטן האָט יעדער גרעזל געוואוסט, אַרויסגעלייענט פון די אויגן דעם משוגענעם צער און זיך געוואָרפן דיר אַנטקעגן:

— נאַ, נעם מיך, עס מיך... טו מיט מיר וואָס דו ווילסט... אַבי קוק נישט אויף מיר מיט אַזעלכע אַ אויגן... און איצט — טאָמער האָט זיך אפילו געטראָפן, אַז אַ יונג גרעזל האָט מיט נייגעריקער שרעק אַרויסגע־שטעקט אַ בלייך־גרין קעפּל, איז עס באַלד פאַרשטאַרט געוואָרן פון דער אַרומיקער פוסטקייט און ווי אַ פאַרבלאָנקעט קינד אויף אומבאַקאַנטע וועגן, ווי אַ שולדיקער געוואַרט אויף אַן אורטייל...

די טויזנטער מיילער האָבן שוין אויפגעגריזשעט אַלע דערנער און שטעכער־גראָזן פון גאַנצן אַרום, און דער מאָגן האָט שוין זיך אויסגעלערנט יעדן פרימאָרגן זיך צוצוגנבענען צום געדאַנק און אַ פּויק טאָן אין אים תּרעומותדיק... אַלאַרמירנדיק צו קאָנקרעטער גראָז־אויפמערקזאַמקייט... האָבן אַנדערע אַריינגענומען אין מויל אַביסל זאַמד, עס לאַנג־לאַנג אויסגעמישט מיט דער צונג און גענאָגט, אָפּצונאַרן זיך אַליין מיטן שפּירן עפּעס אין אויסגעטריקנטן מויל... און שפּעטער עס אויסגעשפּיגן האַרט און צוזאַמענגעקלעפּט...

ס'האָבן אַלץ מער און מער גענומען אַוועקפאַלן אויף מאָגן־קראַמפּן.

מענטשן האָבן זיך שטיל אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, קורטשענדיק זיך אין משונהדיקע ווייען. די געזונטע האָבן זיי געמוזט אָפּטראָגן פאַרנאַכט אין באַראַק אַריין — פונוואַנען זיי זענען אַוועק אויף זייער ווייטערדיקן, קורצן וועג אין דער אייביקייט. ביי אַנדערע האָבן גענומען שווילן די פּיס, דאָס פּנים, די הענט... פונעם שטיין גאַנצע טעג אויף דער הייסער זון, מיט אָפּגעשווירענע, אַנטבלויזטע קעפּ — זענען ביי אַ סך די שאַרבנס אויפגעלאָפן מיט אַ הויכער וואַסערדיקער דיקקייט. די בלוטן זענען געווען הונגעריק און מיד, זיי האָבן דערפאַר נישט געקענט שטעלן קיין ווידערשטאַנד. האָט זיך דערפאַר דאָס געשווילעכץ מיט לייכטקייט אויסגעקליבן וועלכעס אבר ס'האָט געוואָלט. די אַלע האָט דער גרויסער, געשלאָסענער טויער פון הויף ביים נייַנצנטל שנעל איינגעשלונגען און קיינעם נישט געוואָלט אויסזאָגן, וואָס עס ווערט מיט זיי געטאָן...

אין באַראַק האָט גענומען ווערן גערוימער. אָבער קיין צווייטע „לעבעדיקע“ טראַנספּאָרטן זענען נישט אַריינגעבראַכט געוואָרן. האָט די גערוימקייט געדריקט ווי אַ שווערע לאַסט.

# קאַפּיטל אַכט

## I

אין מאַידאַנעק האָט מען צונויפגעזאַמלט מענטשן פון פאַרשידענע לענדער פאַר אַלערליי פאַרברעכנס. ווי אין יעדן קאַצעט איז מען דאָ באַצייכנט געוואָרן מיט אַ לייוונטענעם נומער, וואָס האָט געמוזט זיין צוגענייט אויפן רעקל און אויף די הויזן ביי דער קני. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דעם אָפּצייכענען די פאַרברעכער־קאַטעגאָריעס. מיט קליינע אויסנאַמען זענען אויך די שולד־אָפּצייכנס געווען די זעלבע ווי אומעטום. זיי זענען געווען געמאַכט אין דער פאָרם פון אַ דרייעקיקן ווינקל און געמוזט זיין אָנגענייט אונטערן „העפטלינגס־נומער“.

אַ פּאָליטישער פאַרברעכער האָט געטראָגן אַ ר ו י ט ן ווינקל. אויב ער איז נישט געווען קיין ד יי ט ש — האָט אויף זיין ווינקל אָן אות אָנגעצייכנט זיין נאַציאָנאַליטעט. אַ פּאָלאַק האָט געטראָגן אַ גרויסע לאַטיינישע פּע; אַ פראַנצויז — עף; אַ גריך — גע; אַ ציגיינער — זעט א. א. וו. אַ קרימינעלער פאַרברעכער איז באַצייכנט געוואָרן מיט אַ ג ר י נ ע ם ווינקל; אַ קרימינעלער פאַרברעכער פון שווערערן טיפּ מיט — ג ר י ן מיט אַ גרויסע, שוואַרצע עס. (זיכערהייטס־געפערלעך.) אַרבעטס־פוילע האָבן געטראָגן אַ ש וו אַ ר צ ן ווינקל (אויך ציגיינער האָבן אַלע געטראָגן שוואַרצע ווינקלען — ס'זאָל הייסן, אַז זיי זיצן פאַרשפּאַרט פאַר זייער פוילקייט...) האָמאָסעקסועלע זענען באַצייכנט געוואָרן מיט ר אָ ז אַ. יידן — מיט ג ע ל. יידן, וואָס האָבן אויך געהאַט אַ

פּאָליטישן חטא, האָבן באַדאַרפט טראָגן *צוויי* ווינקלען, אין דער פאָרם פון אַ מגן־דוד, דער געלער איבערן רויטן. אַ ראַסנשענדער האָט גע־דאַרפט טראָגן איבער זיין נאַציאָנאַליטעטס־ווינקל אַ שוואַרץ *דרייעקיק זיימל*. גייסטלעכע, ביבל־פאָרשער און פּאַציפיסטן צוליב *רעליגיעזע* מאָטיוון (סתם־פּאַציפיסטן זענען גערעכנט געוואָרן פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער), האָבן געטראָגן דעם *פיאָלעט* קאָליר און „פאַרדעכטיקע" אין וועלן אַרויסעמיגרירן — אַ ווינקל פון טונקל־*גרין*.

די גרעסטע טייל פון די מאַידאַנעק־פאַרשפאַרטע זענען געווען פון אַנדערע פעלקער. *דייטשן* האָט מען בלויז געבראַכט פון אַנדערע קאַצעטן אין דייטשלאַנד, זיי זאָלן פאַרנעמען אַמטן אַלס קאַפּאָס און לאַ־גער־עלטסטע. זיי אַלע זענען שוין לאַנגע יאָרן געווען אין פאַרשידענע קאַצעטן און שוין לאַנג פאַרגעסן ווי אַזוי עס זעט אויס די פריי און אַ געוועזלעך, מענטשלעך לעבן.

די ערשטע מינוט, ווען מיר זענען געבראַכט געוואָרן אַהין, האָבן זיך אונדזערע סימפּאַטיעס אָנגעהאָנגען אין די דייטשן מיט די רויטע ווינק־לען. ס'האָט זיך געוואָלט גלויבן, אַז זיי, וועלכע זענען פאַרשפאַרט צוליב פּאָליטיק, זענען זיכער קעגנער פון היטלעריזם און במילא אויך קעגנער פון מאָרד און בעסטיאַליזם. שוין די ערשטע נאַכט אין מאַידאַנעק האָט אונדז באַוויזן אונדזער פּסיכאָלאָגישן טעות. דער הייזעריקער לאַגער־עלטסטער פון דריטן פעלד איז געווען אַ *רויט* ווינקל. די קאַפּאָס פון פאַרשידענע אַרבעטס־שטעלן, ביז צו דער גאַז־קאַמער זענען געווען *רויטע* און גרינע... און דאָס געשפּענסט פון גאַנצן לאַגער — דער הויכער ווינער קאַפּאָ — איז געווען אַ *רויט ווינקל*...

ס'זענען געווען קליינע אַרבעטס־פּלעצער, אויף וועלכע עס האָבן גע־אַרבעט בלויז אַ קליינע גרופּע פון עטלעכע צענדליק מענטשן. אויסער די ווערקשטעלן, וווּ עס האָבן געאַרבעט טויזנטער פאַכמענער אויף בעסערע באַדינגונגען — איז דער גרעסטער אַרבעטס־פּלאַץ געווען די „שטראַסנ־באַאו" פון דער פירמע „פּאָלסטעפּאַן" מיט אירם אַ צווייטער אָפּטיילונג — די קאָמענדאַנטור. דאָס איז געווען דער שרעקלעכסטער פּלאַץ אין מאַי־

דאנעק — ווי אממערסטן מענטשן זענען פארפייניקט געוואָרן מיט א טויט, וואָס האָט זיך געשלעפּט טעג און וואָכן. דער הויפּט־אָנפירער פון די מערדערייען אויפן פּלאַץ איז געווען דער הויכער ווינער קאַפּאָ טאַקע, וואָס האָט אכטונג געגעבן אויף דער ארבעט ביי דער קאָמענדאַנטור.

ער איז געווען אן אויסערגעוויינלעך שיינער יונג מיט אן אייביק־מילד שמייכעלע אויפן פּנים. גלאַט טויטן האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט. ער פלעגט זיך ברייט צעשמייכלען ביים אָננעמען א יידס אויסגעדארטן האלדז מיט זיינע לאַנגע פידלער־פינגער. אן אומגעוויינלעכע הנאה פלעגט זיך אים אויסגיסן אויפן זאַטן, צעפרידן־ראָזלעכן פּנים, ווען ער האָט ארייננגע־קוועטשט זיינע גרויסע הענט אלץ שטייפער און שטייפער אין יענעמס אָטעם אריין. צוערשט האָט ער געלאָזט אדורכלויפן אביסל לופט דורך יע־נעמס האלדז־רערל, לאַזנדיק אים בלויז שפּירן דעם אייזערנעם אויסער־לעכן קלאַמער פון זיינע קרעפטיקע פינגער. ער האָט אזוי געקענט האלטן מינוטן גאַנצע זיין האַנט אויף יענעמס לעבנס־שעפער און אריינזויגן דורך זיינע נעגל יענעמס כּאַרכלענדיקע וואַרעם אין זיך אריין... רואיק, ווי גאַרנישט טוענדיק, האָט ער אלץ מער אריינגעדריקט זיינע פינגערדיקע צוואַנגען אין יענעמס לופט־רער, איבערלאָזנדיק א שמאָלינק שפּעלטעלע אין האלדז, דורך וועלכן דאָס לעצטע ביסל ראַנגלענדיק לעבן זאָל זיך זוכן א שרייענדיק־פייפנדיקן אויסוועג... ער איז דערביי געשטאַנען און ערנסט אויפגעכאַפּט יעדן שאָרך, וואָס קומט פון דעם קרבנס שטיקן זיך. האָסט קיינמאָל נישט געקענט ווויסן, אויב ער האָט בלויז הנאה פון יעדער מינוט און רגע ביים לאַנגזאַמען מאָרד אָדער ער שטודירט דאָ עפּעס ארויס...

נישט איינמאָל פלעגט ער זיין קרבן פלוצים באַפרייען פון דער איינ־קלאַמערונג, אים לאָזן אריינאָטעמען די לופט און דערביי אָבסערווירן וויאַזוי אלע אברים אין מענטש רעאַגירן, הייבן זיך אויף און אראָפּ, מיט דער שטומער פרייד ביים דערשפּירן צוריק דאָס אריינשטראָמענדיקע לע־בן... און שפּעטער האָט ער אים ווידער אָנגעכאַפּט מיט א כעס און ווייטער שטיקן, שטיקן... אָפּטמאָל האָט ער דעם סעאַנס איבערגעחזרט א צענדליק מאָל, ביז ער האָט יענעם דערשטיקט צום טויט.

די געציילטע מאָל, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו אָבסערווירן דעם ווינער קאַפּאָ ביי זיין אַרבעט, האָט זיך ביי מיר געשאַפן דער איינדרוק, אַז דאָס עקספּערימענטירט ער עפּעס אויס...

אַ צווייט פאַרגעניגן זיינס איז געווען דאָס דערטרינקען מענטשן. אויף דער אַרבעטס־שטעלע איז געשטאַנען אַ גרויס פאַס מיט וואַסער. פלעגט ער אַ כאַפּ טאָן אַ מענטש און אריינשטעקן אים מיטן קאָפּ ביז איבערן האַלדז אין וואַסער. מיט זיינע מעכטיקע הענט האָט ער געהאַלטן דעם קרבן ביי די פיס ווי אַ שפּילעכל און מיט אים איבערגעחזרט דאָס זעלבע מערערע מאָל. ער האָט זיך געקוויקט מיטן שפּירן דעם מענטשלעכן גסיסה־צאַפּל אין די אייגענע הענט. דאָס זעלבע האָט ער געמאַכט ביים וואַסער־באַסיין אין מיטן לאַגער.

וועגן זיין ספּעציפישן מין שלאָגן און צעטרעטן מענטשן מיט די לאַנגע פיס זיינע וויל איך דאָ איצט נישט דערציילן. איך קען בלויז נישט פאַרגעסן זיין מילד און שטענדיק־שמייכלענדיק פּנים. אפילו ביים ווערן אין כעס — אינמיטן אַ מאָרד — האָבן זיינע אויפגעלויכטענע אויגן גע־האַט דעם זעלבן גלאַנץ. זיין מאָרד־ה נ א ה האָט שטענדיק איבערגע־וועלטיקט די ר צ י ח ה פון אַ פּייניקער... עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט דאָ אויסגעפּרובירט אַלץ אין דער וועלט; אַזוי ווי ער וואָלט אויס־עקספּערימענטירט די שגעון־רציחה, דעם מאָרד אין אויפרעגונג — דאָס דערלאַנגט זיך אָבער נישט ביז זיינע אַלע געפילן, זיין גאַנצער א י ך — ט י ף ווערט נישט א י ב ע ר צ י י ג ט א ד ו ר כ ג ע ד ר ו נ ג ע ן מיט דעם רוצחים־שווידער און יעדער אבר באַזונדער געניסט פונעם רואיקן הנאה־גליק ביים לעשן לעבנס... פונקט ווי אַ קינד וואָלט פּלוצלינג געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו דערלאַנגען צום הימל און זיך שפּילנדיק אויסגע־לאָשן אַ שטערן...

דאָס איז געווען איינער פון די מערדער־טיפּן, וואָס כ'האָב אין גע־דאַנק דערווייל פאַר זיי נישט קיין צווייט וואָרט ווי — ש ט י פ ע ר... מלאכי־חבלהדיקע, גרויליקע שטיפער, וואָס זענען דערפאַר נאָך מער שרעק־לעך, ווייל ביי אַזעלכע וועט קיינמאָל קיין האַרעלע געוויסן אַ פּינטל נישט טאָן...

דעם ווינער קאַפּאָ האָבן אַלע גענומען נאָכטאָן: פון דער ס. ס. ביז דעם נידעריקסטן פּאַראַרבעטער און שיבער און ער אַליין האָט משונהדיק הנאה געהאַט דערפון. ער פלעגט אויך ליב האָבן זיך צו לאָזן פאַרבייגייין און זען ווי די מענטשן ציטערן אויף דערביי... כ'וואָלט געשווירן, אַז ער האָט פ י ז י ש דערשפירט דעם אויפשווידער פון יעדנס לייב...

דאָס איז געווען דער אָפּבילד און פאָן פון אַלע קלענערע פּייניקער אין מאַידאַנעק.

## II

א באַזונדער ראָל האָבן געשפּילט די פּוילישע ציוויל־מייסטערס פון לובלין, וועלכע פלעגן קומען יעדן טאָג פון שטאָט, אָנצופירן מיט דער אַרבעט. זיי האָבן געטראָגן ווייסע בינדעס מיט אויפשריפטן, וואָס האָבן זיי געשיצט פאַר אַרעסטן און פון אַוועקגעשיקט ווערן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. זיי האָבן עס כסדר אויפגעהעצט די פאַרשידענע טונקעלע עלעמענטן צווישן די פּאַראַרבעטער און סתם אַרעסטאַנטן אויף די יידן. זיי האָבן דערציילט שווידער־מעשיות פון יידישער אויפפירונג אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן און כסדר באַדויערט, פאַרוואָס נישט אַלע יידן זענען שוין פאַרברענט אין די קרעמאַטאָריעס, נאָר רייצן נאָך אויף מיט זייער מאָגער ביסל לעבן דאָס רואיקע פּוילישע געמיט. ביים שלאָגן האָבן זיי געשיט מיט אַ מבול רייד, צו באַרעכטיקן זייער האַנדלונג. מיר זענען שול־דיק געווען פאַרן פאַרפייניקן יעזוסן, פאַר דעם עסן פעטע הינער פאַרן קריג, און פאַר די פאַרוויסטע קלויסטערס דורך די יידישע באָלשעוויקעס...

אָבער זאָל דאָ דערמאָנט ווערן איינער, ממש אַ יי נ ע ר פון די הונדערטער טעכניקער און אויפזעער, אַ יונגער פּוילישער אינזשעניער — וועמענס נאָמען ס'איז אונדז געבליבן אומבאַקאַנט — וועלכער איז ביי אונדז געבליבן דער סימבאָל פון אַ ליכטיקער, מענטשלעכער פיגור. דער אייגנאַוינאַיינציקער וואָס האָט זיך באַצויגן, נישט בלויז מיט מיטלייד, נאָר אויך מיט אויפריכטיקער ליבשאַפט צו פאַרפייניקטע. ער האָט אָנגעפירט מיט דער מעליאָראַציע־אַרבעט. יעדן טאָג האָט ער זיך אויסגעקליבן עט־

לעבע מענטשן און מיט זיי געגראָבן גריבער, אויסגעגלייכט בערג און אָפּ־געצווינגן ס׳וואַסער פון די זומפּיקע ערטער. ער פלעגט מיט אַ מיטפּילנדיקער שפּראַך אָנווייזן יעדן זיין אַרבעט, אָפּגעבעטן אָפּט אַ מענטש פון אַ קאַפּאָס שמייס און זיך באַמיען, אַז די אַרבעט זאָל זיין וואָס לייכטער. שוין פון ווי ווייט פלעגט זיין שטענדיק פאַרטרויערטער סילועט, מיטן ווייסן זומער־מאַנטל גלעטן די פאַרטייעטע געמיטער און יעדער פּרימאַרגן — ווען מיר פלעגן שטיין אויסגעשטעלט אין לאַנגע, שטומע רייען, וואַרטנדיק וועלכער מייסטער ס׳וועט אונדז אויסקלייבן צו זיין גרופּע, האָבן טויזנטער אויגן־פּאָר זיך צו אים געוואָרפן און אויף שטום־לשון ביי אים געבעטלט אַ ברעקל אויפמערקזאַמקייט... ער אַליין האָט זיך דערשראָקן פאַר דער שטו־מער סימפּאַטיע פון אַזויפיל פאַרחלשטע בליקן, נישט געוואָלט, ס׳זאָל אויספאַלן ביי דער ס. ס. און שטיל געבעטן זיך ביי זיינע אַרבעטער, אויפן אויער, מ׳זאָל עס נישט אַרויסווייזן שטייענדיק אין דער ריי... אָבער וואָר איז עס דען אימשטאַנד צו דערשטיקן אין מאַידאַנעק די געפילן צום איינ־ציקן, מענטשלעכן פּנים?...

די פאַנטאַזיע ביי יעדן איינעם האָט אים אַרומגעגלעט מיט טויזנטער געדאַנקען. מ׳האָט זיך אים פאַרגעשטעלט ווי אַן איבערנאַטירלעכע וווּנ־דער־דערשיינונג, ווי עפּעס אַ מלאך — הגם ער האָט זיך בלויז מענטש־לעך, טיף־מענטשלעך אויפגעפירט.

און אפשר איז דאָס אַליין אַ באַווייז פון נישט דורכשניטלעכן וווּנ־דער? . . .

ער פלעגט שוין שטענדיק אויסגעפינען אַרבעט אין אַ ווייטערן, אָפּ־געלעגענעם אָרט, ווו די ס. ס. פלעגן זיך זעלטענער פאַרטראָגן. ער אַליין האָט זיך אָוועקגעזעצט אין אַ זייט, לאָזנדיק די אַרבעטער טאָן ס׳זייעריקע.

צוויי טעג איז מיר אויסגעקומען ביי אים צו אַרבעטן און איך האָב באַמערקט ווי אַזוי ער מיידט אויס זיך צוזאַמענצוטרעפן מיט אַ בליק פון אַ ייד... אַמאָל פלעגט ער זיך אַוועקזעצן, אונטערשפּאַרן דעם קאָפּ מיט אַ האַנט אויף דער קני און טראַכטן פון עפּעס טרויעריקס און קלעמענדיקס. ס׳איז געווען קלאָר צו זען, אַז דעם מענטש דריקט עפּעס אַ צער... ער האָט זיך געהאַלטן כלפּי אונדז ווי אַ שולדיקער. כ׳האָב אַפילו אַ טראַכט געטאָן:

איז ער נישט אמאָל אַ ייִד, איינער פון יענע הונדערטער און טויזנטער, וואָס האָבן געזוכט שוץ אונטער „אַרישע" פּאַפּירן? אין דער גאַנצער אַרומיקער אַטמאָספערע איז נישט געווען מעגלעך זיך פאַרצושטעלן אַן עבֿטן פּאָליאַק מיט אַזאַ האַנדלונג און אין זיך פאַרטראַכטקייט. דאָס איז נישט געווען קיין שולד־געפיל בלויז פאַר זיינע חברים. זיין גאַנצער אויסדרוק און ליידנדיקער ליפּן־גרימאַס האָבן געשטעמפּלט זיין אַנגעהעריקייט צו אַ געפּייניקט פאָלק...

כ'האָב אָבער שטענדיק אַזאַ מחשבה דערשטיקט אין ערשטן אויפטויך ווי מורא־האָבנדיק, אַז אַ בלויזער טראַכט אַזאַ זאָל נישט פאַרראַטן אָט־אָ דעם ליבן מענטש. כ'האָב פאַר זיך אַליין נישט געוואָלט זיין פעסט־איבערצייגט דערין, ווייל דאַ וואָלט די באַציאונג צו אים זיך זיכער געענדערט, אָן אַליין דערפון צו וויסן, און מיר וואָלטן אויפגעהערט אין אים צו זען בלויז אַ מילדן מייסטער... און דאָס קען פאַר אים ווערן געפערלעך.

שפּעטער־צו איז ער פאַרשוווּנדן און מיר האָבן געהערט, אַז ער איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע פּאָליאַקן. וואָס מיט אים איז געשען, ווייס איך נישט. מעגלעך אַז מ'האָט אים פאַרשיקט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

די גרעסטע טייל פון די מייסטערס האָבן פאַרדינט שווערע געלטער. זיי האָבן געבראַכט פורן מיט זאַמד פאַר דער אַרבעט און אונטערן זאַמד אַריינגעשמוגלט עטלעכע לאַבנס ברויט. אין לובלין האָט דאַן געקאָסט אַ קילאָ ברויט פ י ר זלאָטעס און אין לאַגער — 150... אַזוי אַז פון איינמאָל אַריינשמוגלען עטלעכע ברויטלעך, אָדער עטלעכע קילאָ ווורשט האָבן זיי געקענט לעבן אַ חודש. שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס זיי האָבן אָפּגעקויפט דאָס גאָלד און ווערט־זאַכן פון די פאַרגאַזטע ביי די ס. ס.־לייט און די מענטשן וואָס האָבן דערביי געאַרבעט.

די פאַראַרבעטער האָבן זיך אַנגעטאָן טאָפּלטע רעקלעך — וואָס זיי האָבן זיך פאַרשאַפט אין לאַגער — און עס אוועקגעגעבן פאַר אַ ברויט. דאָס ברויט האָבן זיי פאַרקויפט אין לאַגער און דערפון געהאַט געלט אויף בראַנפן, וואָס איז געוואָרן אַריינגעשמוגלט אין לאַגער. די מייסטערס האָבן די רעקלעך אוועקגעפירט פון דער שטעל, פאַרשטעקט אין די וואַגנס, וואָס

האָבן אַוועקגעפירט דעם ברוך פון די ציגל אין שטאָט אַריין. אַזוי אַרום איז צוגעגאַנגען דער האַנדל מיט די זאַכן פון די אומגעבראַכטע יידן.

אין לאַגער איז געווען פאַרבאָטן אונטער טויט-שטראָף צו רויכערן אַ ציגאַרעט, צו טרינקען, צו האָבן אַן אַנדער שטיקל ברויט — אויסער דער לאַגער־צוטיילונג. און דאָך איז  אַ ל ץ  געווען, אַפילו דאָס געפערלעכ־סטע: ג ע ל ט... ווי אַזוי? — וועגן דעם באַזונדער. אַלצדינג האָט אָבער אַדורכגעוואַנדערט פּוילישע הענט.

מיר, וואָס האָבן אָפיציעל געהאַט 18 דעקאַ ברויט — האָבן געמוזט געבן דערפון פאַרשידענע צינזן פאַר אַלע מינים האַרן און עלטסטע. זיי האָבן די געבליבענע לאַבנס פאַרקויפט, גענומען דערפאַר ווורשט און שנאַפּס; פאַר גרויסע געלטער איז אויך אַמאָל אַריינגעשמוגלט געוואָרן אַן איבערגעלייענטע פּוילישע צייטונג, וואָס עמעץ האָט זיך אַרומגעבונדן אַרום דעם פּוס און אַזוי אַרום אַריינגעבראַכט דורך די טריט אָפּגעריסענע נייעס־ברעקלעך אין לאַגער אַריין.

די איינציקע אַרבעט פון די פּוילישע מייסטערס קעגן דער ס. ס. איז געווען דער שמוגל ביז צום אַרבעטס־פּלאַץ (אין לאַגער אַריין האָבן זיי נישט געטאָרט אַריינקומען) און אויך דאָס איז געווען בלויז פאַר די שלע־גער, וואָס האָבן זיי געצאָלט מיט אונדזער ביסן...

און געטאָן האָבן זיי עס מיט דער איינציקער אויסרעכענונג: ריזי־קירן, בכדי אין געציילטע טעג רייך צו ווערן.

## III

עס איז מיר אוממעגלעך צו וויסן, וויפל טויערן מאַידאַנעק האָט פּאַקטיש פאַרמאָגט, ווי אויך וויפל ס. ס.־לייט ס׳האָבן באַוואַכט דעם לאַ־גער. איין זאַך וויים איך אָבער אויף קלאָר, אַז זייער צאָל האָט דער־גרייכט אין די טויזנטער. עס האָט פון זיי געשווירבלט איבעראַל. זיי זענען געווען צעשאָטן אין געביידעס און אין באַראַקן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט יעדעס „פעלד״, ביי די וואַרשטאַטן און אַרבעטס־פּלעצער, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף לאַנגע קילאָמעטערס. עס איז געווען אַ ספּעציעלע שולע צום

הרעסירן גרויסע וועלף־הינט, וועלכע זענען אויסגעבילדעט געוואָרן צו נאָכיאָגן אַנטלויפנדיקע... ארום יעדן טויער און צוים פון עלעקטריזירטע דראָטן זענען געשטאַנען הויכע אָבסערוויר־טורעמס און פּאָסטנקייטן פון ס. ס.־וועכטער מיט גרויסע, אומרואיקע הינט.

נישט מעגלעך געווען זיך אַרויסצובאַקומען פון מאַידאַנעק.

ס׳איז נישט מעגלעך געווען זיך אדורכצורייסן דורכן ים פון טויערן, צוימען און וואכן. ס׳זענען מיר באַקאַנט בלויז ווייניקע פאַלן פון פּרוּוון צו אַנטרינען, וואָס האָבן זיך אויך געענדיקט מיטן טויט. ביי אַנדערע, ווען דאָס לעבן איז נמאס געוואָרן, איז דאָס געווען דער בעסטער וועג צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

ביי צוויי ארבעטס־ערטער זענען אָבער געווען ווייניקע שאַנסן אַמאָל אוועקצוקומען. איינע — ביי דער גרופּע וואָס האָט געאַרבעט אין לובלין. און די צווייטע — ביי אונדזער שטראַסנבוי. די שטאָט־גרופּע פלעגט ווערן שטאַרק באַוואַכט און גאָרנישט טראָגן אויפן לייב, אויסער דעם ווייס־בלויעם, ספּעציעלן ק. ל.־אַנצוג. דאָך געדענק איך אַ פאַל, ווען אַ ייד איז אַנטלאָפן איבערלאָזנדיק ביי דער ארבעט זיין קאַצעט־מונדיר, נישט ווערנ־דיק געכאַפּט.

די אַרבעט ביי דער אויטאָסטראַדע פון שטראַסנבוי האָט זיך אָנגעהויבן אויסער די לאַגערן און געצויגן זיך ביז צום הויפּט־שליאַך, וואָס פירט קיין לובלין. זומער איז די צווייטע זייט פון שליאַך געווען באַוואַקסן מיט הויכן קאָרן־אויפשפּראָץ, אַזוי אַז מ׳האָט זיך בלויז געדאַרפט אריבערבאַקומען ביז אויף דער צווייטער זייט פון שאָסיי. דערפאַר זענען געווען ביי דער אַרבעט הונדערטער אויגן, וואָס האָבן אָבסערווירט יעדן אַרעסטאַנטס באַוועג. גאַנץ באַזונדער איז דער שאָסיי געווען געדיכט באַ־שטעלט מיט דייטשע און ליטווישע זשאַנדאַרמען, וואָס האָבן באַוואַכט יעדן טריט.

ס׳פלעגט זיך מאַכן אָפּטמאָל, אַז עס פלעגט פאַרפעלן זאַמד, אָדער גאַנצע שטיינער צו דער אַרבעט. דאַן פלעגט מען אריבערפירן אַ גרויסע צאָל פון די אַרבעטער אויפן באַרג, האַרט ביים שאָסיי און דאָרט פלעגט מען מוזן איבערטראָגן די בערג מיט גראָז און אַש פון איין אָרט אויפן

צווייטן. ווען דער באַרג איז שוין געווען איבערגעטראָגן ביזן לעצטן ברעקל, האָט מען געמוזט אויפסניי אַריבערטראָגן אויף זיין פריערדיקן פּלאַץ. צענדליקער מאָל אַזוי. אַ באַזונדער אַרבעט איז געווען דאָס איבערסאַר־טירן און אויסקלייבן מיט די הענט צווישן די הויפנס צעריבענעם מויער־אָפּפאַל די גרעסערע און קלענערע שטיינער און זיי לייגן אויף באַזונדערע קופּקעלעך. די אַרבעט האָט געמוזט געמאַכט ווערן איינגעבויגענערהייט אָדער קניענדיק שעהנווייז.

און צען מעטער ווייטער איז געשטאַנען אַ וועלט אין מיטן בליען, אין מיטן אַ גרינעם, זומערדיק־ליכטיקן צעוואַקס... און ווען מ׳האָט אויף אַ מינוט, בגנבה, אויפגעהויבן אַן אויג און דערזען דאָס רחבות פון פעלד און לאָנקע, האָט עס אַ וואַליע געטאָן אין קאָפּ מיט אַ שכורער, שוין באַלד פאַרגעסענער בענקשאַפט, וואָס האָט להכעיסדיק געררייצט די קנעכל אויפ־צושטיין און אַריבערצושפּרייזן ביז איבערן שטיקל שטיינערנעם וועג... אַ ה י ן . . . נישט צו זען און אָן אָפּצוגעבן זיך אַ חשבון פון דעם, וואָס עס דראָעט מצד די געלע און פעלד־גרינע זשאַנדאַרם־מונדירן.

אויף דער צווייטער זייט, אַנטקעגנאיבער, איז געשטאַנען אַן איינזאַם פאַרוואַרלאָזט שטיינערן הייזל, אַרומגערינגלט מיט אַ קראַנץ פון גרינס. איינער אַן ס. ס.־מאַן האָט עס באַמערקט און דערקלערט זיך, אַז דאָס הייזל איז שעדלעך אויף דעם פּלאַץ: עמיצער קאָן זיך נאָך דאָ באַהאַלטן צווישן די שטיינער און ווען אַלע וועלן אַוועקגעפירט ווערן, קען זיך אַזעלכער איינער אַריבערבאַקומען, אין דער נאַכטיקער טונקלקייט, ביז צום הייזל און אַזוי אַרום אַנטרינען... באַלד איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ גרופּע אַרי־בערצוגיין אויף דער צווייטער זייט, צו צעלייגן די געביידע און די ציגל אַריבערצונעמען אויף דער זייט. עטלעכע געטרייע פאַראַרבעטער און איין קאַפּאָ זענען מיטגעגאַנגען היטן די גרופּע.

ביי מיין בערגל שטיינער זענען געבליבן בלויז געציילטע מענטשן. עטלעכע טריט פון אונדז האָט זיך געדרייט אַ ליטווישער פּאָסטן און פון אונדז נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג. פּלוצים האָט ער מיך אַ רוף געטאָן אויף רוסיש:

— דו, קליינער, קום נאָר אהער!

איך האָב געמיינט, אַז ער רופט מיך צו געבן שמיץ, און שוין אין געדאַנק זיך געגרייט אויפצונעמען פרישע קלעפּ. ער האָט מיך אָבער גע־רופן צוליב גאָר עפּעס אַנדערש:

אויף זיין וועג איז געווען אַ קליין טייכעלע רעגנוואַסער, וועלכעס האָט אים געשטערט ביים שפּאַצירן אַהין און צוריק. ער האָט מיך דערפאַר גערופן, כ'זאָל נעמען אַ רידעל און אויסגראָבן אַ גריבל לענגאויס דעם וועג, אַז דאָס וואַסער זאָל אָפּגעצויגן ווערן. גראָד האָב איך די אַרבעט געקענט פון אַנדערע קאַצעטן און דערפאַר גענומען פּאַמעניש אַדורכפירן זיין פּלאַן. כ'האָב געוואָלט די אַרבעט פּאַרציען וואָס לענגער, בכדי נישט צו דאַרפן שטיין צוריק אויף די קני.

אַ פּאָר טריט אַנטקעגנאיבער האָבן די שטיינער פון פּלוצים איבער־געפּאַלענעם הויז זיך אָראָפּגעשיט מיט אַן אומגעריכטן הילך. הענט האָבן אין פיבער געריסן לעבעדיקע שטיקער פון די ווענט, קלאַפּנדיק אין בהלה מיט אייזן־מכשירים אין די געשטעלטן. אַ גרויסער שטויב האָט זיך אויפ־געהויבן און אַנטלויפנדיק זיך געזוכט אַ וועג. אין דער געדיכטער לופט איז ער שטעקן געבליבן ווי צעטומלט און נישט געוווּסט, צי זאָל ער זיך רייסן צום פעלד אָדער צום הימל...

דעם ליטווינער האָט עפּעס פּאַרכאַפּט אין מיין אַרבעט, אַז ער האָט זיך אַפילו אַהינצו נישט אומגעקוקט. איך האָב דערווייל געאַרבעט אינ־טענסיוו, באַגיסנדיק זיך מיט שווייס און ער איז נישט מיד געוואָרן זיך צוצוקוקן. גראָד איז פּאַרבייגעלאָפן יאַנוש. ער האָט אים אַ רוף געטאָן:

— דער געהערט צו דיין גרופּע?

— יאָ!

— אים דאַרפסטו שוינען! אַן אמתער סטאַכאַנאָוויעץ... ערנוואָרט.

ביי יאַנושן האָט זיך עפּעס אַ מיש געטאָן אין קאָפּ:

— כ'וועל אים מאַכן פאַר מיינס אַ שיבער!

אַ שרעק איז מיך באַפּאַלן: גאָט! איך — אַן אויפזעער אין מאַי־דאַנעק!?

אָבער יאַנוש איז שוין באַגייסטערט פון זיין איינפאַל. שוין שפּאַרט ער מיר אַ דיקן שטעקן אין דער האַנט אריין און נעמט מיך שלעפּן:

— קום! איך וועל דיך אוועקשטעלן ביים בערגל צו היטן די הורנזין...

איך גיי אים נאָך אַ פאַרלוירענער מיט וואַקלדיקע טריט. מיר קומען צו צום בערגל, ווו אַ גרופּע יידן זיצן און וואַרפן־איבער פּיבערדיק די שטיינער. יאַנוש האָט שוין אַ נייעם איינפאַל:

— דו! לערן זיי אוים די אויסגענוּאַפּטע, ווי אַזוי מ׳דאַרף אַרבעטן! אַט דעם, למשל, וואָס זיצט אין ווינקל — האַק אים אַריין די ערשטע פינף און צוואַנציק!...

שוין שלעפּט ער מיך צו צו יענעם. כ׳שטיי אַ צעדולטער, מיטן שטעקן אין דער האַנט — איבער אַ געבויגענעם רוקן און ווייס נישט וואָס פריער צו טאָן. יענער הייבט דערווייל אויף די אויגן און בלייבט ווי פאַרשטאַרט, אַזוי ווי ער וואָלט דאָ דערזען אַ שרעקלעכן קאָשמאַר. די שוואַרצאַפּלען בלויז ביי אים צעשרייען זיך:

— מאָטל!? דו!?...

זיינע אויגן קוקן מיט אימה אויף דעם שטעקן אין מיין האַנט, ער וויל עם נישט און קען עם נישט באַגרייפן, אָבער ער זעט עם דאָך מיט זיינע אויגן... ס׳איז מיינס אַ בן־עיר, שמייסער... וואָס טראַכט ער איצט פון מיר? כ׳שפּיר סיי־ווי אין מיר יעדן ברעקל מחשבה, וואָס לויפט דאָרט אין אים אַרום, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה...

באַלד ווערט ער אָבער שוואַך; בלויז מיין בלייכער אָנבליק דערמוטיקט אים צו בעטן ביי מיר רחמים... ער שליידערט פון זיך אַרויס שנעל און האַסטיק איין וואָרט איבערן צווייטן אַריבער:

— מאָטל! דער גאַנצער רוקן איז מיר שוין איבערגעבראָכן... נאָך אַ פּאָר איינציקע קלעפּ — און דו לייגסט מיך אַוועק אַ טויטן. מילא, אפשר דאַרפסטו מיך טאַקע דערהרגענען?...

באַלד אָבער צעוויינט ער זיך ווילד: הרגע נישט, מאָטעלע, הרגע נישט! — — —

ערשט איצט דערזע איך דעם גאַנצן שוידער פון מיין סיטואַציע; ער ווייסט נישט, וואָס דאָ קומט פאָר און בעט ביי מיר רחמים, ווי מען בעט זיך ביי אַ רוצח...

זיין גאַנצער בליק נעמט מיך אַדורך ווי אַ מ ע נ ט ש מ י ט אַ

ש ט ע ק ן אין מאידאנעק. מיך קען ער בלויז און ער ווייסט, אז מ י ך ק ע ן, מ י ך מ ו ז נאָך רירן געוויין און תחנונימדיק געבעט...

כ׳דריי זיך האַסטיק אוים צו יאַנושן, נישט אַנפּרעגנדיק ביי זיך אַליין, און שריי אוים ווי באַרוישט:

— ניין, כ׳וועל נישט שלאָגן!

באַלד אָבער דערשרעק איך זיך... וועמען האָב איך עס אָפּגעענטפערט מיט אַזאַ חוצפה? כ׳ווייס שוין, וואָס דאָס קען מיך קאָסטן און כ׳וויל פאַרדרייען אויף אַ מילדערן טאָן:

— יאַנוש, דו קענסט מיר הייסן טאָן די שווערסטע אַרבעטן — כ׳בין געזונט און קען אַלץ טאָן... אָבער שלאָגן — דאָס קען איך נישט. כ׳האָב עס קיינמאָל נישט... איבעריקנס טוט מיר ווי די האַנט... כ׳קען אַפילו נישט אויפהייבן קיין שטעקן...

כ׳פּלאָנטער זיך אין די רייד, אין שרעק פאַר דער שטראָף וואָס מיך דערוואַרט איצט פון יאַנושן... אָבער ער איז שוין איצט רויט פון צאָרן — און יעדעס וואָרט מיינס איז בלויז אייל אויפן פייער...

...צוויי הענט דרייען מיר אַרונטער דעם קאָפּ און אַ לענגלעך שטיק פייער צעלויפט זיך ביי מיר אויפן רוקן, אַ צווייטס, אַ דריטס... אין קאָפּ רוישט און כ׳הער ביי מיר פלאַמיק קלינגען אין די אויערן... אָבער — וואָס איז דאָס? הילכט עס בלויז אין מ יי נ ע אויערן ווי מ׳וואָלט ער־געץ געשאָסן? ניין, מ׳שיסט טאַקע! די הענט לאָזן מיך שנעל אָפּ, שאָסן לויפן אַרום איבער די פאַרגרינטע פעלדער — זוכנדיק עמעצן... ס. ס. לויפט מיט בילנדיקע הינט צו דער זייט פון צעטראָגענעם הייזל. די ליט־ווינער פייערן פון אַלע זייטן און די קאַפּאָס נעמען אונדז טרייבן אונטער אַ קלעפּ־האַגל צוריק פון שאָסיי. מיר שאַרן זיך צוריק צוזאַמענגעדריקט ווי אַ שעפּסן־סטאַדע. הינטער אונדז טוישן זיך ביקסן־שאָסן מיט די ריכ־טונגען, אַ ווייטע טריאומף־בילעריי פון צערייצטע הינט קנעט זיך אריין אין זיי און וואַרפן אונדז נאָך קנוילן מיט שרעק...

...גאָרנישט. איין ייד און איין ציגיינער האָבן מער נישט געקענט. און ווען דער ליטווינער האָט זיך פאַרשמועסט מיט יאַנושן, און דער ציגל־שטויב האָט זיך געדיכט אַראָפּגעזעצט, פאַרשטעלנדיק די אויגן —

האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפֿן אינעם אויפֿגעשאָסענעם גרינס... זיי האָבן זיך שוין אַפֿילו באַוויזן צו דערווייטערן אַ 200 מעטער, ביז די הינט האָבן זיי נעכאַפּט... געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזען ווי די הינט האָבן זיי גע־בראַכט צעריסענע אויף שטיקער אין די פֿאַרבלוטיקטע פּיסקעס...

אַזוי האָט זיך געענדיקט אַ שאַנס פֿון צוויי איבערדרייסטע, קינדער פֿון צוויי געפּייניקטע פֿעלקער, וואָס זענען אויף אַ מינוט שכור געוואָרן פֿון יונג־גראַזיקן נשמה־קיצל... און אַזוי בין איך איינמאָל געראַטעוועט געוואָרן פֿון טויטן געפֿיין אין מאַידאַנעק דורך אַ נס, וואָס האָט געקאָסט צוויי וואַגנדיקע, יונגע לעבנס.

## IV

ביי דער אַרבעט האָט זיך אויך אַזוי געפֿירט:

אַ קאַפּאָ אָדער פֿאָראַרבעטער האָט זיך אַדורכשפּאַצירט מיט אַן ס. ס.־מאַן און אָבסערווירט ווי אַזוי מ'אַרבעט. אַמאָל פֿלעגן זיי שוין זיין מיד פֿון דער שלעגער־אַרבעט און עס איז זיי שוין פֿיזיש אוממעגלעך געווען זיך צוצורירן צו עמעצן; דערפֿאַר אָבער האָט אַזעלכער נישט געקענט לאָזן רואיק אַ מינוט... זענען זיי אַרומגעגאַנגען און פֿ אַ ר ש ר י ב ן נ ו מ ע ר ן. די נאָטירטע נומערן זענען פֿאַרנאַכט איבערגעגעבן געוואָרן צים ראַפּאָרט. און פֿאַרשריבן האָבן זיי מ י ט און אָן אַ פֿאַרוואָס. ס'זענען געווען ספּעציעלע ערטער, וווּ עס איז געווען געפֿערלעך זיך צו באַווייזן. קיינער האָט נישט געוווסט, אויב ער איז פֿאַרשריבן, ביז מ'האָט אים נישט אַרויסגערופֿן ביים אַפּעל צום באַשטראָפֿן.

איינס אַזאַ פֿאַטאַל אָרט איז געווען דער קלאָזעט. אין אַ ווינקל פֿון פּלאַץ, וואָס האָט זיך געצויגן אויף ווי ווייט, איז געווען אויסגעגראָבן אַ טיפֿער גרוב, אַרומגעשטעלט מיט ברעטלעך — ווו עטלעכע טויזנט מאַן האָבן זיך געדאַרפֿט דערליידיקן. דאָס איז, אַגב, געווען דאָס איינציקע אָרט, ווו מ'האָט געקענט אויף אַ מינוט אויסגלייכן דעם רוקן. איז צום פֿאַר־שטיין פֿאַרוואָס דאָס איז געוואָרן דער כשופֿדיקער צוציאונגס־פּונקט פֿאַר אַלעמען. ביסלעכווייז האָט מען זיך גענומען זאַמלען און געוואַרט אין

לאנגע רייען — ביז די פון אינעווייניק וועלן פארטיק ווערן. ווען עמעץ האט זיך שוין אבער אהין אריינבאקומען, האט ער די דאזיקע וואנדער־לעכע מינוטן, פון זיצן רואיק אויף א ברעט, געוואלט פארציען וואס לענגער... די ווארטנדיקע אין דרויסן האבן מורא באקומען צו שטיין לאנג — האבן זיי כסדר אלארמירט צו די אינעווייניקסטע, זיי זאלן נאך עמעצן אהין צולאזן... האט זיך אבער אזוי געמאכט, אז ביי א טייל האט אין דער מינוט אפרו געפלאצט די גאנצע אנגעשטרענגטקייט און פארלירנדיק אויף א רגע די טרייבנדיקע בייטש, האט זיך דער גאנצער איבער־כוח אויפגע־לייזט... זענען זיי געבליבן זיצן אויפן פארלייגטן ברעט ווי געליימטע...

די וואס האבן געווארט אין דרויסן, האבן דערווייל פארלוירן דאס געדולד און זיך אריינגעריסן אהין אויף כוח, וועלנדיק יענע באזייטיקן מיט געוואלד. זענען נישט איינמאל פארגעקומען פארביסן־משוגענע ראנג־לענישן, ביי וועלכע מ'האט אינגאנצן פארגעסן, וואס מ'טוט און ווו מ'געפינט זיך... טיילמאל האט זיך עס געענדיקט דערמיט, וואס איינער פון די צדדים האט זיך א וואקל געטאן און פארזונקען אין דער טיפער שטינ־קעדיקייט — — —

דאס האט אבער נישט לאנג געדויערט. דאס ארט איז געווען נישט ווייט פון שאסיי, ביים בערגל, וו די וואכפאסטנס האבן זיך געדרייט. זיי האבן עס באמערקט און דערפון געמאלדן די היטערס אונדזערע. זיי האבן זיך פארגנבעט אין א ווינקל און יעדן איינעם, וואס איז פארבייגעגאנגען, נאטירט זיין נומער. האט מען אויפגעהערט זיך צו באווייזן ארום יענעם ארט, אדער שטיל זיך צוגעשארט אויף די שפיץ פינגער; אנדערע, מער־שרעקעוודיקע, האבן בוכשטעבלעך געטאן זייער געברויך „ביי זיך"... ווי איז אבער געווען דעם וואס מ'האט פון אים געשפירט א שלעכטן ריח... איז סיי־ווי נישט געווען קיין עצה ווי צו שפילן אויפן מזל. ווער ס'האט געקענט האט זיך באמיט צו באהערשן ביזן קומען אין באראק — נישט יעדער האט אבער געהאט צו באפעלן איבער די אייגענע, צעלאזטע גע־דערים...

איז טאקע איינס פון זייערע פארגעניגנס געווען דאס כאפן א מענטש, וואס איז געלאפן שנעל, פון וואס ס'איז געווען צו פארשטיין, אז ער

דאַרף נויטיק... אַזאַ ווילי פּלעגט אים אַנטקעגנקומען און אַ בריל טאָן:
קום!

יענער איז שטיין געבליבן, דריקנדיק איין פוס צום צווייטן — ער זאָל נישט אַרויספּלאַצן פון זיין אינעווייניקסטער גרימעניש אַרויס... אָבער ווילי האָט באַפוילן: קום צו נענטער! ווען יענער האָט מורא געהאַט צו שטעלן אַ טריט... אָבער דאָך צוגעגאַנגען, איינציענדיק מיטן לעצטן ווילן־עקשנות די קישקעס פון אינעווייניק; דאָס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. אָט שטייט ער שוין אַ מינוט, פינף... זיבן... און ווילי פּרעסט אים בלויז מיט די אויגן... פּלוצים גיט אים אַ דונער איבער דעם קאָפּ מיט אַ שטעקן. ער פאַרלירט זיך אַ מאָמענט און קערט זיך איבער... אַ צווייטער זעץ איבערן הינטן צערייסט אַלע אָנשטרענגונגען...

...און אין צען מינוט שפּעטער האָט מען געקענט זען אַמאָל אַוועקהינקען אַ שטיק מאַסע, ענלעך צו אַ מענטשלעכער געשטאַלט, וואָס איז אינגאַנצן איינגעשמירט געווען אין בלוט און אין מענטשלעכער צואה — — —

# קאפיטל נײַן

## I

ווער עס איז געקומען אין לאגער אריין, איז אויסגעטאן געווארן נאקעט, און אנגעטאן געווארן אין אנדערע מלבושים. אלץ וואס א מענטש קען נאר האבן בײַ זיך, איז פארבליבן אין באד. ווי אזוי האבן מענטשן דאך געהאט געלט? — פארשידן זענען געווען די וועגן. ווי כ'האב שוין געשריבן, האבן א טייל אראפגעשלונגען קלענערע גאלד־שטיקלעך. בײַנאכט האבן זיי עס שטיל ארויסגעגעבן פון זיך אין א פאפיר אריין און ארויסגעזוכט דאס וואס מען דארף. שפעטער האט מען שוין געפונען א פארטרוילעכן מענטש, וואס האט עס געגעבן ווייטער — ביז עס איז אנגעקומען אין דרויסן. פאר דעם געלט האט מען געקענט אפקויפן די פארציע ברויט בײַ אזעלכע, וואס האבן בעסער דערפאר געוואלט האבן צוויי ציגארעטן...

אנדערע האבן נאך אין געטא זיך ארײַנגעמאכט א ווערטפול שטיינדל אין די ציין אריין און עס ארויסגענומען אין לאגער. עס זענען אויך געווען אזעלכע וואס האבן פסיכיש נישט געקענט זיך אײַנלעבן מיטן געדאנק, אז זיי פארמאגן ממש גארנישט... זיי האבן דערפאר אלץ פארקויפט: דאס שטיקל מארגארין, דעם וווּרשט, די זופ און צוזאמענגעקלאפט א פאר זלאטעס. מיט דעם געלט האבן זיי בארואיקט דעם הונגער, געקויפט א ציגארעט — אים אויסגעביטן אויף עפעס אנדערש און אזוי ארום זיך

סוגעסטיאָנירט מיטן גערדאַנק, אַז זיי האַנדלען... הגם גראָד די זענען גע־פאַלן די ערשטע פון דערשעפונג.

די פאַליאַקן און העפטלינגען פון אַנדערע פעלקער האָבן באַקומען שפייז־פעקלעך פון רויטן קרייץ, ווי אויך צוגאָב־פּאַרציעס און אַזוי אַרום לייכטער געקענט איבערטראָגן. זייער הויפּט־פּיין איז באַשטאַנען דערין, וואָס איז לאַגער איז געווען פאַרבאָטן צו רויכערן. זיי האָבן זיך אָבער גיכער געקענט דערלויבן אָוועקצוגעבן ברויט פאַר אַ ציגאַרעטל און עס אויסרויכערן אונטערן בעט, אַריינלאָזנדיק דעם רויך אין אַרבל, אָדער אונטערקויפן די שטובנדינסט, זיי זאָלן נישט אויסזאָגן.

געהאַנדלט האָט מען בלויז בין־השמשות און בלויז די וואָס זענען שוין געווען לענגער אין לאַגער און געוווסט פאַר וועמען מ'דאַרף זיך אַלץ היטן, ווייל דער מינדסטער דורכפאַל האָט געקאָסט דעם קאָפּ. דער עיקר האָבן עס אָבער געטאָן די שטובנדינסט, וועלכע זענען געווען אַ גאַנצן טאָג אויפן פּלאַץ. זיי האָבן געוווסט די געהיימסטע באַהעלטענישן, ווו צו באַהאַלטן די „סחורות" און וועמען מ'קען פאַרקויפן.

צוויי מאָל אין דער וואָך האָט מען געקאָכט צו מיטאָג קאַרטאָפל און זיי פאַרטיילט אין שאָלן, האָבן זיי אַראָפּגענגבעט אַ פול פעסל און פאַרטאָג פאַרקויפט אַ שיסעלע קאַלטע קאַרטאָפל פאַרן פּרייז פון דער פאַרנאַכטי־קער פּאַרציע ברויט. אַזוי אַרום האָבן זיי געמאַכט געלט.

זיי פלעגן אויך אייפעריק נאָכשפּיאָנירן, ווער עס האָט געלט אין לאַגער. און ווען זיי האָבן זיך דערוווסט פון אַזעלכן — האָט מען אים אָוועקגענומען אין אַ ווינקל און אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז ער האָט אַלץ אָוועקגעגעבן. זענען געווען אַ סך וואָס האָבן זייער פאַרמעגן געהאַלטן כסדר... אין מאָגן.

דאָס אַרויסנעמען די שוואַכע פון „ניינצנטל" צום פאַרגאַזן איז פאַר־געקומען בייגאַכט, ווען קיינער האָט נישט געזען. איינמאָל בלויז האָט מען עס געמאַכט מיטאָג-צייט — האָט מען פריער אַריינגעטריבן אַלע מענטשן אין די באַראַקן אַריין און זיי צוגעהעמערט — ערשט דאַן האָט מען די באַשטימטע אָוועקגעפירט. אַזוי אַרום האָב איך פאַקטיש קיין איין מאָל דאָס נישט צוגעזען אין מאַידאַנעק מיט איינענע אויגן.

פארן דערליידיקן די פיזיאָלאָגישע געברויכן איז געווען באַשטימט אַ ספּעציעלע שעה. נישט אַלע האָבן זיך אָבער געקענט דערוואַרטן אויף אַ שטיקל פּלאַץ. פלעגט מען אויף ביינאַכט אַריינגעמען אַ פּעסל פאַר דעם צוועק און באַלד פרי עס אַרויסטראָגן. דאָרט האָט מען ביינאַכט געזוכט, שטילערהייט, די פאַרמעגנס וואָס מ'האָט געמוזט פאַרשלינגען און אַרויס־געבן פון זיך כסדר אויף צוריק.

איינער פון דער שטובנדינסט, אַ י וו אַ ן, אַ רוס, האָט זיך ספּעציאַליזירט טאַקע אין אונטערהערן דעם מינדסטן פאַרדעכטיקן גערויש ביים פּעסל... ער פלעגט באַלד אויסוואַקסן אין דער פינצטער און אָנכאַפּן דעם שאָטן מיט זיינע שטאָלערנע לאַפּעס:

— וואָס האָסטו דאָרט געזוכט, האַ?...

און נישט איינעם האָט ער אַזוי אָפּגעהאַקט די לונגען אין דער פינצטער...

פאַר אים האָבן אַלע געציטערט, אַפילו דער בלאָק־עלטסטער.

ער איז געווען ריזיק און שטאַרק ווי אַ פערד און ווען מ'האָט געבראַכט די זופּ, האָט ער זיך אַראָפּגענומען וויפל ער האָט געוואָלט. און עסן האָט ער געקענט — ממש אָן אַ מאָס... איוואַן איז געווען דער שופט פון באַראַק. ביי די פאַרשידענע סכסוכים, ווען אַ שלעכט־צוגעשניטענע ברויט־פּאָרציע, ביי אַן אָפּגענאַרט־געקויפטע שיסל זופּ וכדומה — פלעגט איוואַן אויסוואַקסן אין מיטן און אַרויסטראָגן זיין פּסק... ער האָט אַ טבע געהאַט אויסצוהערן יעדע זאַך רואיק און אויספירלעך, שפּעטער האָט ער מיט זיין גבורהדיקע לאַפּע אַ לייג געטאָן איבער דער פּלייצע אַמאָל דעם און אַמאָל יענעם און דערמיט איז דער דין־תורה געווען געפּסקנט.

דערפאַר אָבער ווען איוואַן איז געווען גענוג זאַט און אין באַראַק איז נישט געווען וואָס צו טאָן, האָט איוואַן פיינט געהאַט צו זיצן צווישן אַלע „מאַכערס" אינעם באַזונדער פאַרשטעלטן ווינקל. ער האָט זיך ליב געהאַט צו זעצן אויף דער ערד, צווישן גאַנצן עולם און דערציילן מעשיות פון דער סאָציאַליסטישער רעפּובליק אין רוסלאַנד. ס'איז אין אים נישט געווען צו דערקענען דעם מערדערלעכן שלעגער און באַרויבער פון אַלע־מען... אַמאָל פלעגט ער פון דער העלער הויט פאַרציען אַ פאַרבענקטן רו־

פישן מאַטיוו און זיך שטיל בעטן, אַלע זאָלן אים מיטהאַלטן. אַפּטמאָל האָט ער זיך צעכליפּעט, איבערהויפּט ביי אַ סענטימענטאַל לידל...

זיין ליבלינגס-ליד איז געווען: וואַניו... וואָס דערציילט ווי אַזוי אַ געליבטע געזעגנט זיך מיטן ליבן אירן, פאַרן אַוועקגיין אויפן פראָנט. ער האָט ממש ערלעך מיט איר מיטגעטענהט:

...וואַניו, דיין מאַמע האָט געזאָגט:

הער אויף, וואַנקע, שכורן אַזוי — — —

און ער האָט זיך צעגאָסן פאַר הנאה, ווען אַלע האָבן צוגעגאָסן זייערע שוואַכע קולות צו זיין רוי־דונערנדיקער דעמבן־שטים:

הער אויף זיך איבער די גאַסן ארומצושלעפּן...

הער אויף מיט מיידן צו ליבן זיך...

און צוזאַמען מיט איר האָט ער אריינגערעדט אין וואַניען:

ליבער, אויב דו ליבסט מיך אמת —

נעם מיך אויפן פראָנט מיט זיך...

דו וועסט ווערן אַ קאָמאַנדי־י־יער

און איך — אַ שוועסטער אין שפּיטאָל...

איוואַן פלעגט דאַן ווערן היימישער, נענטער און מ׳האָט אים דערפאַר ווינציקער פיינט געהאַט ווי די אַנדערע, טראָץ דעם וואָס ער האָט שוין גענוג מענטשן באַרויבט און דערהרגעט.

איוואַן האָט אויך פיינט געהאַט עוולות. ווען ער האָט געהערט, אַז מאַניעק איז נאָכן געזונט ווערן צוריק געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער אויפן אַרבעטס־פּלאַץ און שלאָגט נאָך פאַרביסענער — איז ער איינמאָל צו אים צוגעגאַנגען פאַרנאַכט און מיט איין זעץ אים אויסגעהאַקט עטלעכע ציין. ער האָט אים דערביי געזידלט:

— דו הינטישער זון, דו! ווען איך שלאָג — בין איך דערפאַר נישט קיין „אייעריקער". אָבער דו, הורנזון, ביסט אַ ייד גלייך ווי זיי... פאַר־וואָס זשע  ש ל אָ ג ס ט ו ?

ער פלעגט אַמאָל אינמיטן שלאָגן אַ קרבן זיך כאַפּן, נעמען ארומוואַשן ביי אים דאָס בלוט, פאַרבאַנדאַזשירן... דאַן אַפּערשלעפּן פון זיין ווינקל אַ שיסל פאַרגליווערטע זופּ און נעמען יענעם קאָרמענען מיט אַ לעפל אָדער

לאָזן זי שטיין און אוועקגיין... שפּעטער, אין אַ האַלבע שעה אַרום, איז ער צוגעקומען — ווי מ'קומט צו עמעצן מבקר־חולה זיין און מיט אַ רויער צערטלעכקייט אַ פרעג טאָן:

— נו, בליאַטש איינער, וואָס הערט זיך?

מ'האָט קיינמאָל נישט געקענט וויסן, מיט וואָס מ'קען איוואַנען מאַכן מילד אָדער בייז. אפשר האָט ער עס אַליין אויך נישט געוווּסט. אָפט איז ער געזעסן און דערציילט פון זיין היים, פון זיין קינד אין אַ ווייטער רוסישער שטאָט פון וואַנעט די „הערמאַנצעס" האָבן אים פאַרשלעפּט... און אין מיטן דערציילן איז ער אויפגעשטאַנען און גענומען האַקן איבער די קעפּ מיט אַ ווילדער רציחה... און אויך דאָס שלאָגן פלעגט ער איבער־האַקן אַזוי ווי אינמיטן; ער האָט פּלוצים זיך געגעבן אַ דריי אויס און אַוועק אין זיין ווינקל, און אַריינפאַלן אין אַ האַרטן שלאָף...

און אַמאָל איז ער געוואָרן גוט ווי אַ טויב. ער האָט דאַן גענומען פון ערגעץ עטלעכע שיסלען זופּ, אַרויס אויפן הויף און אויסגעזוכט אַ פּאָר יונגע יינגלעך און זיי גענומען קאָרמענען ווי די פייגעלעך... שפּעטער איז ער אַריינגעקומען אין באַראַק אַריין און געברומט צו זיך אַליין:

— די הורנזין, די ליאַבעס, אין זייער מאַמען אַריין! זיי וואַרפן מיר פּאָר, וואָס איך גיב עסן די קליינע יידליקעס... ביי מיר, צום טייוול, איז נישט קיין אונטערשיד: ייד אָדער נישט ייד — אַלע מענטשן זענען ביי מיר גלייך און פאַרטיק... און אויסוואַרפן בלייבן שטענדיק אויסוואַרפן.

אָט אַזאַ איז ער געווען — דער שטובנדינסט פון פערטן בלאָק, דער רום איוואַן.

## II

איוואַנס געהילף איז געווען פעלדמאַן, אַ דיקער הייזעריקער בחור, וועלכער פלעגט אויסטיילן די זופּ. זיין אַרבעט איז אויך געווען דאָס אויפוועקן פאַרטאָג מיט אַ שטעקן. זיי ביידע האָבן עס געפירט די שטילע מסחרים פון בלאָק און דערפאַר יעדן איינעם אַדורכגענומען מיט טויזנט אויגן.

איינמאל ווען ס'איז מיר אויסגעקומען דורך א צופאל צו בלייבן אין לאגער אויף א טאג, איז גראד אונדזער איבונגס־מייסטער געווען פעלד־מאן. ער האט מיט אונדז איינגעשטודירט צום טויזנטסטן מאל, ווי אזוי מ'שטרעקט אויס א לינקן פוס פאראויס און ווי אזוי מ'דארף זיך איבער־קייקלען אויף די זייטן „ווען א ס. ס.־מאן באפעלט"... פלוצים האט מען אים ערגעצווו אוועקגערופן. זיין ארט האט דערווייל איבערגענומען דער פוילישער בלאק־מייסטער י א נ ע ק. פאר אים האבן מיר געציטערט ווי פאר פייער, ווייל ער האט זיך ספעציעל אנגעלייגט אויף די יידן פון לאגער. ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט פארשידענע „איבונגס־איינפאלן", פון וועלכע די ס. ס. האבן זיך צעשיט פון געלעכטער. מיר האבן ביי אים געמוזט קניען, זיך וואלגערן אין בלאטע מיטן פנים איינגענורעט, אויפ־שטיין, לויפן, פאלן, קניען, שטעלן זיך אויף די הענט און אריבערווארפן זיך, בלייבנדיק שטיין אויף די פיס צוריק... נאך א שעה פון אויספירן יאנעקס באפעלן האט מען געבעטן אויף זיך דעם טויט, ווי אן אויסלייזונג...

פעלדמאן האט זיך דערווייל אומגעקערט צוריק. זיין דיק פנים איז געווען פארפלאמט און דער ערשטער גרילץ פון זיין הייזעריקייט האט א דרא געטאן מיט עפעס בייזעס. ער האט א כאפ געטאן דעם ערשטן, וואס איז געשטאנען אין דער ריי, ביים גארגל און א שליידער געטאן אויף דער ערד. יענער האט שטום געשווויגן... אבער פעלדמאן האט אים נישט אפ־געלאזט, ער האט זיך אנידערגעשטעלט מיט די קני אויף זיין אויסגע־דארטן הארץ-ברעט און געדריקט מיטן גאנצן כוח, ריטשענדיק מיט כעס, וואס איז געווען ווי אדורכגעווארפן מיט ג ע ב ע ט ־ טראפנס:

— שריי, הירנזון, שריי!!!

ער האט אזוי אנגעשלאגן ביי א צענדליק מענטשן, יעדן איינעם אויף אן אנדער שטייגער און ערשט דאן זיך אראפגעלאזט אויף דער ערד און געווישט זיך דעם שוויים פון פארבלויטן שטערן. ער האט אויסגעזען ווי איינער, וואס קומט־אויף פון א שרעקלעכער, פארגעסענער שכרות.

ס'האט אויסגעזען ווי ער וואלט געזוכט א פאדעם, אין וועלכן זיך גנצוכאפן און ארויפגעצויגן ווערן פון א פארבארגענער וועלט, וואס קיי־נער קען נישט דערזען מיטן אויג. ער האט עפעס געזוכט אין די ווינקלען

פון זיין מויל, גלייך ווי ער וואָלט דאָרט געהאַט אַ וואַזשנע וואָרט און עס איז אים פאַרלוירן געגאַנגען ערגעץ צווישן דער צונג און די ציין. זיינע גרויע, עטוואָס פאַרזשמורעטע אויגן האָבן גענומען קוקן בעטנדיק און שולדיק, ווי ער וואָלט געזוכט איינעם, וואָס זאָל פאַר אים געפינען דאָס דערלייזנדיקע וואָרט.

ענדלעך האָט ער אויסגעשאָסן:

— כ׳האָב איצט באַקומען צעקיילט!

מער האָט ער נישט געקענט פון זיך אַרויסבאַקומען וואָס זאָל אים פאַרטייטשן, אים און זיין משוגענעם אויסברוך... אַלע האָבן געשוויגן. טייל האָבן אַוועקגעקוקט אין די זייטן, אויב אַ ס. ס.־מאַן זעט נישט ווי מ׳שטייט „ליידיק”, אַנדערע האָבן געטאָן אַ קרומען שמייכל, וואָס האָט זיך ווי אַ דערשראָקענער האָז אויפגעהאַנגען אויף איין זייט פון די בלוילעכע ליפּן. ס׳איז שווער געווען אַריינצוזאַפּן אין זיך דאָס קאַרג צוגעוואָרפענע שטיקעלע נקמה אין פעלדמאַנען — ווייל אויך די שטומע שטיקלעך פּנים האָבן זיך געשראָקן פאַר פעלדמאַנס צעפייערטן אויג...

ער אַליין האָט דערפילט, אַז ער האָט נאָך נישט אַלץ דערזאָגט. ער האָט אָבער מער נישט געקענט אָנכאַפּן קיין וואָרט מיט די ליפּן, וואָס ער זאָל עס צווינגען, ס׳זאָל פאַר אים זיך אויסטענהן, דערציילן... האָט ער בלויז אַ האַסטיקן ריס געטאָן פון זיך די מאַרינאַרקע, דאָס העמד... אַן אָנגעזעטיקט־ראָזלעך לייב האָט אַ גאַף געטאָן צום הימל; ס׳האָט דאָרט אַ ראָיע געטאָן מיט דיקע, שוואַרצלעך־צוגעברענטע שפּאַלט־ווערעם פון אַרויסגעריסענע בלוט־שטראָמעלעך...

ער האָט פון פּלוצים־אויפגעוואַכטער ווילדקייט נישט געזען די שרעק, וואָס רייט אויף די קעפּ פון די טויזנטער וואָס מאַרשירן אַרום אויפן הויף אין די זינגלאָז־צעחושטע רייען און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די הויזן... ער איז שטיין געבליבן אין קליינע, קורצע הייזעלעך, פון אונטער וועלכע ס׳האָבן דערשראָקן זיך געבלייכט צוויי פעסטע קלעצל־פיס, ביי וועלכע אַלע אָדערן האָבן געכליפּעט מיט טונקל־רויטע טרערן־קייקלעך...

אַ צאָרן־אויסברוך פון העכסטער מדרגה האָט אים אַרומגעכאַפּט און

ער האָט זיך גענומען וואַרפֿן אויף יעדן איינעם, וואָס איז צו אים נאָענט געשטאַנען. ער האָט דערביי זיך צערעוועט ווי אַ געקוילעטער.

— איר זעט, מערזאַווצעס!? מיין לייב איז צעפּאַסעוועט... זעט מיין הינטן ווי צעפּליקט ער איז... איצט טוט מ י ר ווייַ... איר פֿאַרשטייט? איר אַלע שטייט בלויז און קוקט, שווייגט — ווען איך וויל שרייען פֿון ווייטיק... ביי מיר וועט עס אָבער נישט גיין. איר מוזט ביי מיר דער־שפּירן יעדן שניט פֿון מיין צעבלוטיקטן גוף, עס מוזן ביי אייך אויפֿלויפֿן די זעלבע בלויע בלויזן אויפֿן געזעס ווי ביי מיר — דאַן וועט איר מיך קענען פֿאַרשטיין און מיטשרייען... ווייסט איר שוין, איר הינטישע הירנ־זין!?

עפּעס אַ גליק איז געשען, וואָס עס האָט צופֿעליק אָנגעטראָגן דעם בלאָק־שרייבער און ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר פֿעלדמאַנס משוגענער מראה. ער האָט אים שנעל אוועקגענומען און אַריינגעפֿירט אין אַ צוגע־שפּאַרטן באַראַק; ווען נישט וואָלט ער געוועון צעהרגעט די גאַנצע גרופּע...

אָבער לאַנגע טעג נאָכדעם האָט פֿעלדמאַן געשלאָגן ביים אויפֿוועקן נאָך שטאַרקער און פֿאַרביסענער. ער פֿלעגט שטילערהייט זיך צושאַרן צו אַ בעט פֿון אַ פֿאַרזונקענעם אין האַרטן שלאָף און מיט אַ שטעקן אים אַריינלאָזן אַן איבעררעאַשטן זעץ איבער אַלע אבֿרים... זעלטן־ווען האָט ער דערביי צוגעגעבן אַ זאַץ, וואָס האָט עפּעס אין אים געוואָרעמט און געקילט:

— איך האָב אויך באַקומען געשלאָגן!...

### III

אַמאָל פֿלעגט אויך טרעפֿן, אַז עמעץ פֿלעגט בלייבן אויף אַ טאָג און נישט גיין צו דער אַרבעט. הויפּטזעכלעך איז עס געוועון ביי די אַרבעטער פֿון פּאַלסטעפּאַן. דאָס איז געשען נאָכדעם ווי אַזויפֿיל מענטשן זענען דאָרט פֿאַרפּייניקט געוואָרן און דער גאַנצער באַראַק האָט איינמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט דערקלערט דעם בלאָק־עלטסטן, אַז מאָרגן וועט קיינער נישט גיין צו דער אַרבעט. ער קען אַפֿילו שיקן אַלעמען אין גאַז־קאַמער אַריין.

מער קען עס אזוי נישט גיין... דער בלאָק־עלטסטער איז דאַן ערגעץ אוועק און שפּעטער געקומען מיט א ידיעה:

— נאָך יעדע צוויי טעג פון ארבעט — בלייבט מען איבער דעם דריטן. דער אָפּרו־טאָג וועט זיין פאַרשידן: אָדער מ׳בלייבט אויפן הויף, ווען נישט וועט מען דעם טאָג גיין צו לייכטערע ארבעט. די פּעלנדיקע וועט מען אין די טעג אויספּילן מיט מענטשן פון אַנדערע באַראַקן.

דער פּרינציפּ איז נישט ביי אַלעמען איינגעהאַלטן געוואָרן, איבער־הויפּט קענען די, אויף וועלכע דער בלאָק־עלטסטער האָט געהאַט א שלעכט אויג. און איך בין געווען איינער פון זיי. דאָך איז מיר אויסגעקומען צו בלייבן עטלעכע טעג... איך בין געשיקט געוואָרן אויף פאַרשידענע פּלע־צער צו „לייכטערע אַרבעט" און געהאַט אַזוי אַרום די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען אביסל מיטן לאַגער־סיסטעם. איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן בלויז אויף עטלעכע שטריכן.

דאָס ערשטע און צווייטע פעלד זענען געווען באַשטימט בלויז פאַר פאַכמענער, וואָס האָבן געאַרבעט אין די גרויסע ווערק־שטעלן פון צווישנ־פעלד. זיי האָבן געהאַט מער עסן און באַקוועמערע באַראַקן. מ׳האָט זיי נישט אזוי שטאַרק געשלאָגן און ס׳איז דאָרט אפילו געווען א רעוויר (שפּיטאָל) פאַר קראַנקע. זייער לעבנס־צושטאַנד האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויפן אויסזען. זיי זענען אויך געגאַנגען בעסער אָנגעטאָן און אַפילו גע־מעגט טראָגן לעדערנע שיך. ס׳זענען געווען א סך, וואָס האָבן געאַרבעט נישט ווייט פון דער ס. ס.־קיך און באַקומען דאָרט פון צייט צו צייט אביסל עסן און דערפאַר נישט אזוי שטאַרק געהונגערט. אַנדערע האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון ברויט־מאַגאַזין און געקענט אמאָל אוועק־כאַפּן אָדער אַפילו באַקומען א ברויטל אין אַנהויב־שימל — וואָס די ס. ס. האָבן נישט געוואָלט מער עסן. א גרעסערע גרופּע האָט געאַרבעט ביים באַד, וועשעריי און גאַז־קאַמער. אזוי ווי ס׳זענען יעדעס מאָל געבראַכט געוואָרן ריזן־טראַנספּאָרטן מיט מענטשן און יעדער פון זיי האָט געהאַט מיט זיך שפּייז־פּעקלעך — איז עס נאָך זיי איבערגעבליבן. דאָס אַלץ איז געוואָרן אָנגעהויפט ערגעץ אין א זייטיקן מאַגאַזין אָדער פאַרן באַד אין דרויסן. אָפטמאָל ווען ס׳האָט שוין גענומען קאַליע ווערן, האָט א ס. ס.־

היטער דערלויבט זיינס א באקאנטן בעל-מלאכה צוצוגיין עפּעס נעמען דערפון. אמאָל פלעגט זיך איינער, א דרייסטער, אויך אויסזוכן א שליחות און אדורכדרייענדיק זיך דאָרט — עפּעס מיטשמוגלען מיט זיך; אזעלכע האָבן שוין יענעם טאָג נישט געגעסן זייער זופּ פון לאַגער, נאָר פלעגן זי פאַרקויפן אָדער אוועקגעבן...

אין די אַנדערע צוויי פעלדער — אינעם דריטן און פערטן — זענען דערפאַר ארומגעגאַנגען גאַנצע לעגענדעס וועגן דער גרויסער זעט, וואָס עס הערשט אין ערשטן אָדער צווייטן פעלד. מיט דער הילף פון דער צע־רייצטער פאַנטאַזיע האָט מען זיך דערציילט וועגן גאַנצע קעסלען זופּ, וואָס מ׳לאָזט דאָרט שטיין און קיינער רירט זיי נישט אָן... מ׳דאַרף זיך נאָר אהין אריבערבאַקומען און פון אַלע זייטן וועלן זיך נעמען בעטן פעסלעך געדיכטע עסן פון קאַשע און קאַרטאָפל: נעם פון מיר! פון מיר!... און דו וועסט בלויז דאַרפן אריינשטעקן איין שיסל, נאָך איינע, זיי פול אָננעמען... און עסן, און עסן — — —

דאָס אריבערבאַקומען זיך צו דער מיטאָג־שעה אין צווייטן פעלד אַריין איז געווען א גליק־חלום, מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן... עס זע־נען געווען א סך ביי אונדז, וואָס האָבן געהאַט א ברודער אָדער קוזין אויף איינעם פון די גליקלעכערע פעלדער און יענע פלעגן זיי אמאָל אריבער־שמוגלען א שטיקל ברויט אָדער א בריוול... די זענען געווען די גליק־לעכסטע אויף אונדזער פעלד...

צווישן צווייטן און דריטן פעלד זענען געווען טאָפּלטע דראָטן, אָנ־געלאָדן מיט עלעקטרישער הויכשפּאַנונג. אינדערמיטן זענען געווען אוועק־געשטעלט הויכע וואַכטורעמס, וואָס האָבן פון דער הויך אָבסערווירט יעדע באַוועגונג אויף ביידע פעלדער. ביי דער מינדסטער דערנענטערונג צו די דראָטן האָבן זיי גענומען שיסן מיט מאַשינגעווער. בלויז צווישן 6טן און 7טן בלאָק, ביי אונדז אויפן פעלד, איז דער קלאָזעט געשטאַנען האַרט ביי די דראָטן. אין די פאַרנאַכטן, ווען מ׳איז פריער פאַרטיק גע־וואָרן מיטן אַפּעל, האָבן זיך דערפאַר פאַרזאַמלט מענטשן און שטייענדיק אין דער ריי, ביז ס׳וועט ליידיק ווערן א פּלאַץ אין קלאָזעט, האָט מען דערווייל מיט הונגעריק־פאַרבענקטע אויגן אריבערגעקוקט אין צווייטן

פעלד אריין... אויף יענער זייט האָבן זיך מענטשן געדרייט, אָנגעטאָן און באַשוכט, טומלענדיק צווישן זיך פרייער און העכער. אַ סך פון דאָרט זענען געשטאַנען און אַריבערגעקוקט, מיט אַ האַנט פאַרלייגט ווי אַ דעכל אויף די אויגן אין אונדזער זייט אַריין. אַמאָל האָט ווער פון זיי דערקענט אַ נאָענטן, אַ ברודער... מ׳האָט זיך דאַן איבערגעשריגן מיט הויכע צי־טערדיקע שטימען... שפּעטער איז אַריבערגעפלויגן אַ שטיין, צו וועלכן ס׳איז געווען צוגעבונדן אַ בריוול, געשריבן מיט בליי... אָדער אַ שטיקל ברויט. נישט שטענדיק איז עס אָבער אָנגעקומען צו די הענט פון יענעם, פאַר וועלכן מען האָט עס אַריבערגעוואָרפן. אַזוי ווי ס׳האָט זיך נאָר אַ שוואַרץ־געטאָן אין דער הויך אַ פּינטעלע — האָבן זיך אַלע געטאָן אַ צערעג און מיט שכורע אויגן פון בענקשאַפט אומרואיק געזוכט מיט די אויגן דאָס אָרט, אויף וועלכן דאָס פליענדיקע פּעקעלע וועט פאַלן. נישט אַלע פּעקעלעך זענען אַריבערגעפלויגן ביז צום ציל. אַ סך זענען אַריינ־געפאַלן אינעם צווישנדראָט און אַ בריוול צוגעבונדן צו אַ שטיין האָט זיך ווי אַ צעוואָרעמטע האַרץ געטוליעט צו דער מאַידאַנעק־ערד און דאָרט שטיל אַריינגעיאָמערט די צעפּאָרענע ווערטער, וואָס איין זאָרגעוודיק האַרץ האָט פון זיך אַרויסגעריסן און צום צווייטן האַרץ האָט זיך עס נישט דערלאַנגט...

דאָס איז געווען דער איינציקער ספּאָרט, וואָס האָט אַלעמען מיט־געריסן: — גיין צום קלאָזעט זען ווי ס׳פליען „שטיינדלעך״... מ׳איז ממש מיטגעפלויגן מיטן בריוול־פלי — הגם מ׳האָט דאָרט קיינעם נישט געהאַט. און ווען אַזאַ שטיינדל איז געבליבן אינמיטן וועג — האָט אַלעמען אַרומ־געכאַפּט אַ גרויסער צער... דערפאַר אָבער ווען אַזאַ אַריבערגעוואָרפן פּע־קעלע האָט זיך בשלום אַריבערבאַקומען און פריילעך אַ רויש געטאָן אויף דער ערד — האָבן זיך צענדליקער גופים דערויף אַ וואָרף געטאָן און לאַנג־לאַנג זיך דעריבער נעגלדיק געראַנגלט...

ס׳איז דערביי כמעט נישט געווען קיין אונטערשיד צווישן אַ שטיקל ברויט, וווּרשט אָדער אַ שטיקל פּאַפּיר מיט קוים מערקבאַרער בליי גע־שריבן... אדרבה, טייל מאָל האָט אַזאַ געשריבן בריוול נאָך מער אויפגע־רייצט די קנאה צו די, וואָס האָבן נאָך, ווער עס זאָל צו זיי שרייבן. דער

גאַנצער עלנט און פאַרלאָזטע איינזאַמקייט האָט זיך איינגעכמורעט אין אַ האַס, וואָס האָט בלויז געזוכט אַן אויסגוס־פּונקט, וואָס האָט שטיל זיך געלאָשן אין דעם אָפּרייסן אַ שטיקל פון פרעמדן כתב... אַנדערע זענען גלאַט נאָכדעם געשטאַנען און געהאַלטן אַזאַ שטיקל פּאַפּיר צעטומלט, ווי אַן באַוווסטזיין. עמעץ בלויז, טיף אין זיי, האָט זיך געפילט אַנטטוישט. די פינגער האָבן געציטערט ווי אין פיבער, גלייך ווי זיי וואָלטן געוואָרט אַז פון די אותיות אַרויס זאָל אַריבערטריפן איבער זיי די פאַרגעסן־היימישע וואַרעמקייט פון אַ נאָענטן, וואָס האָט דאָ איינגעגראָבן זיין לעצטן שפּליטער פון משפּחה־געפילן...

איך אַליין בין אָפט צוגעגאַנגען אַהין זיך פאַרכלינען מיט קנאה און מיטפרייען זיך מיט פרעמדער הנאה; צו זען ווי אַזוי די לעצטע פונקען פון געוועזענע משפּחות אין יידישן פאָלק פליען נאָך איבער די דראָטן, טליענדיק מיט דער אייזערנער עקשנות פון נישט וועלן פאַרלאָשן ווערן — — —

ווער ס'איז — ווי אַ זייטיקער — אין מיר האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן און גלייכצייטיק זיך געפרייט:

— יידן שרייבן נאָך בריוולעך צו ע מ ע צ ן, אַפּילו דאָ, א י ן מאַידאַנעק... יידישע בריוולעך ווערן נאָך אַלץ געשריבן...

כ'פלעג אַזוי שטיין און גאַפן, ביז אַ בלאָק־עלטסטער אָדער קאַפּאָ פלעגט מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ מיך פון דאָרט פאַרטרייבן... אַז נישט בין איך ערשט אַנטלאָפן, ווען כ'האָב געזען זיך עמעצן אונטערגנבענען פון הינטן, בכדי אָפּצושרייבן די נומערן...

די ערשטע צייטן האָבן די ס. ס. פון די טורעמס אַראָפּ אַריינגעשאָסן אין דער קופּע. אין מיין צייט האָבן זיי דעם קלאָזעט געלאָזט צורו. און אין משך פון דער גאַנצער צייט זענען בלויז געווען געציילטע פאַלן פון דערשיסונגען — ביים כאַפּן די פליענדיקע שטיינדלעך.

## IV

איינמאָל האָט מען מיך אין אַזאַ „פרייעם" טאָג אויסגעקליבן צו

דער ארבעט אויפן צווייטן פעלד. מיר זענען א גרופע פון עטלעכע הונ־דערט מאַן און מיר שטייען און וואַרטן, ביז מ׳וועט אונדז אדורכפירן דורכן טויער. מענטשן וואָס מאַרשירן אין דער ריי שמוגלען זיך אריין צווישן אונדז. דאָס ווילן זיי זיך מיטכאַפּן... — אַלע אונדזערע נומערן זענען אָבער פאַרשריבן. זיי פאַרשטעקן דערפאַר בלויז קונציק און שנעל אין אונדזערע הענט קליינע בריוולעך. איינער א הויכער, מיט גרויסע, מאָנענדיקע אויגן באַווייזט אין איין מינוט מיר איבערצוחזרן א צענדליק מאָל: „גערענק... שמולעוויטש... זיבעטער באַראַק...״ און שוין איז ער ווי א פלינקער שאָטן אריינגעהיפּט אין זיין גרופּע אריין...

ווען מיר מאַרשירן דורכן טויער, איז שוין צען. מיר טראָגן שויפלען און פּיקעס. דאָס דאַרפן מיר אויסגלייכן א פּלאַץ, וווּ מ׳גייט שטעלן א פרישן בנין. שוין בלויז דאָס אריינגיין אויפן צווייטן פעלד ווירקט דער־פרישנדיק. די ס. ס. שלאָגן דאָ נישט די טראַדיציאָנעלע טויער־קלעפּ און נישט ווייט פון אריינגאַנג רויטלען זיך פאַרשעמט עטלעכע בייטן בלומען...

נישט פאַר אַלע איז דאָ אַרבעט ביים פּלאַנטירן — מוזן די רעשט שלעפּן די שווערע שטיינער. אויך דאָ: געיעג, געשרייען, קלעפּ... אָבער אין פאַרגלייך מיטן שטראַסענבוי איז דאָ דער גן עדן התחתון... מיט א פּאָר שטאַרקע קלעפּ איז מען דאָ יוצא. מ׳פאַרשרייבט דאָ נישט קיין נומערן און מ׳שלאָגט בלויז פאַר ע פּ ע ס.

א געוויסע צאָל זענען דערווייל פאַרשוווּנדן. ס׳היטן בלויז צוויי קאַ־פּאָס און עטלעכע פאָראַרבעטער — וואָס קענען זיך נישט קיין עצה געבן מיט אַלעמען. האָבן זיך א גרופּע פּיפּיקע יאַטן דערווייל אוועקגעכאַפּט זוכן עפּעס צום עסן...

דאָ איז רואיקער. ס׳דרייען זיך נישט אַזויפיל מלאכי־הבלה אין אַלע זייטן און מיר אַרבעטן נישט ווייט פון עפּעס א קיך... געפינט ווער א קאַרטאָפל־שאָלעכץ, א צווייטער געפינט אין א ווינקל עטלעכע גאַנצע קאַרטאָפל אין די שאָלן, וואָס עמעץ האָט דאָ נעכטן נישט דערעסן... אַזעלכע קומען צוריק באַוויזן זייער בריהשאַפט און צערייצן מיט זייער גליק די אַנדערע... פעלן אַלץ מער און מער — ביז עס באַמערקט זיך. ווערן מיר אַרומגעשטעלט. טייל קריגן געשמיסן...

אָבער מיטאָג ווערט דאָ עטוואָס פריער געקלונגען. ווען דאָ ליגט אַלץ די אַרבעט — דרייט זיך נאָך דאָס כשוף־ראָד אין אונדזער פעלד אַקעגנאַיבער. אין פולן באַוועג. די איינוווינער פון צווייטן פעלד אַרבעטן נישט ווייט — שטורמען זיי אַריין מיט פעסטע טריט און צעשיטן זיך צווישן די באַראַקן. מיר שטייען באַזונדער און אָפּגעהיטן. מ׳דאַרף אונדז אָפּציילן און אַוועקפירן אויף מיטאָג. עס פעלן נאָך וועלכע וואָס בלאָנקען צווישן די באַראַקן, זוכנדיק עפּעס אויסצובעטלען אין דער שנעל. מיר שטייען דערווייל אויסגעשטעלט אַקעגנאַיבער דעם טויער און לאָזן פאַר־ביימאַרשירן די גרופּן, וואָס האַלטן אין איין אַריינשטראָמען. איך גראָב זיך איין אין יעדן פּנים, כ׳וויל זען: אפשר וועט דאָך געשען עפּעס אַ נס און כ׳וועל דאָ דערזען עפּעס אַ היימיש פּנים... אָבער אַלע זענען מיר אומבאַקאַנט, פרעמד...

פּלוצים היימישט אויף אַ פּנים צווישן די מאַרשירנדיקע... כ׳דערקען אים און ווער ווי פאַרשטאַרט פון איבעררעאַשונג. פון מידן הונגער און צע־חושטקייט קען איך נישט אַרויסברענגען קיין וואָרט. ער באַמערקט מיך נישט. כ׳שטויס זיך אַרויס פון דער ריי און שטרעק אַרויס אַ האַנט... יע־נער פילט דעם צופּ ביים אַרבל און קוקט זיך אום. ס׳איז מיינס אַ בן־עיר און ייִנגערער חבר פון קינדווייז; ער דערקענט מיך נישט אָבער — אָן די ברילן, מיטן אָפּגעשוירענעם קאָפּ און האַלב־נאַקעטן הילוך... ער קוקט לאַנג, ביז ער קען פון זיין פאַרגאַפּטקייט אַרויס אַרויסוווּנדערן פון זיך אַ וואָרט: מ אָ ט ל ! ? ? ? ?

מיר קוקן זיך ביידע אָן און ווילן עפּעס גלייכצייטיק זיך זאָגן, אָבער שוין טוט זיך די ריי אַ ריס פון אָרט. זיינע מאַרשירט אין דער קעגנגעזעצ־טער ריכטונג... כ׳שפּיר ווי די פיס זינקען אונטער מיר פון פאַרחלשטש־קייט און פאַר די אויגן שוועבן שוואַרצע, פאַרנעפּלטע רעדער. איך וויל נאָך צו אים עפּעס אויסשרייען פון שוואַכער פאַרצווייפלונג, אָבער כ׳קען שוין איבער מיין שטימע נישט באַפעלן. פון ווי־ווייט בלויז שפּיר איך אַ געשטרעקטע האַנט, וואָס שפּאַרט עפּעס אין מיינע פאַרהאַקטע ציין. איך זע שוין קיינעם נישט, נאָר לאָז זיך בלינד שלעפּן פון דער גאַנצער ריי. ס׳געדויערט בלויז סעקונדן. פּלוצים דערשפּיר איך ווי אַ זיסע מחיה־

דיקייט גלעט מיר דעם האלדז, דאָס האַרץ... אפשר אַ מינוט, צוויי דאַרף איך קלערן, ביז איך דערפיל, אַז כ'האָב עפּעס אין מויל. איך דערשפּיר דעם פאַרגעסענעם טעם פון שאָקאָלאַד... — האָט ער עס מיר אַריינגערוקט אין מויל? מיר זענען שוין אויסערן טויער. אַלץ קומט פאָר ווי אין חלום: האָב איך נאָר-וואָס געזען יאַנקעלען? האָב איך טאַקע גענאַגט אַ שטיקל שאָקאָלאַד? בלויז דער זויערער נאָכטעם אין מויל דערמאָנט, אַז עפּעס איז עס דאָך געווען...

נאָכמיטאָג גייען מיר צוריק אַהין. איך וויל געוויר ווערן, וווּ יאַנקל געפינט זיך, אָבער איך ווער אויסגעקליבן צו טראָגן קאַסטנס זאַמד. מען פירט אונדז אויף אַ וועג פון עטלעכע קילאָמעטער צו זאַמד־בערג, וועלכע זענען אויסגעגראָבן אין דערמיט. די פּאָליאַקן וואָס אַרבעטן דאַנעבן, דערציילן אונדז וועגן שווערע צענדליקער טויזנטער יידן וואָס זענען דאָ דערשאָסן און פאַרשאָטן געוואָרן, נאָך איידער ס'איז דאָ געווען די גאַז־קאַמער. אַקעגנאיבער זענען אויסגעשטעלט הונדערטער באַראַקן. די פעלדער אַרום זענען אָפּגעצוימט מיט דראָטן און באַדעקט מיט ערדיקע קאַרטאָפל־קעלערס, וואָס בערגלען זיך מיט שטרוי־פענדלעך אין דער שפּיץ. דאָ דרייען זיך הונדערטער אויפזעער און קאַפּאָס. מערסטנטיילס — פּאָליאַקן. ס'אַרבעטן דאָ אויך עטלעכע פרויען־בריגאַדעס. פון פינפטן פעלד. זיי האָבן אויף זיך אויפזעערינס פון דער פרויען ס. ס. און פרויען־העפטלינגען. אָבער אויך די פוילישע אויפזעער האָבן וואָס צו זאָגן. אַלעמאָל רופן זיי אַריין אַן אַנדערע אין די קעלער־טיפן „איבערצוקלויבן די פוילע קאַרטאָפל”... איך זע גראָד ווי אַ פרוי אין אַ זעלנער־מונדיר שמייסט אַ יידיש מיידל מיט אַ לעדערנער בייטש אויפן נאַקעטן געזעס; די פּאָליאַקן מיט די באַנד־אָפּצייכנס לאַכן פריידיק און דערמוטיקן די שלעגערין מיט אָפּגעבראָכענע שטיקלעך דייטשע ווערטער:

— גוט... זי שלאַגען... יודע!...

זיי דערקענען אין אונדזער גרופּע די יידן און לויפן צו מיט שויפעלן אַריינשיטן אין אונדזערע קאַסטנס נאָך עטלעכע לעפל זאַמד, וואָס ליגט דאַנעבן, אָנגעשיט אויף קליינע בערגלעך. זיי זידלען זיך און שעלטן אונדז, שרייענדיק פון אַלע זייטן: איר פוילע יידן: ס'איז נישט גענוג צו טראָגן

פולע קאסטנס — איר מוזט טראָגן מיט אַ הויכן זאַמד־שפּיץ!... עפּעס אַ מוטיקער פון דער ריי אַרויס קען זיך נישט באַהערשן און ענטפערט אָפּ:

— ווער פרעגט אייך? איר זענט די זעלבע אַרעסטאַנטן וואָס מיר...

איר האָט זיך אייער אַרבעט און מיר געהערן זיך מיט אייך נישט אָן... אַ שטראָם בלוט פאַרגיסט אים באַלד דאָס מויל און ער קען שוין מער זיין ענטפער נישט פאַרענדיקן. מיר שלעפּן אַזוי דאָס זאַמד עטלעכע מאָל דורך לאַנגע קילאָמעטערס. פאַרנאַכט שפּאַנט מען אונדז איין אין גרויסע וועגענער אַנשטאָט פערד. אַ פאַראַרבעטער גייט מיט אַ גרויסער בייטש און טרייבט מיט אונדז אָן. יעדער איינער וועלכער ווייזט אוים ווי ער וואָלט נישט געווען געצווינגען — באַקומט אַ בלוי־באַשריבן פּנים. מיר „פאָרן" נאָך באַראַקן־ווענט און ציגל. מיר ציען דורך ווייך־בלאָטיקע וועגן און זינקען איין ביז איבער די רעדער... עס קומען אָנצולויפן ס. ס. און גלאָט אָנטרייבער. אַלע שמייסן און מיר רייסן זיך פון די קייטן — מיט וועלכע מיר זענען צוגעבונדן צום וואָגן — ווי געשלאָגענע פערד... די הענט ברעכן שרעקלעך, אָבער איצט וואַרפט יעדער אויף דער שאָל דאָס לעצטע ביסל כוח, וואָס איז נאָך געבליבן אין קערפּער... דער וואָגן רייסט זיך אַרויס פון דער שווערער קלעפּיקייט. די פּאָליאַקן און ס. ס. טריאומפירן:

— זעט איר, איר פוילענצער־באַנדע! איר ווילט אפשר, אַז די אומשולדיקע פערד זאָלן דאָ פאַרמאַטערט ווערן פאַר אייערטוועגן? וואָס?

●

אָבער באַלד פאַרזינקט דער שווערער וואָגן אויפסניי...

שעהן אַזוי. דאָס איז די „אָפּרו"־אַרבעט. אָבער היינט איז מיר עפּעס לייכטער אויפן האַרץ. ווען כ'וועל צוגיין היינט צו די דראָטן ביים קלאָזעט, וועל איך האָבן אַ פּנים צו דערוואַרטן, אַ נאָמען, בעטנדיק אַריבערצושרייען, מ'זאָל אים אויסזוכן און אַרויסשיקן... און — ווער ווייסט? אפשר וועט ער עפּעס אַריבערוואַרפן אַ שטיקל ברויט, אַ בריוול... דאָס ערשטע מאָל זייט וואָכן קלאַפּט ווידער דאָס האַרץ ביים אַפּעל, אין דערוואַרטונג אויף עפּעס...

# קאַפּיטל צען

## I

אַ באַזונדער וועלט האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס פינפטע פּרויען-פעלד. ס׳זענען דאָרט געווען עטלעכע טויזנט יונגע פרויען, מערסטנטיילס — יידישע. די אַנדערע, ס׳רוב פון פּוילן און אוקריינע, זענען איינגעזעצט געוואָרן פאַר פאַרשידענע חטאים און פאַרברעכנס. אין דעם גרויסן קעסל איז נישט מעגלעך געווען צו וויסן, ווער עס געפינט זיך דאָרט. יעדן פריי־מאָרגן, ווען מיר זענען געפירט געוואָרן צו דער אַרבעט, האָבן זייערע רייען געשימערט צו אונדז פון דערווייטנס דורך די געשטרייפטע קלייד־לעך זייערע. זיי האָבן אין גרויסן טייל געאַרבעט אין די שניידער־וואַר־שטאַטן. אַ קלענערע גרופּע האָט געאַרבעט ביי דער זייט פון די פּלעצער, נעבן פּאָלסטעפּאַן, ווו זיי האָבן סאָרטירט הויכע שטויסן ברעטער, אונ־טער דער באַוואַכונג פון ס. ס.

די פרויען האָבן געהאַט פאַרהעלטנישמעסיק לייכטער, הגם אויך זיי האָט מען געשמיסן... און אָפט — אויפן נאַקעטן לייב.

מיר זענען שנעל געוווער געוואָרן, אַז נישט ווייט פון אונדזער אַר־בעטס־פּלאַץ אַרבעט אַ יידישע פרויען־גרופּע. דאָס האָט אונדז קיין רו נישט געגעבן. מ׳האָט זיך דערמאָנט, ווען מ׳האָט אַלץ געהאַט אין וואַרשע און אַ האָפענונג האָט זיך גענומען אויפרירן: טאָמער איז עמעצער פון דייניקע אין יענער גרופּע?

איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין איידעלער שוועסטער, לייטשע, וואָס האָט זיך געפונען ביזן געטאָ־אויפשטאַנד אין ווארשע און אַ געדאַנק האָט נישט צורו געלאָזט: אפשר איז זי אויך פארשלעפט געוואָרן אהער?... מיין פאַנטאַזיע האָט גענומען אויסצוויבערן בילדער ווי אַזוי איך דער־נענטער זיך צו יענער גרופּע... איך פאַרגנבע זיך... און פון אַ ווינקל ארויס דערזע איך מיין שוועסטערס בלאָנדן קאָפּ, וואָס לויכט אויף צווישן די פּריש־געשניטענע סאָסנע־ברעטער... און מיינע בליקן האָבן זיך גענומען רייסן פון מיר אין יענער זייט אריין... נישט איינמאָל וואָלט איך פון בענקשאַפט זיך ארויסגעריסן די אויגן פון קאָפּ און זיי אריבערגעוואָרפן אַט־אַהין: זאָלן זיי דאָרט ארומפליען, איינעסן זיך אין יעדן מיידליש געשטאַלט, וואָס שטייט צעיאַכמערט איבער די ברעטער־שטויסן, זוכן אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן דאָרט עמעצן דערקענען... און אויסוויינען דאָרט אַלע פאַרטריקנטע טרערן — — —

די זעלבע געפילן האָט נישט איינער פון אונדז געהאַט; נישט יעדער האָט אָבער געקענט זיין געוואַגט און אונטערנעמעריש...

...אויף אַלע פּלעצער, ווי ווייט דאָס אויג גרייכט, ליגן אַנגעוואָרפן איינצלנע ציגל, גאַנצע און האַלבע. אַנדערע פון זיי זענען שוין צוגעוואַקסן צו דער ערד און האָבן זיך שוין אריינגעחלומט אין זייער צופעליקן גע־לעגער... דער קליינער, קרום־פיסיקער ס. ס.־מאַן האָט זיך גראָד אין דעם דערמאָנט, ווען ער האָט אין שכרות זיך פאַרטשעפּעט מיט אַ פוס אין אַזאַ שטיין און אומגעפאַלן. ער איז צוגעלאָפן אַ צעיושעטער צו אונדזער גרופּע און ארויסגעכאַפּט די ערשטע צוויי מענטשן, אַנגעשמיסן אַביסל די אויבערשטע העלפט פון נאַקעטן לייב און אַ זאָג געטאָן:

— איך וויל דאָ ביז פאַרנאַכט נישט זען קיין איין שטיין אויפן פּלאַץ! איר נעמט מיט זיך אַ גרויסן קאַסטן, אַ לאַפּעטע און — מאַרש!...

איך בין איינער און צו מיר — אַ בלאָנד יינגל, וואָס שלעפּט סוים די פיס. ער פאַרצייכנט אונדזערע נומערן און מיר לאָזן זיך מיט פּליים אויסזוכן די שטיינער. מיר דערווייטערן זיך אַלץ מער און מער... פון דערווייטנס טורעמען זיך די ברעטער און רייצן זיך מיט דעם, וואָס זיי באַהאַלטן הינטער זיך די, וועלכע מיר רייסן זיך אַזוי צו זען... אַ געדאַנק

מוט מיר אַ שלאָג אין קאָפּ: היינט איז די בעסטע געלעגנהייט זיך אַהין צוצובאַקומען... איך שוויג דערווייל. מיר קלייבן צום ערשט די שטיינער פון פּלאַץ ארום און סאָרטירן זיי בליצשנעל אויף איין אָרט. איך האָב מיין פּלאַן: מיר וועלן אַזוי פאַרגיין מיטן זוכן די שטיינער ביז צו די ברעטער און דאָן... ווער ווייסט? אפשר וועט געלינגען עמעצן צו דערזען...

מיין דמיון צעפלאַקערט זיך. איך זע שוין ווי אַזוי כ'טרעף דאָרט אָן מיין שוועסטער. מיר זאַמלען ווידער אַ פולן קאַסטן און טראָגן אים צוריק אויף דער שטעלע. מיר לויפן פלינק. איצט זעען שוין די קאַפּאָס און פאַרארבעטער, אַז מיר האָבן אָן ארבעט אין די אָפּגעלעגענע ערטער פון פּלאַץ און זיי קוקן זיך מער נישט אום אויף אונדז. איך גיב דערפאַר אַ שטילן בורטש צו מיין שותף:

— בעניעק! איצט לאָזן מיר זיך א ה י ן . . . אָבער מיט שכל...

אויפן וועג בייגן מיר זיך אראָפּ און הויבן זיך אויף עטלעכע מאָל: זאָל מען פון דערווייטנס מיינען אַז מיר ארבעטן — ביז מיר געפינען זיך האַרט פאַר אַן אויסגעלייגטער ברעטער־שורה, וואָס ציט זיך שפּעלטלדיק אין דער הויך...

דאָס האַרץ צעשפּרינגט פאַר אויפרעגונג. אַט נאָך איין טריט און — דו קענסט אַליין זיך קיין חשבון נישט אָפּגעבן, וואָס דו דערוואַטסט דאָרט צו זען...

מיין חבר דערזעט אַ פּאָר הויכע גראָז־שפּראָצן זיך טוליען מיט די קעפּלעך צו די פרישע ברעטער, וואָס האָבן נאָך מיט זיך אַ שטיקל פון וואַלד־שכרות און ער פאַרגעסט זיך אינגאַנצן.

אַ יונג בחורל — ביז צום ארויסשיקן געווען אין אַ רייכער שטוב פון וואַרשעווער געטאָ — איז אים נאָך שווער צו באַנעמען די ערשטע וואָכן הונגער... רייסט ער שטיקער פון דער פרישער קאָרע אויף די ברע־טער און שלינגט ווי באַוווסטלאָז די גרעזער, וואָס האָבן פאַרגעסנדיק זיך, ארויסגעשפּראָצט... כ'ווייס, אַז איך וועל אים איצט פון זיי נישט קענען אָפּרייסן. שלייך איך זיך בלויז נענטער מיט פאַרזיכטיק־באַרוויסע טריט און שטעק קעציש אַרונטער אַ ברעקל קאָפּ אונטער די ברעטער. ביי אַ ווייטערדיקן ברעטער־גאַנג דערזע איך צוויי מיידלעך, וואָס מעסטן אוים

די ברעטער לויט דער גרייס. אַ פֿאַרחלשט־נייגעריקע אויפֿרעגונג דערפֿירט מיך ביז צו זיי. צוויי ליכטיקע פּאָר אויגן רייסן זיך אויף מיר אין שרעק...

איך שטאַמל קוים אַרויס:

— יידישע?

זיי פֿאַרלייגן אַ פֿינגער אויף די ליפּן... שווייג איך. איך בויג זיך באַלד צו און פּרעפּל שטיל אַרויס צו דער ערשטער:

— פֿון וואַנעט?

— וואַרשע!

כ'ווײַן שיעור אַרויס:

— נישטאָ צווישן אײַך איינע, שטריגלער?...

אַ שטומער פֿאַרבייג מיטן קאָפּ... אַלע געפֿילן, וואָס האָבן זיך ביי מיר געטוליעט צו דער האָפֿענונג פֿון געפֿינען די שוועסטער, בעטן זיך אין פּלוצימדיקן פֿאַרצווייפֿל:

— אפשר דאָך... ליאָניאַ האָט מען זי גערופֿן... לאַה... לייטשע...

איך זוך אין גערדאַנק אַלע נעמען, וואָס מיין שוועסטער האָט זיך נאָר אַמאָל גערופֿן. טאָמער וועט איינער פֿון די אַלע ביי זיי אָפּקלינגען מיט באַקאַנטשאַפֿט... אָבער די מיידלעך ציטערן. יעדע מינוט קען עס עמעצן אָנטראָגן און דאַן קען געשען עפּעס שרעקלעכס...

פֿון אַ זייטיק, ברעטער־אָנגעהאַרבעט ווינקל וואַקסט אַרויס אַ ס. ס.־מאַן... איך וויל אויפֿהייבן די פֿיס און לויפֿן. לויפֿן, אַפֿילו ער זאָל מיר נאָכשיסן! די פֿיס זענען אָבער ווי צוגעקלעפּט צום אָרט. שטיי איך גלייך און אויסגעצויגן, ווי גאַרנישט. אַזוי ווי כ'וואָלט בכיוון געוואָלט באַקומען מיין פּסק... ביי די מיידלעך האָט זיך אינסטינקטיוו אַרויסגעריסן אַ דער־שראָקענער געשריי — זיי האָבן אָבער באַלד געגומען נאָך פֿלינקער אײַ־בערוואָרפֿן די ברעטער, ווי וועלנדיק באַווייזן, אַז זיי האָבן מיך נישט באַ־מערקט און אַז נישט צוליב מיר האָבן זיי עס אויסגעשריגן...

דער ס. ס.־מאַן איז אַרויסגעקומען פֿון הינטער אַ צווייטן שטויס ברעטער, ווו ס'איז אויך געשטאַנען אַן אָפּגעזונדערט מיידל, אין וועמענס זייט ס'האָט זיך גענומען הערן אַ פּלוצימדיקער גערודער פֿון געשלעפּטע ברעטער... כ'האָב זי גיכער דערשפּירט דורך דעם פּיבערדיקן הילך, ווי

געזען דורך די וואקלדיקע שפאלטן... ער איז געווען עטוואס צעטומלט.

ווען ער האט מיך דערזען, האט ער מיך אדורכגענומען מיט די אויגן... ער האט זיכער אליין נישט געהערט די אייגענע פראגע זיינע:

— וואס זוכסטו דא?

איך בין שוין איצט רואיק און גרייט אויף אלעס:

— כ'ארבעט דא נישט ווייט... געהערט אז דא ארבעטן מיידלעך — בין איך צוגעקומען... געמיינט, אז כ'וועל דא אנטרעפן אויף מיין שוועסטער...

ער האט גארנישט געענטפערט, נאר מיך אנגעקוקט עטלעכע מינוט צייט און גענומען אוועקשפרייזן ווייטער א צעטומלטער... ערשט אונטערן לעצטן שטויס, וואס איז געווען געווענדט גלייך צו דער ארבעטס־שטעלע, האט ער צופעליק דערזען מיין חבר, כעניעק, אן אריינגעגראבענעם צווישן די לעצטע גרעזלעך... ער האט זיך אויף אים געווארפן און גענומען טרעטן אויף זיין קערפער מיט די באשטיוולטע פיס, שרייענדיק:

— איר דרעקזעקע, איר! איר ווילט אויך דא פארשלעפן אייערע פארשידענע קרענק? אט לאז איך דיך דא באלד א טויטן...

איך האב זיך דערפאר ארויסגעגליטשט פון דעם ארומגעשטעלטן אומקרייז און זיך געלאזט צום קאסטן... כעניעקס געשרייען האבן זיך געטראגן איבערן גאנצן פלאץ און איך האב געפילט בחוש, אז דאס האב א י ך באדארפט באקומען די קלעפ, נישט ער... און אז ער האט בלויז מיך אפגעלייזט און אפגעצויגן דעם צארן, וואס איז קעגן מיר געווענדט.

איך האב שוין מיין חבר געמוזט פירן אונטער דער האנט און מיט דער צווייטער נאכשלעפן דעם קאסטן. ווען מיר זענען צוגעקומען צום פלאץ, האבן שוין די פארארבעטער געוווסט, אז מיר זענען ביידע צעשלאגן געווארן און אונדז אויפגענומען מיט איראנישן יובל.

איך האב יענעם טאג גארנישט מער געזען און גארנישט מער געהערט. מיינע געדאנקען זענען געווען פארטראגן אין דער וועלט פון פרויען אין מאידאנעק, אין וועלכער כ'האב איצט געכאפט דעם ערשטן בליק דורך א קליינעם אויגן־שפאלט... עפעס א באזונדער פארגעפיל וועגן מיין שוועסטער האט מיך געמאטערט און געצווונגען וועגן איר צו טראכטן...

...ערשט שפּעטער, זייענדיק אין סקאַרזשיסקאָ האָט מיר אַ פרוי אי־בערגעגעבן אַ גרוס פון מיין שוועסטער, וועלכע איז מיט איר געווען צו־זאַמען אין מאַידאַנעק און דאָרט אומגעקומען... מאַטערט נאָך היינט דער גערדאַנק: ווען איך וויים עס דעמאָלט! אפשר וואָלט איך זיך געקענט צו איר צושלאָגן, זי זען פאַרן פאַרשווינדן אויף שטענדיק?... כאָטש כ׳וויים אַליין, אַז כ׳בין אַ וואָרעם דאָרט געווען, אַ מאַכטלאָז־אויסגעשטעלטער צו שלעק און פיין... זי האָט נישט געקעמפט פאַרן לעבן, זי האָט רעזיגנירט דערפאַר, ווייל זי האָט געגלויבט, אַז זי האָט שוין נישט קיינעם... וואָלט זי נישט איבערגעשטאַרקט די אומשטענדן, ווען זי וויסט, אַז איך געפין זיך נישט וויט פונדאַנען? — — —

און אַמאָל, אין איינזאַמע אומעט־שעהן, קלער איך, אַז דאָס האָט זי אַלאַרמירט צו מיר דורך מיין אומרו, האָט מיך געוועקט דורך אומגע־זעענע וועגן, דורך איר אייגענער בענקשאַפט, וואָס זי אַליין האָט אפשר נישט קלאָר באַגריפן... בלייבט בלויז צו שעלטן די אייגענע טעמפּקייט, וואָס דערלאָזט נישט צו פאַרשטיין אויף קלאָר די שפּראַך פון די אייגענע געפילן... און ס׳ווילט זיך רופן מענטשן, וואָס זאָלן קומען און דערמאָנען די אייגענע מאַכטלאָזיקייט — מיט וועלכן מ׳זאָל קענען באַרואיקן די אייביק־שטעכיקע זכרונות, וואָס מ׳קען שוין צוריק נישט דערכאַפּן...

## II

אַ צווייט מאָל איז מיר אויסגעקומען זיי צו באַגעגענען נענטער.

ס׳איז געווען אין איינעם פון די אַפּרו־טעג. עפּעס אַ קאַפּאָ איז גע־קומען און אויסגעקליבן אַ גרופּע מענטשן צו אַ געוויסער אַרבעט. בין איך מיטגעשלעפּט געוואָרן. מיר האָבן באַקומען טראָג־קעסטלעך און געפירט געוואָרן לענגאויס די לאַגערן. מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען דאָס פּרויען־פעלד און אָוועקגעצויגן געוואָרן וויטער, איבער די ברייטע פעלדער. מיר האָבן באַדאַרפט אָננעמען פרישע, שוואַרץ־ווייכע ערד און זי טראָגן עטלע־כע קילאָמעטער, ביזן גאָרטן, וואָס די ס. ס. האָבן פאַרלייגט נעבן זייערע באַראַקן. יעדער פּאָרל פון אונדז האָט געדאַרפט שנעל אונטערלויפן, זיך

לאָזן אָנשיטן אַ פולן קאַסטן און אַוועק צוריק אין דער ריי. דער וועג אויף צוריק האָט געפירט האַרט נעבן די דראָטן פון פינפטן פעלד. דער הויפט-קאַפּאָ, וואָס האָט אויפגעזען איבער אונדזער „קאַראַוואַן", איז געווען אַ יונגער, אַביסל מענטשלעכער דייטש. ער האָט, אַגב, געדאַרפט זיך אַריינ-כאַפן זיך „זען" מיט זיינס אַ באַקאַנטער. ער האָט זיך דערפאַר געסודעט עטלעכע מינוט מיט דעם ס. ס.-מאַן, וואָס האָט אונדז מיטבאַגלייט און יענער האָט פון אים גענומען עפּעס אַ פּעקעלע, וועלכעס ר'האָט אַריבער-געוואָרפן איבער די דראָטן. זיי האָבן אונדז געהייסן זיך שטעלן מיט די קעסטלעך און וואַרטן, אויסגעשטעלט אין רייען, ביז זיי וועלן זיך אומ-קערן. זיי זענען צוגעגאַנגען צו אַ טויער, עפּעס אַריינגערעדט אין דער באַוואַכונג און שנעל אַריינגעשלונגען געוואָרן אינעווייניק.

זענען מיר געשטאַנען און גערוט. אין פרויען-הויף אַקעגנאַיבער איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג. מיידלעך זענען געלאָפן אַהין און אַהער. ווען זיי האָבן באַמערקט אַ גרופּע מענער נישט ווייט פון די דראָטן, זענען זיי זיך אָנגעלאָפן אין די הונדערטער און מיט פאַרזשמורעט-בענקענדיקע אויגן געזוכט עמעצן צווישן אונדז. מיר, פון אונדזער זייט, האָבן זיך גע-שטעלט מיטן פּנים צו זיי, אַזוי אַז יעדער פון אונדז זאָל בעסער געזען ווערן... דאָס האַרץ האָט ביי יעדן געקלאַפּט פון דערוואַרטונג: טאָמער וועט ווער־ס'איז אים דערקענען. און אפשר וועט ער אַליין וועמען דערזען... איז מען אַזוי געשטאַנען און אַריבערגעשריגן פון איין זייט צו דער צווייטער פאַרשידענע נעמען, אָנפראַגעס... פאַרגעסנדיק אויף וועלכער וועלט מ'געפינט זיך.

אָט דאָרט שטייט אַ פרוי, וואָס קען אַלט זיין 17 אָדער 37 יאָר, מיט אַ צעשאָטן קליידל און שפּרינגט אויף ווי אַ געביסענע פון אַ שלאַנג. זי באַכעט מיטן שטיקל טיכל, וואָס זי האַלט אין דער האַנט:

— ישראל!... ישראליק!... ישראלעכל!... סראָלעלע!...

עמעץ הינטער מיר ווערט בלאַס און נעמט זיך וואַקלען. זיין האַנט הייבט זיך אין דער הויך און די פינגער וואַרפן זיך פיבערדיק אין דער לופט, ווי ער וואָלט דאָרט געוואָלט אָנכאַפּן זיין אייגענעם גורל, וואָס איז

נאָך יאָרן פון געטרייער באַגלייטונג איבערגעריסן געוואָרן... ער העשעט שטיל אין זיך אריין:

— ברײַנע... ברײַנע!...

זיין שטים איז אָבער צו שוואַך און דאָס מילדע ווינטל איז צו פויל; עס כאַפּט אויף זיין פּרעפּל, טוט אַ הויב זיינע ווערטער און וואַרפט זיי אַוועק אין מיטן וועג... און ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל זיין דערקענטעניש ביז צו איר דערטראָגן — — —

אויגן צעקושן זיך מיט אויגן. בליקן גראָבן זיך איין אין בליקן מיט געבעט:

— כ'האָב נישט קיינעם... ווער ד ו פאַר מיר אַ שטיקל וואַרעם־קייט... נעם אָן אַ געשטאַלט פון עמעצן, וואָס זאָל מיר דערמאָנען אין וועמען פון מיין חרובער היים...

יעדער פּנים קנייטשט זיך, ווייל ווערן היימיש און בלייבט פרעמד, ווייל ווערן שמייכלענדיק און פאַרלירט זיך אין דער טרויעריקער גרימאַסע... עפּעס אַ פּערז טוט לייכט אַ נאָג ביים האַרץ:

נעם מיך אונטער דיינע פליגל

און ווער אַ שוועסטער מיר און מאַמע — — —

דאָ שטייען טויזנטער שוועסטער קעגן אַנדערע, וואָס ווילן באַשוועס־טערט ווערן כאָטש מיט אַ בליק, מיט אַ וואַרעמלעכן אויגן־גלי... און אַלע טויערן פאַרשפּאַרן די געפילן...

אָבער ניין, דאָ זוכן נישט די בליקן קיין ווייב, קיין שוועסטער און מאַמע. אַלע ווערטער, וואָס אַ מענטשלעכע שפּראַך האָט אַמאָל אַרויסגע־בראַכט, זענען איצט ביליקער חוזק...

דאָ זוכן אויגן אַ וועלט, אַ גאַנצע וועלט, וואָס מ'האָט פאַרלוירן... און ס'שטייען צוויי מחנות זיך אַקעגן, וואָס לעכצן נאָך צוזאַמענגוס, וואָס זעען דאָ נאָך אַ שטיקל אָפּשיין פון עפּעס אַמאָליקס, וועלכעס וואָלט נאָך געקענט וואָס ס'איז אויסגלעטן און פאַרשמייכלען — נאָר עס שטייען שטומע, שטעכיקע דראָטן און טיילן וועלטן און שניידן נשמות, נישט דער־לאָזנדיק אַפילו דערלאַנגען קיין ווערטערדיקע בלומען, ווי אַ מתנה פאַר געקרייציקטער בענקשאַפט...

עס נעמען אריבערפליען צו אונדז שטיקלעך ברויט... פארגליווערטע קארטאפל. און אויב א מענטש פארן געקרייציקט ווערן האט אמאל גע־הייליקט א לאבן ברויט און עס גערופן בלוט און לייב, און געמאכט דער־פון הייליקייט — וואס זשע זאל מען צוהייליקן אזא פארגליווערטע קאר־טאפל? איז דען אזא פארדארט שטיקל ברויט געווען בלויז בלוט, בלויז צער?... איז דען דערמיט נישט אריבערגעפליגן דער שטיל־דערשטיקטער יאמער, וואס האט קיין פלאץ אין ווערטערדיקע ראמען נישט געקענט באקומען? — — —

ס'וואלט אזא שטיקל ברויט זיכער געזאגט:

— דא האסטו חורבן פון אן אומשולדיק פאלק, די בענקשאפט נאך א פארזארגטן שוועסטער־בליק, דאס טריפנדיקע בלוט פון א מאמע, וואס האט נישט קיין פליגל, אונטער וועלכע דיין צער ארונטערצונעמען...

...און כ'האב עס געזען. געזען ווי הונגעריקע, וואס האבן געגעסן ערד און צוריק אויסגעשפיגן — האבן אזעלכע שטיקלעך ברויט געטראגן ווי א קמיע, צוגעדריקט צום פארשוויצטן הארץ און נישט געוואגט עס אריינ־צו נעמען צווישן די ציין...

און שפעטער, ווען אונדזערע אויפזעער זענען צוריק ארויסגעקומען און צעיאכמערטע אונדז גענומען טרייבן וואס שנעלער מיט די קאסטנס, האבן שוין טויזנטער פרויען־אויגן זיך געריסן דורך די דראטן און צע־שטאכן דעם בליק אין די שפיציקע נעגל פון פלויט... און ווען מיר האבן שוין מארשירט צוריק, מיטן רוקן צו די דראטן, האט זיך אונדז אויסגע־וויזן, אז עס באגלייט אונדז נאך איבער די קעפ א שטיל, געוויינלאז כליפען, וואס קען אויסער אונדז נישט דערהערט ווערן, נישט פון טייוול און נישט פון גאט אליין — — —

## III

אין לובלין אליין איז געווען נאך א באזונדער לאגער פאר יידישע קריגס־געפאנגענע פון דער פויליש־דייטשער מלחמה. זיי זענען געבראכט געווארן קיין לובלין, תיכף נאכן פארענדיקן די קאמפאניע פון 1939 אין

די שווערע טויזנטער. אין די ערשטע וואָכן זענען טויזנטער פון זיי אויס־געשאָסן געוואָרן (דערפון שרייב איך אין די ערשטע טיילן פון „א וועלט נייט אונטער"). בלויז א קליינע גרופּע פון אַן ערך 15 הונדערט מאַן זענען אויסגעקליבן געוואָרן פון לובלינער ס. ס.־קאָמענדאַנט גענעראַל גלאָבאָטשניק און די גרעסטע טייל פון זיי איז געבליבן ביז נאָך אַלע יידישע „אַקציעס". זיי האָבן זיך געפונען אין א באַזונדער לאַגער אויף דער ליפּאָווע־גאַס און געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון דער ס. ס. פאַר פאַרשידענע אַרבעטן. מ'האָט געזאָגט, אַז דער בלוטיקער הענקער גלאָבאָטשניק האָט זיך פאַר זיי א סך מאָל איינגעשטעלט און ס'איז אים געלונגען זיי צו נעמען אונטער זיין פערזענלעכער שוץ.

ס'איז אויך געווען א צווייטער לאַגער אין לובלין פאַר יידישע פּאָב־לייט, וועלכן מ'האָט גערופן „דער פליפלאַץ". א דריטער לאַגער, וואָס איז געווען דערוויטערט עטלעכע קילאָמעטער, איז שוין געווען אונטער דער דירעקטער קאָנטראָל פון דער מאַידאַנעק־ליטונג און איז באַקאַנט געווען א. נ. „פּלאַגאַ־גאַלאַשקעוויטש". דאָרט זענען אויך געווען פרויען. די קריגס־געפאַנגענע האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו קומען אין אַלע לאַגערן. טייל פון זיי זענען געווען קוטשערס ביי די ס. ס.־וועגענער און אריינ־פאָרנדיק אין די לאַגערן, האָבן זיי בסוד־סודות אמאָל געקענט מיטשמוג־לען א בריוול פון איין לאַגער צום צווייטן.

זייער לאַגער האָט זיך געפונען אין שטאָט. בעת די „אַקציעס" זענען די יידישע הייזער געשטאַנען הפקר. אזוי ווי זיי האָבן געהאַלטן „אָרדע־נונג" אין שטאָט ביים אַדורכפירן די אַקציעס — האָט זיי גלאָבאָטשניק דערלויבט אריינצוגיין אין די שטובן און זיך נעמען, וואָס זיי דאַרפן. זיי האָבן זיך דערפאַר גוט באַקליידט און אפילו זיך אויסגעזוכט ווערט־זאַכן, גאָלד און געלט. האָבנדיק מער פרייע באַוועגונג, האָבן זיי געקענט איינ־קויפן אין שטאָט, וואָס זיי האָבן געדאַרפט און דערפאַר אויסגעזען גוט און געזונט.

אַזא קריגס-געפאַנגענער פלעגט אמאָל אריינפאָרן מיט זיין וואָגן אין לאַגער אריין און אַרויסרופן א ביז ווונדער צווישן די רעשט יידן. מ'האָט

זיך שוין נישט געקענט פאָרשטעלן אַ ייד אַזוי שיין געקליידט און מיט אַ זאַ אויסזען...

זיי האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער, אָוועקגעקוקט, ווען מ׳האָט פּרעפּל־דיק עפּעס אַ פרעג געטאָן און אויסגעמיטן יעדע באַרירונג מיט מענטשן פון לאַגער. ווען איינער האָט שוין אַמאָל מיטגעבראַכט אַ בריוול — האָט ער עס „פאַרלוירן" זייטיק, מורא־האָבנדיק פאַרן אייגענעם שאָטן. און בלויז מיט אַ קונציקן בייטש־אַנדרייט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עמעץ זאָל עס אויפהייבן און אָפּגעבן אין די ריכטיקע הענט. עס זענען שוין געווען אַזעלכע, וואָס האָבן עמעצן געהאַט אין די דערמאָנטע ערטער — און דערפאַר אָפּגעוואַרט אין די פאַרנאַכטן, אויב אַ פורמאַן פאָרט אַריין אין פעלד. זיי פלעגן אַמאָל ברענגען אַ בריוול אויך פון פינפטן פעלד. נישט איינמאָל האָט איינער געוואָלט צום בריוול עפּעס אַ פרעג טאָן — אָבער יענער האָט בלויז אַ פאַרצווייפלט־דערשראָקענעם מאַך געטאָן מיט דעם בייטש־שטעקעלע, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעטריבן פון אַ בייזן חלום. האָט זיך דערפאַר געשאַפן אַ שטילע שנאה צו די זאַטע און גוט־געקליידטע. מ׳האָט זיי גערופן „די יידישע ס. ס." און זיי געשאָלטן מיט דער גאַנצער ביטערקייט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויפן האַרץ...

די מיידלעך און פרויען, וואָס האָבן עמעצן געהאַט אין לאַגער, האָבן ביכער געפונען אַ וועג צו די הערצער פון די „ליפּאָווער" און דורך אַלע וועגן באַקומען אַ שטיקל ברויט, וואורשט, פּאַפּיר אויף אַ בריוול אָדער אַפילו אַ גרין אוגערקעלע און אַריינגעשיקט צו זייערע נאָענטע. און אַז אַזאַ איינער האָט דערהאַלטן די מתנה, האָט ער געוויינט און אַרומגע־האַלדזט דאָס גרינע אוגערקעלע ווי אַ צוריקגעפונען קינד... איבערהויפּט האָט זיך געזען אין אָט די פאַרהאַרטעוועט־געפּייניקטע כאַראַקטערן אַ נייר־גונג אויסצולאָדן ערגעצוווּ דאָס לעצטע ביסל וואַרעמע געפילן און ליבּ־היימישע צערטלערייען... ס׳האָט בלויז געדאַרפט קומען דער מינדסטער אָנרעג דערצו.

צוגלייך דערמיט האָט זיך געקנוידערט אין האַרץ אַ שטענדיק שנאה־געפיל, וואָס האָט זיך געלענקט קעגן די יידישע בלאָק־עלטסטע, שרייבער, מאַכער און גלאַט יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין בעסערע באַדינגונגען

און האָבן דערפֿאַר מורא צו וואַרפֿן אַ בליק אין דער זייט פֿון די אמתע מאַידאַנעקער, גלייך ווי מיטן בלויזן זען וועט זיך עפּעס צוקלעפּן. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן כסדר געהאַפּט, אַז זייערס אַ קרוב פֿון פּליפּלאַץ אָדער פֿון צווייטן פֿעלד „וועט עפּעס טאָן פֿאַר זייערט־וועגן". דאָס האַרץ איז צו ענג געוואָרן צו קענען דאָרט האַלטן פֿאַרשלאָסן אַלע מחשבות — האָבן זיי דערפֿאַר פֿאַנטאַזירט אויפֿן קול... די וואָס האָבן נישט געהאַט אויף וואָס צו האָפֿן, האָבן דערפֿאַר אויך אויף זיי געטראָגן אַ פֿאַרדראָס. ס'איז געווען אַ קנאה צו די, וואָס האָבן נאָך די מעגלעכקייט צו אילוזיאָנירן... יעדן איינעם, וואָס מ'האָט געזען אויפֿהייבן אַ בריוול, טראָגן אַ באַהאַלטן שטיקל ברויט — האָט מען גענומען פֿיינט האָבן... אָבער מיט אַ ספּעציעלן מין שנאה, וואָס עס קענען נאָר פֿאַרמאָגן עלנטע, פֿאַרפּייניקטע און באַרויבטע פֿון אַלץ אין דער וועלט.

## IV

איינמאָל, ווען דער אַפּעל האָט זיך פֿריער פֿאַרענדיקט, בין איך אַרויסגעגאַנגען אַרומבליקן דעם גרויסן הויף פֿון לאַגער. ערגעץ אין אַ ווינקל האָב איך באַמערקט איינעם אַ שיין־געקליידטן און גוט־באַשוכטן, וואָס שטייט אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה באָרוויסע און שמועסט מיט זיי נעמיטלעך. דאָס האָט מיך פֿאַראינטריגירט. דער הונגער האָט געבראָכן די קנעכל און מיט אַלע מידע איינפֿאַלן מיך געצויגן צום געלעגער — אָבער מיין נייגער האָט אַלץ איבערגעשטאַרקט און איך האָב זיך צו זיי דערנענטערט. שוין פֿון הינטן איז מיר דעם גוט־געקליידנטנס געשטאַלט אויסגעקומען קענטלעך. איך האָב זיך דערפֿאַר אַדורכגעשלאָגן נענטער און פֿריידיק אַ ציטער געטאָן: יאַנקל!

די מענטשן אַרום זענען ווי געהויבן געוואָרן אין די אייגענע אויגן, דערמיט וואָס איינער פֿון די בעסער אָנגעטוענע שטייט מיט זיי און דער־ציילט זיי אַזוי חבריש. האָב איך אפֿשר נישט געוואָלט זיי צעשטערן דאָס ליטזעליקע געפֿיל און זיך אַוועקגעשטעלט אין דער זייט, מיטן זעלבן אויסגעשפּיצטן אויער וואָס אַלע. ער האָט מיך דערזען און עטוואָס מבולבל

געוואָרן. מיין פּנים האָט גענוג געזאָגט. ער האָט מיך אוועקגעצויגן אין דער זייט און מיר אריינגערוימט אַ סוד אין אויער:

— דו גייסט אַריבער אויפן צווייטן פעלד.

איך בין שוין אָבער טויב פאַר פאַרשידענע הבטחות און מאַידאַנעק־גליקן. די אבֿרים מיינע מאָנען בלויז איין זאַך: ע ס ן ... איין געדאַנק באַשעפּטיקט דעם מוח: ווי אַזוי נישט צו זיין אַזוי שרעקלעך הונגעריק... ער פאַרשטייט עס און רופט מיך ערגעץ. איך הינק אים נאָך מיט פאַרלוירענע טריט. טראָץ מיין שטאָלצער נאַטור באַפאַלט מיך שטענדיק אַ שפּלות־געפיל, ווען איך דאַרף אָנקומען צו וועמען. איך וויל נישט גיין, ווייל איך וויל נישט פאַרלירן די חבֿרישע געפילן צום איינציק־היימישן פּנים, וואָס כ'האָב דאָ באַגעגנט. כ'ווייס, אַז מיטן מאָמענט ווען ער וועט מיר דערלאַנגען עפּעס, ווען כ'וועל עס נעמען, וועל איך ז י ך אַליין באַליידיקן, וועל איך א י ם באַליידיקן און אויף אים קוקן ווי אויף איינעם וואָס וואָלט מיך טיף געקרענקט. מיין גאַנצע פרייד פון צוריק־געפינען אַ חבֿר וועט אַריינגיין אין שטיקל דערלאַנגטן ברויט... כ'גיי אָבער ד אָ ך. דער מידער גערויש, וואָס לויפט אַדורך די קנעכלען, פיבערט שוין אין זיין אָפּוואַרטן נייע מחיהדיקייטן, וואָס דאַרפן אים פאַרגיסן... און דאָס טרייבט מיך מיטצוגיין, הגם כ'וועל שפּעטער ביים זאַט ווערן פלאַמען פון אייגענער בושה.

איך בלייב שטיין פאַר איינעם פון די באַראַקן און ער לויפט אַריין אינעווייניק. באַלד קומט ער אַרויס מיט אַ גרויסער שיסל זופּ. איך זע דאָס עסן און דאָס גאַנצע בלוט טוט אַ האַק אין די שלייפן. האָב איך זיך אַ וואַקל געטאָן? מעגלעך. כ'האָב אַפילו נישט געשפּירט, ווי אַזוי איך בין געקומען צום זיצן אויף אַ באַראַק־טרעפּל. ערשט נאָך די ערשטע שטאַרקע שלינג האָב איך געזען אויף קלאָר, אַז איך האַלט אַ גרויסע שיסל אין האַנט און אַז איך עס... איך עס!... דוכט זיך אַז אַפילו די נעגל פון די פיס־שפּיצן האָבן עס דערשפּירט... נעבן מיר איז שוין געשטאַנען אַוועק־געשטעלט אַ צווייטע... איך האָב זי גענומען מעבאַניש אין דער האַנט אַריין. יאַנקל איז געשטאַנען דאַנעבן און מיך געמונטערט:

— עס שנעלער, כ'מוז באַלד אָפּטראָגן די שיסל...

ערשט דאָ האָט עס אין מיר אַ ציטער געטאָן. אַ לאַנגע ריי איז גע־שטאַנען אין בלאָק און מיט פאַרברענטע אויגן געוואַרט אויף אַ ביסל זופּ, וואָס איז נאָך נישט אויסגעטיילט געוואָרן. כ'האָב ווייטער נישט געקענט:

— יאַנקל, פונוואַנעט האָסטו אַזויפיל זופּ?

ער איז עטוואָס צעטומלט געוואָרן:

— דער בלאָק־עלטסטער איז מיינער אַ באַקאַנטער... איך האָב דאָ מיין פאָראַרבעטער... זיי עסן נישט זייער זופּ, ווייל זיי האָבן גענוג פון אַנדערע קוועלן... כ'האָב איינעם געזאָגט וועגן דיר. קענסט יעדן טאָג צו־קומען — וועסטו באַקומען פון זיי דאָס עסן, קיינער זאָל נישט זען...

כ'בין שוין געווען זאַט און דערפאַר זיך געקענט צוהערן, דאָס וואָס עס טוט זיך אין מיר. כ'האָב זיך דערמאָנט אין די שטובנדינסט פון מיין באַראַק. גענים איך נישט אַמאָל פון אַזאַ מין מאַכינאַציע? כ'האָב זיך דערמאָנט אין מיין חבר מענדל, וואָס איז מיר טריי ווי אַ טאַטע און אַ ברודער, וואָס ליגט מסתמא איצט אַ פאַרשמאַכטער אין אַ ווינקל... מיר שלאָפן איינער נעבן צווייטן. יעדן פאַרנאַכט הער איך אויס זיין הונגער־צער און פיל זיך דערצו ווי אַן ערלעכער, גלייכער שותף... ווי אַזוי וועל איך עס קענען זיך לייגן נעבן אים, זען זיינע שטילע אויגן און אויסהערן זיינע רייד, וואָס קומען פון די איבערגעדרייטע געדערים, ווען אין מיין בויך וועט אַלץ דרימלען — ווי נאָך אַן אַמאָליק שבתדיקער איבערזעט?

יאַנקל האָט דערווייל צוגעבראַכט עפּעס אַ סלאָוואַקישן ייד מיט אַ בינדע פון אַ פאָראַרבעטער. יענער האָט צוגעזאָגט עפּעס צו טאָן פאַר מיר. אַלנפאַלס קען איך צוקומען יעדן טאָג נאָך עסן. ער וועט זען, כ'זאָל מאָרגנדיקן טאָג בלייבן — מ'וועט מיך פירן אין באָד אריין און דאָרט וועל איך באַקומען בעסער אָנצוטאָן. אין אַזאַ הילוך ווי איך גיי — קען ער מיך נישט אריבערנעמען אויפן צווייטן פעלד.

...מיין באַרוף געפעלט אים נישט: צופיל שריפט־מאַלער דאָ אין לאַ־גער. אַ זייגערמאַכער „בין איך" און פאַרטיק. אָט איז יאַנקעלע שוין 14 חדשים אַלס זייגערמאַכער אין מאַידאַנעק. ער רעפּאַרירט די זייגערס ביי דער ס. ס. טאַקע דערפאַר איז ער לעבן געבליבן.

דער „סלאָוואַק" קלאַפּט מיר איבער דער פּלייצע, כ'זאָל נישט זאָרגן.

כ׳וויל זיך אליין מאכן פרייען דערמיט, וואָס כ׳וועל האָבן לייכטערע אר־בעט, גיין לייטישער אָנגעטאָן, עסן בעסער — אָבער איך קען נישט. דאָ יענען פאַראַן מענטשן, וואָס כ׳האָב זיך צו זיי צוגעוווינט זייט יאָרן — איצט ליגן זיי צעשיט איבערן לאַגער... איך איינער גיי זיך אויסבעסערן מ יי ן גורל... אויפן האַרץ וועגט טרויעריק ביז צום וויינען.

איך לאָז זיך גיין צו מיין באַראַק. זיי גייען ביידע מיט. ביי דער שוועל זאָגן זיי עפּעס דעם שרייבער. יאָ, מאָרגן לאָזט ער מיך אין לאַגער און שיקט מיך מיט אין באָד אריין. דאָרטן דאַרף איך זיי בלויז אויסזוכן און זיי וועלן מיר שוין באַזאָרגן בעסערע מלבושים. ווייטער וועט מען שוין זען.

יאַנקל דערציילט ווי אַזוי מ׳האָט דאָ אומגעבראַכט די טראַנספּאָרטן, אין משך פון זיין צייט. נישט אמת, אז אַלע האָט מען פאַרגאַזט. ווינטער, אין די גרויסע פרעסט, האָט מען טויזנטער געלאָזט נאַקעטערהייט פאַר־פרירן... איך הער אַזוי און הער...

ער דערציילט: זיין שוועסטער, הינדע, מיט וועלכער מ׳איז אויפ־געוואַקסן פון קינדוויי, איז דאָ געווען לאַנגע חדשים — און ער האָט נישט געוווסט. זי האָט געאַרבעט אין אַ מאַגאַזין פון אָנטועכץ און נישט איינמאָל אין די קליידער גאַנצע פאַרמעגנס געפונען. איינמאָל האָט מען זי אַרויסגענומען און אַוועקגעפירט מיטן גאַנצן געלט וואָס זי האָט אָנגע־זאַמלט אין מאַידאַנעק... מער איז זי נישט צוריקגעקומען.

אַ קאַפּיטל פון די לעצטע שטעטל־שאָטנס פליט אַדורך פאַר מיין אויג. אָט הער איך פון יעדן באַזונדער.

אין מיטן דערציילן דערשפּירט יאַנקל, ווי דער טאָג נעמט זיך באַ־האַלטן אונטער אַ טונקעלן שאָטן. ער ציט אַרויס חשיבותדיק אַ זייגער פון טאַש. איך דערזע פאַר זיך אַ שטיק פון אַ נאָרמאַלער וועלט: אַ ייִנגל מיט אַ זייגער... ס׳איז שוין שפּעט. ער מוז לויפן. רייסט ער איבער זיין דערציילן און וואַרפט מיר שנעל צו איין וואָרט:

— פאַרנאַכט... ביי די דראָטן...

און שוין איז ער ביים טויער.

די שטובנדינסט טרייבט אין די באַראַקן.

# קאַפּיטל עלף

I

מיין חבר מענדל איז איינער פון דער גרופּע, מיט וועלכער כ'האָב זיך נאָך געטראָפן אין 1940 אין קאָנצענטראַציע־לאַגער ב י א ל אַ־ ב ז ש ע ג י. מיר זענען זיך געוואָרן איבערגעגעבן און אַזוי צוזאַמען אַדורכגעשפּרייזט פון איין לאַגער צום צווייטן. ווען דער ערשטער פון דער גרופּע, לייביש זיסמילך, איז געפאַלן אין געטאָ מיט אַ העלדישן טויט — איז זיין ברודער אברהם-איסר צוגעקומען אויף זיין אָרט. די גרופּע האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען אויך אין דער קורצער געטאָ־צייט. און ווען מ'האָט אַלעמען פון דער משפּחה צוגענומען — זענען מיר געוואָרן איינער דעם צווייטנס פאַמיליע און קרובים. אין מאַידאַנעק זענען מיר צעוואָרפן גע־וואָרן אין פאַרשידענע באַראַקן. בלויז דער שטילער און טריי איבערגע־געבענער מענדל האָט באַוויזן דורך פאַרשידענע וועגן זיך אריינצובאַקו־מען אין מיין באַראַק אַריין און ווערן מיין שכן.

וויפל מאָל דער יונג האָט זיך ביי מיר געבעטן מיט זיינע גרויסע, טיפע אויגן, כ'זאָל ביי אים נעמען נאָך אַ שטיקל פון זיין פּאַרציע ברויט!... ער האָט זיך דערביי פאַר מיר געפּרווט „פאַרענטפערן":

— איך שפּיר נישט אַזוי שטאַרק דעם הונגער...

און אַ וואונדער ווי אַזוי דער בחור האָט באַוויזן אַפילו אין מאַידאַנעק צו דערהאַלטן אַ שטיק פון זיין אַמאָליקן הומאָר. אין די לעצטע טעג איז

מענדל טרויעריק. ס׳איז פון אים פארשווונדן דער לעצטער פונק פון זיין חסידישער התלהבות און ער האט פארגעסן דעם לעצטן ברום פון זיינע ישיבה־נגונים. אין די נעכט האט ער זיך שטיל צוגעבויגן צו מיר און זיך געבעטן מיט א שעפטש:

— מאטל, גיב אן עצה! כ׳גיי אוים...

און קיין עצה האבן מיר ביידע נישט געקענט געפינען...

היינטיקן אוונט פיל איך זיך זינדיק. כ׳בין ז א ט. ער ליגט און קורטשעט זיך פון הונגער און רעדט, פייערט און פאנטאזירט... ער גלויבט, אז איך שפיר אים מיט, כ׳הונגער ווי ער און אז דאס, וואס ער פליסטערט אוים, איז אין ביידנס נאמען... איך הער אים אוים און איך שפיר אזוי ווי כ׳וואלט אים עפעס באגנבעט. מיר דוכט זיך, אז אזוי רעדן פון הונגער ארוים ר יי נ י ק ט, לייטערט אוים... און איך קען היינט נישט זיין לויטער... איך שים דעריבער אוים:

— דו ווייסט, מענדל, כ׳האב פארנאכט געגעסן נאך א זופ...

ס׳איז געווען אזוי ווי כ׳וואלט זיך מתודה געווען אויף א שווערן חטא. ער איז שטיל געבליבן ליגן און כ׳האב דערשפירט, אז כ׳האב אים נאך טרויעריקער געמאכט. האט מיר באלד באנג געטאן: אפשר האב איך עס נישט געדארפט... נישט געטארט אים רייצן... מיט א מינוט פריער האט ער געהאט נאך א חבר, נאך א שותף. און איצט איז ער איינזאם אין זיין הונגעריקן צער...

כ׳האב אבער מער נישט געקענט. די ווערטער זענען אליין ארויסגע־פאלן פון די מויל־ווינקלען:

— יאנקל איז דא געווען. איך האב אים פלוצים דערזען. און ער האט מיר פון א באראק ארויסגעבראכט א פולע שיסל...

אבער זיין גוטע, הארציקע נשמה איז שוין פארטראגן אין אנדערע מחשבות. כ׳ווייס אפילו נישט, אויב ער הערט מיך. פאלט מיר עפעס איין:

— דו ווייסט, מענדל, ער האט מיר געהייסן יעדן טאג צוקומען צום קלאזעט. ער וועט זיכער עפעס אריבערוווארפן. מירן מארגן צוגיין אפ־ווארטן. איא?

ביי מענדלען ווערט די שטים פריילעכער:

— גוט. מירן ביידע צוגיין. איך וועל צוהיטן, קיינער זאָל נישט אויס־כאַפּן. זאָל ער נאָר אריבערוואַרפן, וועט שוין אַלץ גוט זיין.
באַלד צעהיצט ער זיך פון די אייגענע פּלענער:
— דאָס ערשטע שטיקל ברויט וועלן מיר נישט עסן. איך וועל עס ביי עמעצן אויסבייטן אויף געלט... כ׳דאַרף נאָר די ערשטע פּאָר זלאָטעס — וועסטו זען... איך וועל אָנהייבן צו האַנדלען... דער עיקר איז דאָס ערשטע פּעדעמל...
איך דערציייל אים:
— ער זאָל זיך באַמיען מיך אַריבערצונעמען אויפן צווייטן פּעלד. שוין געווען דאָ ווער אין באַראַק מיך מאָרגן איבערצולאָזן...
מענדל פרייט זיך ווי אַ קינד:
— געלויבט איז גאָט. ווען דו וועסט זיין אויפן צווייטן פּעלד, וועסטו זיכער אין מיר געדענקען... אין די אַנדערע חברים... מיר וועלן אַלע צופרידן זיין, ווען איינעם פון אונדז וועט לייכטער זיין — טאָ זאָל זיך אָנהייבן ביי דיר. אָן דעם ערשטן שליח וועלן סיי־ווי אַלע אומקומען.
מיר זענען ביידע ערשט איינגעשלאָפן הארט פאַרן וועקן.

פאַרטאָג, ווען אַלע זענען אוועק צו דער אַרבעט, בין איך אוועקגע־שטעלט געוואָרן באַזונדער. עס איז צו מיר צוגעקומען איוואַן און מיך אַריינגעפירט אין אַ פינצטער ווינקל פון באַראַק... איך האָב פאַרגעפילט עפּעס אומהיימלעכס. אָבער איוואַן לאָזט לאַנג נישט קלערן. זיינע ערשטע צוויי קלעפּ צעטומלען מיך. ער באַטאַפּט מיך פון אַלע זייטן און כ׳הער קוים זיין דערשטיקטע רציחה:
— גיב אַהער דאָס גאָלד —
איך וווּנדער זיך:
— וואָס פאַר אַ גאָלד?
ער שלאָגט ווייטער:
— דו האָסט גאָלד. אומזיסט וועט זיך דאָ קיינער נישט באַמיען... פאַר אַריבערגיין אויפן צווייטן פעלד באַצאָלט מען טייער... ווען מען קומט זיך באַמיען פאַר דיינעטוועגן — האָסטו...

ס׳איז צוגעקומען דער בלאָק-שרייבער... א שטובנדינסט... זיי מיינען דערוויייל „מיין טובה״:

— דו וועסט קיין לעבעדיקער פון זיינע הענט נישט ארויס... גיב בעסער אוועק מיט גוטן...

זיי „שיצן״ מיך אָבער. דער שרייבער בעט איוואַנען, ער זאָל מיך אָפּלאָזן ביז מאָרגן. איך האָב זיכער אוועקגעגעבן דאָס גאָלד די, וואָס באַמיען זיך פאַר מיינעטוועגן... ביז מאָרגן האָב איך צייט ביי זיי עס אָפּ־צונעמען... ווען נישט...

א גאַנצן טאָג האָב איך אויסצושטיין פאַרשידענע שיקאַנעס:

דאָס איז נאָר אַן אָנהויב. אויב כ׳וועל מאָרגן נישט „צוריק האָבן״ מיין גאָלד — וועל איך דאַן ערשט זען, וואָס מאַידאַנעק קען באַווייזן... טאָמער שמועס איך זיך איין, אַז מיינע פריינט קענען מיר דאָ העלפן, האָב איך אַ ביטערן טעות...

נאַטירלעך ווער איך נישט געשיקט אין באָד. איוואַן היט מיך צו. כ׳זע שוין צו וואָס דער ערשטער שריט האָט דערפירט. איך האָב מורא פאַר דער נאַכט. ווען מענדל קומט פון דער אַרבעט, לויפן מירביידע זוכן וועמען, וואָס זאָל מיך שיצן. נישטאָ אַזעלכער. מענדל גייט צו די דראָטן, אפשר וועט ער דערזען יאַנקלען און איך גיי זוכן מיין סלאָוואַק. אַ מענטש, וואָס כ׳קען נישט, פאַרהאַלט מיך ביי אַ באַראַק. ער קען מיך. איך דער־צייל אים מיין פאַרלעגנהייט. ער איז שוין אַ לענגערע צייט אין מאַידאַנעק און קען אַלעמען. ער פרעגט מיך בלויז:

— פאַרמאָגסטו באמת גאָרנישט?

איך גיב אים מיין ערן־וואָרט. ער גייט מיט מיר אין מיין באַראַק, פאַררופט דעם לאַגער־שרייבער אין אַ ווינקל און, אָן איין וואָרט, דער־לאַנגט ער אים אַ הילכיקן שאָס. יענער ווערט צעטומלט. דער מיטגעקו־מענער פרעגט טרוקן:

— ווו איז איוואַן?

דער בלאָק־שרייבער שטאַמלט עפּעס. מיין באַגלייטער מאַכט עס קורץ:

— טאַמער געשעט עפּעס דעם יאַטל, וועט איר אַלע ביי מיר הענגען... מיין טויט — אָבער אויך אייערער...

ער דרייט זיך אוים צו מיר און מעלדעט:

— זאָלסט יעדן פאַרנאַכט קומען צו מיר און מעלדן ווי אַזוי דו ווערסט דאָ באַהאַנדלט!

איך האָב עפּעס צוריקגעברומט, נישט ווייסנדיק אַפילו, ווו ער געפינט זיך און ווער ער איז... ער איז אַוועק צוריק און איך האָב זיך געשראָקן, אַז זיי וועלן זיך איצט צוריק נעמען צו מיר. זיי האָבן מיך אָבער צורו געלאָזט. ערשט שפּעטער, אין אַ האַלבע שעה אַרום איז דער שרייבער צוגעקומען און מיט אַ מאַכטלאָזן צאָרן מיר צוגעצישעט:

— און וויפל האָסטו אים באַצאָלט, אויסוווּרף?

כ'האָב געזען, אַז דער אומבאַקאַנטער האָט אויף אים אַנגעוואָרפן אַ פּחד און דערפאַר זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט, ער זאָל נישט דערקענען, אַז כ'ווייס אַפילו נישט, ווער יענער איז... די נאַכט איז פאַר מיר פאַרביי רואיק. מענדל האָט געבראַכט אַ פּאָרציע ברויט מיט וווּרשט, וואָס יאַנקל האָט אים אַריבערגעוואָרפן. מיר האָבן עס געגעסן אויפן געלעגער. איוואַן האָט באַמערקט מענדלען, ווי ער שמוגלט עפּעס אַריין, ווען ער האָט אָבער באַמערקט, אַז ער טראָגט עס צו מיר, האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן...

אויפן אַנדערן טאָג האָב איך ווייטער געשפּירט אויף זיך די שטעכיקע בליקן פון די בלאָק-אויפזעער — זיי האָבן אָבער זיך צוריקגעהאַלטן מיר עפּעס צו טאָן. דעם מיסטישן באַשיצער מיינעם האָב איך אָבער מער נישט געזען.

## II

דער אַפּעל איז פאַרנאַכט פאָרגעקומען תיכף נאָך דעם ווי די גרופּעס האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט. זעקס אַזייגער האָט מען אַפּיציעל אַוועקגעלייגט די אַרבעט. די גרופּעס, וואָס האָבן געאַרבעט נאָענט, זענען האַלב זיבן שוין געווען אין לאַגער. זיי האָבן זיך געמוזט אויסשטעלן

אין רייען און וואַרטן, ביז די אַנדערע וועלן צוריקקומען. בערך זיבן זענען שוין אַלע בלאָקן געווען אויסגעשטעלט. די רייען זענען געווען אויסגע־שטעלט צו צען. יעדער בלאָק־עלטסטער איז פאַראַנטוואָרטלעך געווען פאַר זיינע מענטשן, קיינער זאָל נישט פעלן און אַלע זאָלן שטיין אין אָרדענונג.

ווען אַלץ איז שוין געווען אויסגעשטעלט, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט די ס. ס.־בלאָק־פירער אָפּנעמען די צאָל. ווען אַזאַ האָט זיך דערנענטערט צום בלאָק, האָט דער עלטסטער זיך אַ קער געטאָן צום עולם:

— אַ כ ט ו נ ג ! ! !

אַלע האָבן זיך אַ שטעל געטאָן ווי די סטרונעס. ער האָט דאַן געגעבן די צווייטע קאָמאַנדע:

— מיטצען אַב!

דאַן האָבן די קיילעכיקע בערעטלעך געטאָן אַ שטילן הילך. דאַן האָט דער בלאָק־עלטסטער זיך אויסגעדרייט צום ס. ס.־מאַן און ראַפּאָרטירט:

— הער בלאָק־פירער, איך מעלדע געהאָרכזאַם: 395 מאַן זענען אַנ־געטרעטן צום נאַכט־אַפּעל... 4 טויטע... 7 קראַנקע...

דער ס. ס.־מאַן האָט דאַן גענומען קאָנטראָלירן די צאָלן לויט זיין ראַפּאָרטן־ליסטע. אין פאַל ווען אַלץ האָט געשטימט ביי אַלע בלאָקן, איז מען צוגעטרעטן צום צוזאַמענרעכענען די אַלגעמיינע לאַגער־צאָל. ווען דאָס איז געווען געענדיקט, איז מען צוגעטרעטן צום צווייטן טייל פון אַפּעל. אָפט האָט אָבער די צאָל נ י ש ט געשטימט. יעדעס מאָל האָט ווער געפעלט אין אַ צווייטן בלאָק. דאַן האָט מען געציילט און געציילט, אָן אויפהער... איך וויל דאָ דערציילן פון עטלעכע אַפּעלן אַזעלכע, וואָס איך האָב בייגעוווינט.

איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, איז אַ גרופּע אַהיימגעקומען עטוואָס פריער. אונדזער בלאָק־עלטסטער איז גראָד אַוועק צו חברים. אין דרויסן האָט געגומען גיסן מיט שטיינער. די גרופּע איז געשטאַנען אינמיטן אַ קאַלוזשע און געציטערט. ביי עפּעס אַ שטובנדינסט האָט דאָס האַרץ אַ ציטער געטאָן און ער האָט אַ ווינק געטאָן, מ'זאָל זיך אַריינשלייכן אין באַראַק אַריין, קיינער זאָל נישט זען. מיר האָבן זיך שטיל אַריינגעשאַרט. ער האָט אונדז געהייסן זיך פאַרשטעקן אין די ווינקלען, מ'זאָל אונדז נישט

הערן און נישט אָנזען. דער באַראַק איז געווען ריזיק לאַנג און יעדער פון די 30 מאַן האָט זיך דערפאַר אַוועקגעלאָזט באַזונדער. ס'איז נאָך געווען ביי אַ שעה צום אַפּעל — האָט יעדער זיך איינגעקנוידערט אין ווינקל און איינגעדרימלט. איינער פון דער גרופּע האָט זיך גראָד זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק פון זעלבסטמאָרד. דאָ האָט ער געהאַט די זעלטנסטע גע־לעגנהייט צו זיין מיט זיך אַליין. ער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ לע־דערנעם רימען און שטילערהייט זיך אַרונטערגעשטופּט צווישן די ברעטער פון אַ ווייט פאַרשטופּט בעט און דער וואַנט און דאָרט זיך דערשטיקט. קיינער האָט אַפילו דעם שאָרך נישט געהערט... ער איז אַזוי געבליבן הענ־גען פאַרשטעלט פון די וואַנט־ברעטער, נישט ווערנדיק באַמערקט פון קיינעם...

דער רעגן האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט און מיר זענען אַרויסגעזוכט געוואָרן פון אַלע לעכער און געטריבן געוואָרן אויפן הויף... באַלד זענען געקומען די רעשט גרופּן פון דער אַרבעט און דער אַפּעל האָט זיך אָנגע־הויבן. דער בלאָק־עלטסטער מיט זיינע געהילפן האָבן גענומען איבער־ציילן די מענטשן און ער איז בלייך געוואָרן:

— איינער פעלט...

אַלע פאַראַרבעטער זענען גערופן געוואָרן. יעדער באַזונדער האָט אָפּגעגעבן זיין חשבון. ביי אַלע האָט געשטימט... אויך אונדזער גרופּע איז געבראַכט געוואָרן אין דער פּולער צאָל. מ'איז אַוועק צום טויער: אויך די ס. ס. האָבן זייער חשבון געהאַט אין אָרדענונג...

אַלע בלאָקן זענען שטיין געבליבן. מ'איז הונדערט מאָל אַדורכגע־לאָפן דעם באַראַק, געזוכט אונטער די בעטן — אָבער קיינעם נישט גע־פונען... זענען אַלע בלאָק־עלטסטע אַרומגעלאָפן פון איין עק צום צווייטן, איבערגעקערט אַלע ווינקלען און גאָרנישט געפונען. קיינעם איז דערביי נישט איינגעפאַלן אָפּצורוקן די הויכע בעטן פון דער וואַנט... ווי דער שטייגער, האָט מען געמאַכט אַ דרינגענדן אַפּעל פון אַלע קאַכלעפל פון לאַגער און זיי זענען געוואָרנט געוואָרן:

— דער מענטש מוז צוגעשטעלט ווערן... טויט אָדער לעבעדיק... אָבער קיינער ווייסט נישט ווו אים צו געפינען... אַלעמאָל קומט צו

אַ צווייטער און שלאָגט אַלעמען פון אונדזער בלאָק, ווי מיר וואָלטן שול־דיק געווען אין יענעמס פאַרשווינדן ווערן. שידלאָווער ווייסט וואָס אים דערוואַרט, איז ער פון פריער־אויס זיך נוקם אין אונדז... מען לייענט אויס די נעמען. אַלע וואָס מען דערמאָנט דאַרפן זיך אָפּרופן — אַזוי אַרום ווייסט מען דעם נאָמען פון פעלנדיקן. עמעץ זאָגט: — ער האָט געקענט אַריבער דורך די דראָטן*אין צווייטן אָדער פערטן פעלד! אַלע ווייסן דעם אַבסורד דערפון — דאָך ווערן די אַפּעלן אָפּגעשטעלט אויףביידע שכנות־דיקע פעלדער... די נאַכט פאַלט צו. די ס. ס. לויפן, קומען צופאָרן מיט ראָווערן, רודערן אויף אַלע פעלדער... אָבער אומזיסט... שוין זעקס שעה דער אַפּעל. שידלאָווער באַקומט געשלאָגן פון יעדן ס. ס.־מאַן באַזונדער און ער זאָגט אונדז צו, אַז שפּעטער וועט ער אונדז אַלע ממיתן ביז איינעם, ביז איינעם.

און ווען מ'האָט שוין אויסגעזוכט אַרום און אַרום מיט שמעק־הינט און מענטשן — איז ווער געפאַלן אויפן שכל און גענומען אָוועקשלעפּן איין שווער בעט נאָכן צווייטן פון דער וואַנט.

ביי איינעם פון די לעצטע בעטן האָט מען אים געפונען, ענג אַריינ־געדריקט אינעם שמאָלן צווישנשייד. דער גאַנצער קערפּער איז געווען אויסגעגלייכט ווי נאָך קיינמאָל נישט אין מאַידאַנעק. דער האַלדז איז געווען איינגעצויגן מיטן רימען און צוגעקוועטשט צום לאָך פון דעם וואַנט־ווינקל... ווען די ס. ס. מיטן לאַגער־עלטסטן זענען אַריין, איז ער דאָס ערשטע מאָל אין מאַידאַנעק פאַר זיי נישט נתפּעל געוואָרן און נישט גערירט זיך פון אָרט... אדרבא, ער האָט זיי באַגעגנט מיט אַ חוזק־דיקער, אויסגעשטרעקטער צונג...

שפּעטער האָבן די שטובנדינסט דערציילט, אַז די ס. ס.־לייט האָבן זיך געוואָרפן אויפן געהאָנגענעם, אים געפּאַטשט און געבריקעט מיט די פיס... דאָס האָבן זיי אים נישט געקענט מוחל זיין, וואָס ער האָט זיך גענומען דאָס רעכט אַליין צו באַלעבאַטעווען מיט זיין לעבן... און אפשר האָבן זיי דאָס ערשטע מאָל דאָ דערזען אַ ייד, וואָס קוקט אויף זיי מיט אַזאַ וואָרטלאָזן ביטול?... ווען זיי זענען אַרויס פון באַראַק, האָבן זיי

אַלנפאַלס איבערגעחזרט צום וויפלטן מאָל: דיזער פּרעכער שווייַנע־הונדע... דיזער פּרררעכער קערל...

דערמיט האָט זיך אָבער נישט געענדיקט:

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאַרשונג, מיט וועלכער גרופּע דער געהאַנגענער האָט היינט געאַרבעט. די גאַנצע גרופּע איז באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ באַזונדער האַרטער שטראָף...

אַ צווייט מאָל האָט פּאַסירט אַזוי:

ווען די גרופּן זענען געקומען פון דער אַרבעט, האָט איינער פּונקט געדאַרפט טאָן זיין באַדערפעניש. גראָד איז מען שנעל אַרויס צום אַפּעל און נאָך שנעלער זענען די ס. ס. דאָס מאָל געקומען אָפּנעמען דעם ראַפּאָרט. יענער האָט זיך די ערשטע מינוט פאַרגעסן, ווייזט אויס... און ווען ער האָט געהערט די אַלגעמיינע שטילקייט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער אַפּעל קומט שוין פאָר... היות נישט איינמאָל האָט מען שוין אין מאַידאַנעק — פאַר פאַרשפּעטיקן פינף אָדער צוואַנציק מינוטן צום אַפּעל — פריער גוט אָנגעשלאָגן און שפּעטער אויפגעהאַנגען... איז ער, ווייזט אויס, צעמישט געוואָרן פאַר שרעק... אין מאַידאַנעק זענען סיי־ווי די מענטשן אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע פּסיכישע גרענעצן און יעדער מענטש, אַפילו דער קלאָרסטער, איז געפירט געוואָרן פון אַנדערע געפילן אָדער געפילזאָמקייטן, וואָס האָבן מיטן געדאַנק גאָרנישט געהאַט צו טאָן... האָט דער מענטש געזוכט אַ באַהעלטעניש פאַר דעם וואָס אים דערוואַרט — ביים טויט... נישט האָבנדיק קיין צווייטע מעגלעכקייט אונטער דער האַנט — האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם טיפן אָפּגרונט פון מענטשלעכער צואה — — —

ווער מען קען דען דאָס איינפאַלן?

...פעלט איינער ביים אַפּעל. ווידער אַ זוכעניש, אַ יאָגעניש... נישטאָ. ביז, ווען אין דער טיפער נאַכט פאַלט עס אַן אַלטן קאַצעטניק אַיין קאָפּ אַריין: זוכן אין דעם טיפן צואה־גרוב... געווען אַנדערע, וואָס האָבן געזען די לעצטע רגע פאַרן אַפּעל דעם הויכן ווינער קאָפּאָ זיך דרייען ביים קלאָזעט... מעגלעך אַז דאָס האָט ער אים דאָרט אַריינגעשמיסן...

אַ דריטער פאַל:

א גרופע נאָך דער אַרבעט איז שנעל איבערגעציילט געוואָרן. אין געציילט האָט אַלץ געשטימט. ערשט פאַרן אַריינגיין דורכן טויער, ווען די טויער־וואַך האָט ווידעראַמאָל איבערגעציילט — האָט מען פעסטגע־שטעלט, אַז איינער פעלט. דער ייד, וואָס האָט געפעלט, איז גראָד אַוועק אין אַ זייט נאָך דער אַרבעט און געפאַלן אין חלשות. ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער קיינעם נישט געזען אויפן פּלאַץ און דערפאַר גע־נומען לויפן אַ דערשראָקענער אין דער ריכטונג פון לאַגער. ער איז גראָד געקומען, ווען מ'האָט זיין גרופּע צום ווייטן מאָל איבערגעציילט ביים טויער. ער איז אַליין צוגעגאַנגען און דערציילט וואָס מיט אים איז געשען. די טויער־וואַך האָט אים געגעבן אַ פּאָר קלעפּ און געהייסן אַריינמאַרשירן מיט זיין פּאַרטיע. ביים אַפּעל ווערט זיין נאָמען און נומער הויך אויסגערופן... די בלאָקן, וועלכע זענען אויסגעשטעלט אין רייען איינער הינטערן צווייטן, ווערן שנעל איבערגעפאָרמירט אין אַ גרויסן מעכטיקן דרייעק, אַרום דער פעלד־תּליה... אַלע פאַרשטייען שוין. דער הויכער בחור ווערט צוגעפירט און אַרויפגעשטעלט אויפן דערנעבנדיקן טיש... ער איז בלאַס און רואיק... נאָר ווען אַ האַנט וויל זיך צורירן צו אים, כאַפּט ער בליץ־שנעל דעם נאָכהענגענדיקן שטריק און פאַרוואַרפט אים אויף דעם איינגענעם האַלדז... איידער מען קען נאָך אַרויסזיפּצן פון צער — וויגט ער זיך שוין אונטערן בלעבענעם האָן — — —

ביי דער תּליה שטייט דער לאַגער־עלטסטער מיט עטלעכע ס. ס.־לייט. דער בחור איז שוין טויט. דער לעצטער חשבון מיט אים איז אָבער נאָך נישט געמאַכט. דער לאַגער־עלטסטער כריפּעט הייזעריק:

— דאָס האָסטו באַקומען, ווייל דו ביסט אַ פאַרפלוכטער יודע... איצט וועט מען דיך באַשטראָפן פאַרן וועלן אַנטלויפן... און אַכט טויזנט פּאָר אויגן זעען־צו ווי מ'שמייסט אַ הענגענדיקן אויף דער תּליה — — —

איינצל־פאַלן פון אַזויפיל... אַזויפיל... ווער קען זיי אָבער אַלע דערציילן און פאַרשרייבן?...

שפּעטער האָבן די בלאָקן זיך צוריק פאָרמירט און דער אַפּעל האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי...

## III

ווען דאָס איבערצייל׳ן און צוזאַמענרעכענען איז געווען פאַרענדיקט, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסלייענען די פאַרשריבענע אין פאַרלויף פון טאָג.

אינמיטן פּלאַץ איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסער ביוראָ־טיש און אַ שטול. די מענטשן זענען אַרויסגערופן געוואָרן לויט דעם פאַר־שריבענעם סדר און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע משפּטים... יעדער איז „אויסגעפאָרשט״ געוואָרן בנוגע פאַרשידענע פּרטים, אין שייכות מיט זיין חטא. די ס. ס. און לאַגער־עלטסטע האָבן דאָ געהאַט די בעסטע געלעגנהייט זיך צו אַמוזירן איבער די קרבנות. מ׳האָט די דערקלערונגען פאַרשריבן און פּראָטאָקאָלירט אַזוי ווי אין אַ געריכטס־זאַל. די גאַנצע צייט פון די משפּטים האָבן אַלע געמוזט שטיין אויף די פיס און אין דער ריי... ס׳רוב פלעגן פאַרמשפּט ווערן אויף 25 שמייץ. אַלע האָבן דאַן געמוזט צוזען ווי די קאַפּאָס, לאַגער־עלטסטער און בלאָק־עלטסטער שמייסן. נישט דאָ איז דאָס אָרט איבערצוגעבן די שמיים־סצענעס און וועגן די געשרייען פון די קרבנות, וואָס כ׳האָב טעגלעך געמוזט אַראָפּשלינגען. דער עיקר איז דער פאַקט פון די „משפּטים״ אין מאַידאַנעק. אַ קלענערע שטראָף איז געווען דאָס פּסקענען אַ וואָך צייט צו שטיין, פון נאָך דעם אַפּעל ביזן שלאָפן גיין, אומבאַוועגלעך אין מיטן פּלאַץ... ס׳זענען שוין געווען די וואָס האָבן אַזעלכן אָבסערווירט און ביים מינדסטן ריר האָט ער געהאַט אַ נייעם משפּט פאַר דעם נייעם חטא...

אויך די בלאָק־עלטסטע האָבן געהאַט זייערע פּסקים. איינמאָל גע־דענק איך אַ פאַל, ווען מ׳האָט אַרויסגערופן אַלע עלטסטע און מיט זיי געמאַכט שטראָף־איבונגען. שפּעטער האָבן די יידישע געמוזט אַריינקריכן מיטן אָנטועכץ אין דעם גרויסן, שמוציקן וואַסער־באַסיין און זיך דאָרט אונטערטובלען אָנצאָליקע מאָל... אַרויסקריכנדיק פון דאָרט האָלב־פאַר־שטייפטע. יעדעס מאָל האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז אין קורצן וועט מען ענדערן דעם רעזשים. ס׳איז אָבער אַלעמאָל נאָך ערגער

געוואָרן. מענטשן זענען געפאַלן און עס האָבן זיך געמערט די פאַלן פון זעלבסטמאָרד.

פאַרנאַכט איז פאָרגעקומען דאָס אויסטיילן פון עסן. אין די לעצטע וואָכן פון מיין זיין אין מאַידאַנעק. האָט זיך דאָס עסן געבעסערט. די זופּן זענען בעסער געשמאַלצן געוואָרן און דאָס האָט פאַרשטאַרקט די האָפענונג. אין אַ פאַרנאַכט, ווען מ'האָט באַקומען דאָס שטיקל ברויט, אַ ביסל זופּ, מאַרגאַרין און איבערגעבאַפּט דאָס האַרץ — האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע פאַרשוואונדענע כּוחות זענען צוריקגעקומען... און אַז מ'וויל, קען מען שוין געפינען פאַרשידענע אַנדערע באַווייזן. דאָס שלאָגן אויף די שטעלן האָט זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט אויף אַ טאָג. דאַן האָט מען שוין געקענט פריי צעלאָזן די פאַנטאַזיע: ס'ווערט אַנדערש! ביז ס'איז ווידער געקומען אַ טאָג און מ'האָט ווידער געמוזט אַהיימטראָגן די געהרגעטע פון פּלאַץ... האָט מען ווידער דערשפּירט, אַז עס ענדערט זיך גאָרנישט. אַזוי האָט די שטימונג יעדן טאָג זיך געביטן. איין זאַך בלויז: פון די באַראַקן זענען אַלץ מער און מער מענטשן פאַרשוואונדן... אין מיין בלאָק זענען ביי מיין אָנקומען געווען 550 מאַן. דאָס ענגשאַפט איז געווען גרויס. דער טומל אין באַראַק האָט נאָך מער מיד געמאַכט און דערשלאָגן. נאָך די ערשטע 4 וואָכן זענען געבליבן 240... איז שטילער געוואָרן אין באַראַק... און דאָס שלאָפן איז געוואָרן גרויסער... יעדער איינער האָט זיך געקענט ביינאַכט נעמען נאָך אַ דעק פון אַ צווייט, ליידיק־געבליבן בעטל און זיך בעסער אויסוואַרעמען...

דאָס ליידיקייט האָט אָבער גענומען שרעקן. דער בלאָק־עלטסטער אַליין איז עפּעס טרויעריקער געוואָרן און ווייניקער געזידלט און געשלאָגן... און ווען דער פאַרנאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, האָט מען געקוקט אויף די ליידיקע בעטלעך און שטיל זיך געסודעט.

די אַרבעט ביי דער פּאָלסטעפאַן האָט זיך גענומען אַרויסענדיקן. מ'האָט די מענטשן געטריבן אויף דער אַרבעט ביי זינלאָזע אַרבעטן, אַבי זיי זאָלן זיין באַשעפטיקט. דערפאַר האָבן די ס.ס. דערלויבט אַרויסצוגיין קלענערע גוט־געהיטענע גרופּן אויף אַרבעט אין שטאָט אַריין. זיי האָבן באַקומען טאָפּלטע זופּן און פאַרנאַכט זענען זיי געקומען מיט פריי־

לעבערע פנימער, האבנדיק פארשטעקט אונטערן העמד א שטיקל ברויט...

אין פעלד זענען געבליבן ווינציקער ווי די העלפט מענטשן. איז גע־וואָרן רואיקער אויפן פלאץ. די וואָס האָבן שוין באוויזן אדורכצולעבן ביז איצט, האָבן שוין געפונען א מיטל, ווי אזוי זיך צוצוגעפינען עפעס צום עסן. געווען אזעלכע וואָס האָבן זיך צוגעשלאָגן צו דער קיך און געקאָנט אוועקכאַפּן אמאָל א קארטאָפל, אנדערע האָבן זיך באוויזן ארייַנצובאקומען אויף ארבעט אין קיך. די רעשט האָבן זיך באמיט צו באקומען עפעס פון אנדערע פעלדער, אזוי אז מען האָט שוין געקומען פילן א געוויסע „איינ־געאָרדנטקייט", פארגעסנדיק אז עס עקזיסטירט וו אַן אנדערע, פרייע וועלט. די גאנצע אָרדענונג אין לאגער איז אָבער געווען אזעלכע, אז מ'האָט דערזען אין דער לופט די ראדיקאלע ענדערונג וואָס קומט אָן...

## IV

ביי אונדז אויפן פעלד איז געווען די לאגער-קיך. דאָס עסן איז גאָכן קאָכן אָנגעגאָסן געוואָרן אין ריזיקע אייזערנע קעסלען און ארויפ־געשטעלט געוואָרן אויף גרויסע לאסט־וועגענער, וועלכע האָבן ארויפ־גענומען פון 60 ביז 100 אזעלכע קעסלען. עס איז געווען א ספּעציעלע „קיך־קאָלאָנע" וואָס האָט צעפירט דאָס עסן אין אלע פעלדער. זיי האָבן זיך איינגעשפּאנט אין די וועגענער, געגנוי ווי פערד און אזוי געשלעפּט דאָס עסן לאנגע קילאָמעטערס דורך אלע בלאָטיקע זומפּן. זיי האָבן געציילט ביי א 700 מאן און געהאט מער צו עסן — דערפאר זענען זיי ביי דער ארבעט א סך אָנגעטריבן און געשמיסן געוואָרן.

א צווייטע גרופּע האָט געארבעט אין קיך גופא, ביים קארטאָפל שיילן. די פּארטיע האָט געציילט ביי א צוויי טויזנט מאן. זייער ארבעט איז געווען די בעסטע. זיי זענען געזעסן אויף אַן אָרט, אינעם קעלער און זיך רואיק געטאָן זייער ארבעט. אהין זיך ארייַנצובאקומען האָט מען באדארפט גרויס פּראָטעקציע. ס'האָבן דאָרט געארבעט א גרויסע צאָל פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן געהאט, ווער עס זאָל זיך פאר זיי באמיען. און ס'איז כאראקטעריסטיש: מיט דעם לעצטן ווארשע־

ווער שטראָם האָט מען פון טרעבלינקע געבראַכט אַ געוויסע צאָל רבנים, רביים און אָרטאָדאָקסישע יידן. האָבן גראָד די באַנדיטישסטע, אַסימי־לירטע בלאָק־עלטסטע זיך געמיט, און אַלע זענען זיי אוועק צום קאַרטאָפל שיילן. דאָס האָבן זיי זיך געוואָלט מיט עפּעס איינקויפן ביים אייגענעם געוויסן אָדער ביי דעם יידישן גאָט, וואָס קען אַמאָל עקזיסטירן און צו־זען אַלץ וואָס קומט פאָר אפילו אין מאַידאַנעק... אַ שטיקל צייט האָט דאָרט געאַרבעט ד״ר יצחק שיפּער, דער מינסקער רבי און אַנדערע יידישע כלל־טוער און ליטעראַטן (איך גיב דאָ נישט אָן קיין נעמען, וועלכע כ׳האָב דאַן נישט געקענט פעסטשטעלן אויף קלאָר). ביי יעדן טראַנס־פּאָרט, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין לעבעדיקן לאַגער אריין, האָבן די יידישע בלאָק־עלטסטע זיך אוועקגעשטעלט און גענומען אויספרעגן:

— איז דאָ צווישן אייך אַ סלאָוואַקישער ייד? (די סלאָוואַקן זענען געווען „ביי דער מאַכט״ אין אַלע ביוראָס און פאַר זייערס אַ לאַנדסמאַן האָבן זיי שוין געפונען לייכטערע אַרבעט.) אַ טשעכישער, אָדער אַ... רב?...

ווער עס האָט זיך אַרויסגערוקט, איז אויסגעפּאַרשט געוואָרן, אויב עס שטימט מיט דער ווירקלעכקייט, און די גרעסטע טייל איז געשיקט געוואָרן צו די קאַרטאָפל. אין אונדזער גרופּע האָט זיך געפונען איין מענטש, וואָס איז אַרויסגעטרעטן. אויפן פּלאַץ זענען גראָד געשטאַנען די סלאָוואַקישע לאַגער־שרייבער. ווען דער בלאָק־עלטסטער האָט אַ פרעג געטאָן דעם גרויליכן מענטש, וואָס פאַר אַ בירגער ער איז, האָט ער קורץ געענטפערט:

— טשעכאָסלאָוואַק.

איין לאַגער־שרייבער האָט זיך גראָד דערנענטערט און זיך איינגע־קוקט אין דעם נידעריקן, עלטערן מענטש. ער איז פּלוצים איבערראַשט צוגעפאַלן צו יענעם און אים אַרומגעכאַפּט. באַלד זענען צוגעקומען אַנ־דערע און יעדער איינער באַזונדער האָט דעם מענטש אַרומגענומען מיט גרויס דרך־ארץ. דאָס איז געווען דער באַרימטער טשעכיש־יידישער מיל־יאָנער ש ט ר א א ו ס. ער האָט באַלד באַקומען אַ פּאָסטן אַלס אַ קיך־

אויפזעער. ער פלעגט זיך איינשטעלן און ביינאכט ארויסטראגן פון צייט צו צייט אביסל עסן פאר זיינע פריערדיקע לאגער־חברים.

די אלע קיך־ארבעטער האבן געוווינט אין באזונדערע באראקן און ווען ס׳פלעגט קומען דער פארנאכט, זענען זיי באלאגערט געווארן פון הונדערטער מענטשן, וועלכע האבן ביי זיי גענומען דאס געשיר אויסצו־קראצן און דערביי נישט איינמאל טרעפן א לעפל זופ.

א באזונדער גרופע איז געווען די „שייסע־קאמאנדא". זיי האבן גע־ארבעט ביים אויסרייניקן די פרעוועטן. פון זיי האט שרעקלעך געשטונ־קען, ווייל זיי האבן 12 שעה טעגלעך געארבעט ביים אנגיסן די צואה אין די פעסער און עס צעגיסן איבער די ארומיקע פעלדער. דאס איז אבער אויך געווען איינער פון די גליקלעכסטע ארבעטס־פלעצער, ווייל מען האט זיי ווייניקער געשלאגן און פון צייט צו צייט האבן זיי באקומען צוגאב־ברויט. אויך דא האט מען באדארפט האבן גרויס פראטעקציע זיך אריינ־צובאקומען. די אלע גרופן האבן געהאט גיכערע שאנסן איבערצוהאלטן.

צווישן איין באראק און צווייטן זענען געווען פארפלאנצט קארטאפל. די פארזייטע שטחים זענען געווען ארומגעצוימט מיט דראטן און ביים אריבערבאקומען זיך אהין האט מען געקענט דערשאסן ווערן פון דער טורעם־וואך. נישט איינמאל איז אבער וועמען געלונגען זיך אריבערצו־שלייכן און אויסרייסן א פאר קליינע יונגע קארטאפעלעך. עטלעכע מאל האט עס באוויזן מיין חבר, מענדל. מיר האבן דאן ביינאכט אויפן גע־לעגער זיי רויערהייט שטיל אויפגעגעסן.

פארנאכט פלעגט יעדער באראק שיקן עטלעכע מענטשן ברענגען דאס עסן פון קיך. די מענטשן זענען געבליבן שטיין אינדרויסן אדער אין קארידאר און געווארט ביז מען וועט ארויסברענגען די פולע קעסלען. דער ריח האט דערווייל געקיצלט אין דער נאז, געצויגן און משוגע גע־מאכט. האט נישט איינער דערביי פארלוירן דאס גלייכגעוויכט און זיך ארייננגעשלייכט טיפער... אזעלכער איז אמאל ארויסגעקומען א גליקלע־כער, ארומלעקנדיק צום ווינפלטן מאל די ליפן... אדער — אינגאנצן נישט ארויסגעקומען — — —

דאס ערגסטע איז געווען, ווען מ׳האט געקאכט קארטאפל מיט דער

שאַלעכץ. זעלטן ווער פון די עסן־טרעגער האָט זיך געקענט איינהאַלטן און נישט פארזוכן אראָפּצוגנבענען א קארטאָפל אויפן וועג. אויגן האָבן אָבער געהיט פון אלע זייטן און דאָס פלעגט זיך ענדיקן מיט שווערער פּיין...

אָבער קיין זאַך האָט נישט געקענט אָפּשרעקן אין אַנבליק פון דער מינדסטער מעגלעכקייט צו באַקומען אַן איבעריקן ביסן. דאָס הפקר זיין און די שמיץ זענען געוואָרן די נאטירלעכע אלטעגלעכקייט.

## V

אין לאגער האָט זיך געפונען א קלענערע צאָל יונגע ייִנגלעך, צווישן 12 און 15 יאָר. די גרעסטע מערהייט — יידישע. זיי זענען אויסגעקליבן געוואָרן פון די צענדליקער טויזנטער כיי דער גאז־קאמער און איבערגע־לאָזט אין לאגער. דאָס זענען געווען ביילד־שיינע קינדער. זיי האָבן נישט געארבעט שווער. זיי זענען באַנוצט געוואָרן אלס שיק־ייִנגלעך ביי דער קאָמענדאַנטור. מען האָט זיי גערופן „די לאַגער־לויפער", ווייל יעדע וויכטיקע מעלדונג האָבן זיי צעטראָגן איבערן לאגער ארומלויפנדיק מיט א געשריי פון איין עק פעלד צום צווייטן:

— דער בלאָק־עלטסטער פון 7טן בלאָק זאָפאָרט צום לאגער־ עלט־סטן!

— דער העפטלינג נומער 18765 — תיכף צום ערשטן טויער!

זיי האָבן אָנגעזאָגט דער שטובנדינסט, ווען מ'דארף גיין נאָך ברויט און ווען מ'דארף צומאָרגנס אויפוועקן.

זיי זענען געווען די שטיוול־פּוצער ביי די לאַגער־עלטסטע און חשו־בע העפטלינגען. די עלטסטע און פונקציאָנארן זענען געווען בלויז אלטע ארעסטאנטן, וואָס זענען שוין לאנגע יאָרן געווען אָפּגעריסן פון דעם לעבן אין א נאָרמאַלער וועלט און ס'איז דערפאַר דאָס זעלבסט־פארשטענד־לעכסטע, צו וואָס זיי האָבן די ייִנגלעך באַנוצט... דאָס איז א קאַפּיטל, וועגן וועלכן ס'איז מיר אמשווערסטן און אמווייטיקסטן צו שרייבן... דאָס איז אָבער געווען די ווירקלעכקייט — נישט בלויז אין מאַידאַנעק... די דאָזיקע קינדער האָבן אין לאגער געהאַט אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט

און אַלע האָבן פאַר זיי געציטערט. אַ „לויפער" האָט געוואָלט נאָכמאַכן די גרויסע מיט אַלעמען. פּונקט ווי זיין קאַפּאָ האָט געשלאָגן, האָט ער עס אויך געמאַכט, נאָר מיט קינדישער טעמפּקייט וואָס פאַרשטייט גאָר־נישט.

די לאַגער־פאַרוואַלטונג האָט דאָס אויסגענוצט און ביי פאַרשידענע קלענערע אַרבעטן אָנגעשטעלט קינדער פאַר אויפזעער. איינמאָל ווען איך האָב געשלעפּט מיט אַ גרופּע אַ שווערן וואָגן, האָט איבער אונדז אויפּ־געזען אַ יינגל פון אַ יאָר 13. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ ריזיקן שטעקן און נאָכגעמאַכט דאָס שלאָגן פון די גרויסע. ער האָט געריסן לע־בעדיקע שטיקער און הנאה געהאַט, וואָס אַזעלכע גרויסע און דערוואַק־סענע ציטערן פאַר זיין בליק. ער האָט אַלעמאָל אַרויסגערופן אַ צווייטן פון דער ריי, געבנדיק אומאויסגערעכנטע קלעפּ וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן איבער אַלע אבֿרים... וועלכער דייטש ס'איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער צו־גערופן פרעגן, אויב ער שלאָגט ווי עס געהער צו זיין. ער האָט דערביי אויסגעהערט ווי אַ הינטל אַלע אָנווייזונגען און זיך שפּעטער באַמיט אַלע אויסצופירן ביז אַ האָר... אויף אַזעלכע האָט מען אפילו נישט געקענט בייז זיין. טאַקע דערפאַר איז דער צער נאָך גרעסער געווען, ווייל ס'איז נישט געווען דער ברענענדיקער נקמה־לעבן וואָס זאָל אַ שטיק האַרץ פאַרפולן. און די ס.ס. האָט דאָ בלויז געשפּילט אַ זייטיקע ראָל מיטן אויסדרעסירן אַזעלכע קליינע שלעגערלעך, און ס'איז נישט געווען אין וועמען אָנצוהענגען דעם דירעקטן צאָרן.

עס פלעגט טרעפן, ווען אַ קאַפּאָ האָט געשמיסן, אַז דער קרבן האָט דערביי געשריגן, זיך געבעטן ביי אים, אַפּעלירט צו זיין געוויסן... שוין דאָס רעדן אַליין איז געקומען פון אַ קליינעם ניצוץ האָפענונג. ווען מ'האָט זיך געבעטן — האָט זיכער נאָך עפּעס אין דיר געגלויבט, אַז באַלד וועלן דיינע רייד ווירקן, אַז אָט־אָט הערן אויף די קלעפּ... האָט דאָס אַליין אפשר, נישט געשפּירטערהייט, אויף אַ האָר פאַרלייכטערט דעם ווייטיק. ווען אָבער דו האָסט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען איבער דיר אַ קינ־דיש־טעמפּ פּנימל — ביסטו באַלד פאַרשטומט געוואָרן און אויסגע־טראָגן די פּיין אָן אַ ברעקל אויסגעשריי, וואָס זאָל דיר פאַרזיסן די ווי־

טיק מיט אַ שאָטן פון אַ קאָמפּלירטער אילוזיע — — — — — — — — —

דער לאַגער־עלטסטער פון דריטן פעלד — האָט געהאַט אַ „פּופּיל״ (אַזוי האָט מען גערופן די פּראָטעזשירטע יינגלעך אויף דער לאַגער־שפּראַך אומעטום), וועלכן מ׳האָט צוגעשריבן 12 יאָר. דאָס איז געווען אַ שוואַרצלעך, הויכגעוואוקסיק יינגעלע אין שוואַרצע סאַמעטענע הייזלעך. ער איז געקומען אין לאַגער צוזאַמען מיט די עלטערן. ביי דער גאַז־קאַמער איז וועמען פון די הויכע אָפיצירן איינגעפאַלן אַן אָריגינעל שפּיל: ער האָט אָוועקגערופן דאָס יינגעלע אין אַ זייט און אים גענומען גלעטן איבערן פּנימל:

— דו ווילסט ווערן קאַפּאָ אין לאַגער? דו וועסט טראָגן שיינע הויזן, עסן שאָקאָלאַד און האָבן צו באַפעלן איבער וועמען דו ווילסט?...

דאָס יינגעלע איז צום ערשט צעטומלט געוואָרן, אָבער די עלטערן, וואָס האָבן געמיינט, אַז דאָס קינד האָט נושא־חן געווען אין אָפיצירס אויגן, האָבן פונדערווייטנס אים צוגעווינקען, ער זאָל מאַכן אַ פריילעך פּנימל און באַשטיין אויף אַלץ. (זיי האָבן זיך אפשר אָריענטירט עפּעס פון דערווייטנס.) די עלטערן פון דעם קינד האָט מען אָוועקגענומען באַזונדער און אַלע האָבן זיי מקנא געווען, גלויבנדיק אַז זיי ווערן געראַטעוועט אין זכות פון קינד. דאָ איז אָבער געשען עפּעס, וואָס שטייגט איבער אַלץ, וואָס די מענטשלעכע גרויל־פאַנטאַזיע איז פעאיק אויסצוקלערן:

דאָס יינגעלע איז גענומען געוואָרן אין דריטן פעלד. מען האָט אים געמאַכט פאַר אָ פּ י צ י ע ל ן ק אַ פּ אָ. דער פאָטער איז אויך גע־בראַכט געוואָרן אויפן זעלבן פעלד און די מוטער איז אריבער געפירט געוואָרן אינעם פרויען־פעלד. אויפן דריטן טאָג האָט מען זי געבראַכט אויפן דריטן פעלד זען דאָס קינד און זיך אָנפרייען מיט אים. אין זעלבן פאַרנאַכט, ווען די גרופּן האָבן זיך אויסגעשטעלט צום אַפּעל — האָט מען זיי צעטריבן און זיי אויסגעשטעלט אין אַ גרויסן דרייעק ארום דער תליה... די עלטערן פון קינד זענען ארויסגעפירט געוואָרן און אוועקגע־שטעלט געוואָרן ביים בלעבענעם האָן... דאַן האָט מען ארויסגערופן דאָס יינגל, אים באַפוילן, ער זאָל פאַרלייגן איבער זיי די שטריק און פאַר־ציען — — —

די מענטשן, וואָס האָבן דאָס בייגעוווינט, האָבן שוין אַלץ געזען אין לעבן. אָבער ווען זיי האָבן מיר דאָס דערציילט, האָבן מיר, די געהאַר־טעוועטע און פאַרגליווערטע, זיך געביסן ביז בלוט די ליפּן!... גראָד ביים שרייבן דעם עפּיזאָד וויל איך זיין טרוקן. איך פיל ווי א לעסטערונג פאַרן מיין מענטש, אויב כ'וועל ד אַ צולאָזן אַ האָר פון ליטעראַרישער שילדערונג... וויל איך בלויז רעדן לאָזן מיין חברס דערציילונג, וואָס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון, ווי אַזוי ער האָט עס צוגעזען:

„...מיר זענען אַלע געשטאַנען מיט פאַרהאַקטע אָטעמס: אַזאַ בילד האָט קיינער פון אונדז נאָך נישט געזען. מיר האָבן נישט געגלויבט די אייגענע אויערן, געמיינט אַז דאָ קומט בלויז פּאָר א גרוילּיקער שפּאַס. די עלטערן זענען געשטאַנען אויפן טישל, מיט די פּלייצעס אָנגעלענט אין דער תליה און טרויעריק געשמייכלט... דאָס האָבן זיי אַליין זיכער גע־גלויבט, אַז דער שעף פון לאַגער שפּאַסט בלויז... דאָס ייִנגעלע איז גע־שטאַנען א דערשראָקענער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דער לאַגער־שעף פון דער ס.ס. האָט פאַר אים געהאַלטן א הויכע דרשה:

— דו ביסט נאָך א יונג קינד. מיר ווילן, דיר זאָל גוט זיין. אַלס ייִד מוזטו פאַרברענט ווערן אויפן פייער גלייך ווי אַלע ייִדן. איך וויל אָבער, דו זאָלסט לעבן. דו ווערסט דערפאַר אונדזער קינד, א דייטש גלייך ווי אַלע דייטשן. די דאָזיקע, וואָס שטייען דאָ אקעגן דיר, געהערן זיך דער־פאַר מיט דיר גאָרנישט אָן. דו ביסט ווי איינער פון אונדז און זיי זענען — י י ד ן ...דו ביסט א קאַפּאָ — און ווי אַלע קאַפּאָס וועסטו זיך נישט אָפּזאָגן אויפצוהענגען צוויי שמוציקע ייִדן.. א יאָ? נו, איצט באַ־ווייז עס פאַר אַלעמען, צייג מאָל, אַז דו ביסט נישט מער קיין ייִד...

...ביים ייִנגל האָבן די הענטלעך קוים-קוים געציטערט, ווען ער האָט פאַרלייגט דעם שטריק איבער די העלדזער. דער פאָטער איז געשטאַנען בלייך און שטייף; די מוטער האָט שטיל געיאָמערט... און אַפילו ביים לעצטן צאַפּל פון דערשטיקט ווערן האָט זי נאָך אַלץ עפּעס ווי — אוועק־געשאַרט מיט די אָפּגעטויטע הענט. דאָס האָט זי זיכער געוואָלט פאַר־טרייבן פון זיך דעם גרויליקן באַוווסטזיין... — — —

...ווען דאָס ייִנגל איז אַראָפּ פון דער לייטער, האָבן אים אַלע ס.ס.־

לייט געגלעט די בעקלעך מיט ליבשאפט. ער איז אוועקגעפירט געוואָרן אינעם באַזונדערן באַראַק פון די „העבערע" לאַגער-פונקציאָנאַרן און דאָרט שוין געבליבן וווינען..."

וואָס זשע בלייבט מיר נאָך צו דערציילן פון מאַידאַנעק?

## VI

ווען איך בין געקומען אין מאַידאַנעק, איז דאָס ייִנגעלע שוין געווען פון די הויפּט-באַפעלער אויפן פעלד. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דעם פעלד מיט אַ גרויסן דראָנג און אַלעמען געשלאָגן, געשפּאָלטן קעפּ.. דער אַרעאַל פון אַן עלטערן-מערדער האָט געשוועבט אויף אים און דערמיט האָט ער אָנגעוואָרפן נאָך מער פּחד. ער האָט אויסגעזען עלטער פון די אָפיציעלע יאָרן זיינע. איך וואָלט אים געשאַצט אויף אַ יאָר 15‑16. ער פלעגט אַריינפאַלן אויף אינספּעקציעס אין די באַראַקן, בייזיין ביי די גאַנץ-טעגיקע שטראָף-איבונגען און מיטהעלפן ביי די סעלעקציעס... איך ווייס נישט, אויב ביי אַזאַ ייִנגל איז שוין רייף דאָס געפיל פאַר חרטה. איך בין אָבער זיכער, אַז אונטער זיינע אייגענע געפילן איז געלעגן דער טריב זיך אָנצוזען מיט וואָס-מער פּיין פון אַנדערע און דערמיט זיך אַליין וועלן איבערצייגן, אַז יעדער קרבן קען נישט טייער זיין, אַפילו אַזאַ טאַט ווי ער איז באַגאַנגען, אַבי אויסצומיידן אָט דאָס אַלץ... איך מוז אָבער מודה זיין, אַז נאָך דעם אַלעמען וואָס איך האָב צוגעזען און צוגעהערט, האָב איך טראָץ מיין שטאַרקער מענטשן-דערקענטעניש רעזיגנירט פון דערשלאָגן זיך ביז דעם סאַמע גרונט פון דער מענטשלעכער נשמה. עס זענען אַלץ בלויז דערקלער-פּרוון, וואָס אַ צווייטער, אַ פרישער און נישט איבערלאַסטעטער וועט מוזן אַנאַליזירן און פאַרטיפן.

... און דאָך זענען נישט אַלע ייִנגלעך פאַרדאָרבן געוואָרן. געווען אַזעלכע ייִנגלעך, פון 11‑12 יאָר, וואָס האָבן געהאַט אין לאַגער אַ פאָ־טער אָדער אַ ברודער. זיי האָבן ווי איבערגעעלטערטע, רייפע מענטשן אויסגעפונען אַלערליי מיטלען צו דערלאַנגען זייערע נאָנטע די מענלעכס־טע הילף. איך אַליין האָב געקענט אַ פאָטער, וואָס האָט נאָך פיר וואַכן

זיין אין לאגער זיך דערוווסט, אז זיין קינד לעבט און איז א „לויפער" אויף אן אנדער פעלד. געפינט שוין א פאטער מיטלען, ווי אזוי זיך צו פאר־שטענדיקן. געדענק איך ווי אזוי דער קליינטשיקער האט זיך קונציק ארייננבאקומען צו אונדז אין פעלד. ס'איז געווען פארנאכט. אין באראק זענען א סך מענטשן געלעגן און מיד זיך געטוליעט צום פוס־באדן. די ארומיקע טונקלקייט האט אוממעגלעך געמאכט אונטערצושיידן קלאר פון איין ליגנדיקן שאטן ביז צום צווייטן. פלוצים באווייזט זיך א לויפערל ביי דער טיר... טייל שפרינגען אויף מיט אינסטינקטיווער שרעק, אנדערע קוקן אויף אים שטום־פרעגנדיק. דער קליינער קוקט זיך איין אין יעדן פנים באזונדער... ענדלעך פאלט ער ארויף אויף איינעם, וואס ליגט פאר־טראכט אין ווינקל: ט א ט ע ! ט א ט ע ! ! ! יענער ציטערט אויף... ער צעוויינט זיך ווי א קינד. אבער דער קליינער בלייבט ערנסט. ער גלעט מיט מיטלייד דעם פאטערס געשווירענעם קאפ ווי א גרויסער און בעט זיך ביי אים: וויין נישט, טאטע... וויין נישט... אזוי ווי די נאטירלעכע געזעצן פון פאטער און קינד וואלטן זיך דא געביטן מיט די מלבושים... דער קליינער נעמט עפעס ארויס פון אונטער דער פאלע. עס גיט א לויכט אויף א שטיק ברויט, וורשט... ביים קינד ווערט טרויעריק־ווייך די שטים: ביסט הונגעריק, וואס? דער פאטער גלעט פארשעמט דאס ברויט מיטן אויג. זיינע פינגער בלאנקען צייגלאז איבערן קליינעם פנימל... דאס קינד שיט דערווייל שנעל אויס אלע ווערטער, וואס ער האט די גאנצע צייט אין זיך אנגעזאמלט:

— כ'וועל דיר ברענגען יעדן טאג... וועסט זען ...כ'וועל רעדן מיטן אויבערשארפירער וועגן דיר... זאג מיר: מ'שלאגט דיך?... דערצייל מיר, ווער? . . .

ערשט אין דער לעצטער מינוט פארן צושליסן דעם באראק איז דאס קינד אוועק. כמעט יעדן טאג איז ער אבער געקומען און עפעס מיטגע־בראכט. און שטענדיק געערדעט צום פאטער ווי מ'באוואיקט א קליין, שוואך קינד...

גענוען א סך לויפער, וואס האבן נישט געוואלט, אז מ'זאל וויסן אז

זיי האָבן וועמען אין לאַגער — האָבן זיי עס געמאַכט קונציק, קיינער זאָל נישט באַמערקן... אָבער א טאַטע פון א לויפער האָט שטענדיק גע-האַט לייכטער. ס׳רוב האָט די לייטונג באַזאָרגט פריער אָדער שפּעטער מיט לייכטערע אַרבעט.

אַזוי אַרום איז עס מעגלעך געווען, אַז א גרויסע צאָל יידן פון אונד-זער פעלד (ביי א 4-5 טויזנט) זאָלן קענען איבערהאַלטן אַזעלכע שווערע וואָכן אין מאַידאַנעק און אַנדערע זאָלן נאָך קענען לעבן ביז דער פול-שטענדיקער אויסראָטונג פון די יידן אין מאַידאַנעק. אָבער וועגן דעם — ווייטער.

# קאַפּיטל צוועלף

## I

וואָס אין מאַידאַנעק האָט מען געטאָן מיט די מענטשן — דאָס דאַרף איך שוין היינט נישט דערציילן. דאָס וואָס איך וויל יאָ אונטערשטרייכן איז דער מאָדנער פאַל: איך בין געווען זיבן וואָכן אין מאַידאַנעק און כמעט קיינמאָל נישט געזען ברענגען קיין טראַנספּאָרטן... איך האָב געזען אַזויפיל מענטשן אויסרינען פון לאַגער, געוווּסט אַז זיי ווערן געזאַמלט אין „ניינצנטל" און אַז פון דאָרט ווערן זיי אַוועקגעשיקט אין קרעמאַטאָריום — קיינמאָל אָבער האָב איך זיי נישט געזען אַוועקפירן... אויסער געציילטע מאָל, פון ווי־ווייט און דורך אַ שמאָלן באַראַק־שפּאַלט. אויסער די וואָס האָבן געאַרבעט ביי דער גאַז־קאַמער, באָד און קרעמאַטאָריום האָט קיינער אויף קלאָר נישט געקענט פעסטשטעלן אויף זיכער, פון אייגענעם זען, וואָס מיט די מענטשן איז געשען; אויסער די וואָס ער האָט געזען פאַרפייניקן מיט אייגענע אויגן... און די האָט יעדער בלויז געקענט אָפּציילן אין ט ו י ז נ ט ע ר ...מ י ל י אָ נ ע ן זענען פאַרשוווּנדן שטיל און פון קיינעם נישט באַמערקט...

בלויז איינמאָל האָב איך צוגעזען פון דער נאָנט דעם אָנקום פון אַ גרויסן טראַנספּאָרט און גראָד — נישט קיין יידישן...

ס'איז געווען די לעצטע וואָך פון מיין זיין אין מאַידאַנעק. אין דער־

לופט האָט מען שוין געשפּירט דעם אָנקומענדיקן שטורעם. ס׳איז געווען יוני 1943. די רוסן האָבן אָנגעהויבן א גרויסע אָפענסיווע און קלײנע ידיעות־ברעקלעך האָבן זיך אויך צו אונדז אריינגעריסן. פון דער צווייטער זייט האָבן מיר געהערט וועגן שטאַרקע מיליטערישע אָפּעראַציעס ביי די איטאַליענישע אינדזלעך. קיין גענויע ידיעות האָבן מיר נישט געהאט — האָבן מיר געפּרוווט אָראָפּלייענען פון די דייטשע זעלנער־פּנימער אראָפּ... עפּעס זענען זיי ארומגעגאנגען מיט פאַרצויגטע פּנימער און גע־רייצט געשלאָגן. אין דעם שלאָגן האָבן מ י ר אָבער איצט געשפּירט א נקמה־געפיל... איצט האָט מען געשפּירט, אז עס לוינט זיך צו לעבן נאָך א טאָג, בכדי אויפצוכאַפּן נאָך א נייעם־ברעקל פון א דייטשער מפּלה און כאָטש אויף א פּאַסיוון אופן נקמה נעמען.

גאַנץ באַזונדערס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אז עס וועלן גע־בראַכט ווערן פרישע טראַנספּאָרטן מענטשן, וועלכע וועלן ארבעטן אויף אונדזער אָרט ביי „פּאָלסטעפּאַן" און מיר וועלן אריבערגעטראָגן ווערן צו א לייכטערער ארבעט. אזוי ווי ס׳האָבן יעדן טאָג סיי־ווי קורסירט קלאַנ־גען, וואָס האָבן איינע די צווייטע איבערגעקרייציקט — האָט דאָס קיין גרויסע האָפענונגען נישט געקענט דערוועקן... דאָך האָט מען געוואַרט דערויף.

איינמאָל אין א פאַרנאַכט איז געקומען א ס.ס.־מאַן און שנעלער געהייסן אוועקלייגן די ארבעט. ס׳איז נאָך געווען א שעה צו „פייער־אָבנד". מיר זענען שנעל אריינגעטרעטן אין די רייען און גענומען אָפּמאַר־שירן צום לאַגער. ווען מיר זענען געקומען ביז צום וועג, וואָס פירט פון לאַגער צום לובלינער שליאַך — האָט זיך אָנגעהויבן דערזען פון ווייטנס א גרויסע, שוואַרצע מענטשנשלאַנג וואָס האָט זיך אויסגעלענגערט און גערוקט זיך אַלץ נענטער צו אונדז...

די ס. ס. האָבן אונדז ווייזט אוים געוואָלט אוועקפירן פריער, מיר זאָלן נישט זען גאָרנישט. ס׳איז אָבער שוין געווען צו־שפּעט. זענען מיר בלויז אָפּגעשטעלט געוואָרן, אויף דעם צווייטן, פאַראַלעלן שטעג, ביי א 10 מעטער ווייט פון הויפּט־וועג, וואָס ציט אין לאַגער אריין. ס׳איז קלאָר געווען, אז מיר וועלן דאָ דאַרפן וואַרטן שעהן, ביז דער גאַנצער עשאַלאָן

וועט פארביי מארשירן; ווען נישט, קענען די קאַלאָנגעס זיך נאָך אוים־מישן...

אין צען מינוט ארום האָט דער לאַנגער מענטשנצוג אָנגעהויבן אַדורכציען אַקעגנאיבער. ווי־ווייט דאָס אויג האָט דערגרייכט, ביז צום באַרג אַרויפצוצו האָט עס געשטראָמט און געשטראָמט... באַלד אין ער־שטן אויגנבליק האָט מען געזען, אז דאָס זענען נישט קיין יידן...

ס'איז געווען אַ מאָדנער געמיש פון מענטשן: יונגע, געזונטע מענער, פּויעריש אָנגעטאָן... מיט גרויסע, שווערע זעק אויף די פּלייצעס. פרויען יונג־פּארמאַטערטע, מיט קינדער אויף די הענט אָדער פּעקלעך עסן און בעטגעוואנט... און אין מיטן — אַלטע, געזעצטע מענער, מיט לאַנגע, גרויע בערד, וואָס האָבן מיטגעשפּרייזט אין דער ריי מיט געמאָסטענע, פארשטויבטע טריט... ס'איז קלאָר געווען, אז די מענטשן האָבן נישט די מינדסטע אנונג, וווהין מ'האָט זיי געבראכט. זיי זענען געגאַנגען שטיל און רואיק און מיט א מאָדנעם גדול־געדולד געלאָזט רינען די גרויסע טראָפּנס שוויים פון שטערן... ביי די, וואָס זענען נאָך געווען גאָר־ווייט, האָט זיך געלאָזט מערקן א מידע שלאַבריקייט אין די טריט; דערפאַר אָבער האָבן די ערשטע, וואָס האָבן שוין באַמערקט די הויכע שטיינערנע בנינים, געגר־מען ווערן רירעוודיקער. זייערע טריט האָבן זיך ממש געריסן פון די שטיי־נער צו די ווייטע, דאַכיקע סילועטן וואָס האָבן פארפירעריש געלאָקט מיט רו־צוזאָגן נאָך אזא לאַנגן וועג...

אין אונדזער ריי האָט יעדער באַזונדער געפּרוווט טרעפן, שטילער־הייט, פונוואַנעט די מענטשן קומען. איינער, א רוס האָט באַלד דערקענט זיין שטאָם און הויך אריבערגעשריגן:

— פון וואַנען קומט איר, זיידעלעך!?...

א טיפע, מיושבדיקע שטימע פון דאַריבער האָט אָפּגעענטפערט:

— פון   ו ו י ט ע ב ס ק !

א צווייטע שטים האָט ווידער אריבערגעוואָרפן א פראַגע:

— שוין לאַנג אין וועג?

א צווייטער שטיק שטראָם האָט צוריקגעענטפערט:

— לאנג שוין... וואכן... און ווייטער אריינגעטיפט זיך אין די איי־גענע טריט...

די זון האט דערוויל חרטה געקריגן אויף דעם, וואס זי באגלייט אט־דעם אומהיימלעכן טראנספארט און מורא געהאט, מ׳זאל זי נישט חושד זיין, אז זי ווייסט, וווהין די מענטשן ווערן געפירט. האט זי זיך זייטיק גענומען אוועקגליטשן, ווי א גנב, איבער דעם אויסגעגלעטן הימל. זי האט ענדלעך געפונען איר וועג, האט א שפריץ געטאן מיט א פאר רויטע ווונדן און ארונטערגעלאזט זיך אונטער א קבר־בארג פון ערד... די מחנה האט נאך אלץ געשטראמט און געשטראמט אין די פארבלויטע ארעמס אריין פון דער מאידאנקער אנהויב נאכט... די קוימענס פון ארום האבן אויס־געזען ווי מעכטיקע ציין פון א גרויס־צעעפנטן חיה־פיסק, וואס זויגט אין זיך אריין א גרויסן מענטשן־שלינג...

אין יענעם אוונט זענען מיר געקומען צוריק שפעט. דער אפעל האט זיך פארצויגן ביז טיף אין דער נאכט אריין. ס׳האט שוין באלד זיך נישט געלוינט צו גיין זיך לייגן שלאפן. נאך ביים אפעל האבן די רוסן נישט געקענט איינשטיין פון אומגעדולד. דאס מאל האבן ז י י געגלויבט אנצוטרעפן אינעם טראנספארט וועמען פון דער משפחה, היימישע, סתם־לאנדסלייט, ביי וועמען מ׳קען זיך דערוויסן עפעס נייעס... ביי אונדז אין באראק האט דער איינציקער רוס, איוואן, א גאנצע נאכט זיך אומגעדול־דיק געדרייט אויף און אפ איבערן באראק.

ערשט בייטאג זענען מיר געוויר געווארן, אז פון דעם טראנספארט איז קיין איינער נישט געבליבן. אפילו זייערע מלבושים האט מען נישט גענומען צום סארטירן, נאר געלאזט זיי שימלען, אינאיינעם מיט די פעק אויף א הויכן הויפן...

### III

נאר ביי די דייטשן האט אזעלכעס געקענט פאסירן:

אויפן דריטן טאג נאכן ברענגען דעם גרויסן טראנספארט פון ווי־טעבסק, זענען מיר, עטלעכע צענדליק מענטשן, גענומען געווארן צו אן

אַרבעט. מיר זענען צוגעפירט געוואָרן צו אַ שפּיטאָל, וווּ מ'האָט אונדז געהייסן וואַרטן. שפּעטער זענען אַרויסגעקומען ס.ס.־לייט אין ווייסע פאַר־טוכער און אונדז אַריינגערופן אינעווייניק אַריין. ס'זענען דאָרט געווען אַ סך רוסישע קריגס־געפאַנגענע, ביי וועמען מ'האָט אַמפּוטירט הענט, פיס און ביי וועמעןביידע... מיר האָבן זיי געמוזט אַרויסטראָגן אויף די אַקסלען אין שנעלן גאַלאָפּ ביז צו די גרויסע וועגענער, וואָס האָבן אויף זיי געוואַרט. זיי זענען געווען אַזוי אויסגעדאַרט, אַז מ'האָט אַפילו נישט געשפּירט די מאַסע וואָס מען טראָגט אויף זיך... זיי האָבן אויסגעזען ווי סקעלעטן. אויף די וועגענער האָט מען זיי אויסגעבעט מיט דעקן, זיי זאָלן האָבן ווייך צו זיצן. ווען מיר האָבן שוין געהאַט אַלע אַרויסגעטראָגן — האָט מען אונדז איינגעשפּאַנט אין די וועגענער און מיר האָבן זיי געמוזט שלעפּן פּאַרזיכטיק, דורך פאַרשידענע אומוועגן — זיי זאָלן זיך חלילה נישט אָנקלאַפּן איינער אין צווייטן. צווישן איינעם און צווייטן האָט מען אַדורכגעלייגט דיקע, וואַטענע קאָלדרעס, אַז איינער זאָל מיט זיינע דאַרע ביינער נישט קוועטשן דעם צווייטן אויפן וועג. מיר האָבן זיי צוגעשלעפּט ביז צום טויער פון ערשטן פעלד.

דאָ האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ ריזיקע, פריש־געמאָלענע שילד; מיט אַ גרויסן רויטן קרייץ און אַן אויפשריפט איבער דער גאַנצער לענג פון טויער:

ל אַ ז אַ ר ע ט ־ ל אַ ג ע ר   פ אַ ר   ק ר י ג ס ־ ג ע פ אַ נ ־ ג ע נ ע !

ס'איז געווען צו דערקענען אַ ניי, ביטערע שפּיל. מיר האָבן זיי גע־מוזט אַריינטראָגן אויף די אַקסל. אויף דער לינקער זייט פון ערשטן פעלד זענען אַלע באַראַקן אויפגערוימט געוואָרן, די פּאָדלאָגעס אויס־געוואַשן און די בעטן באַצויגן מיט ניי, ווייס איבערצוג... עס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין יעדן פיין־איינגעאָרדנטן צימער עטלעכע דאָקטוירים און מיט זאָרגעוודיקייט אָנגעוויזן ווי אַזוי מ'דאַרף אַמצאַרטסטן אוועק־לייגן די קראַנקע... אין עטלעכע טעג אַרום זאָל אויך די צווייטע העלפט אויסגעליידיקט ווערן פון די העפטלינגע און מ'זאָל דאָ פאַרלייגן אַ גרויס שפּיטאָל פאַר אַלע שווער־קראַנקע און אומהיילבאַרע רוסישע קריגס־אינ־

וואלידן... מ׳האט פאר זיי געקאכט ספעציעל גוט עסן און צוגע־זען, עס זאל זיי פארהעלטנישמעסיק גארנישט פעלן... מ׳האט גע־זאגט, אז דאס האבן זיי זיך דערשראקן פאר דער שטארקער אפענסיווע און באשלאסן צו ענדערן די טאקטיק... מ׳האט אין דעם געזען אויך א רמז, אז פאר יידן קען זיך אויך אמאל פארבעסערן...

ווער קען אבער דערגיין אויף קלאר די ממזרישע כוונות פון די, וואס האבן מיט א טאג פריער ערשט פארגאזט א גאנצן טראנספארט געזונטע מענטשן פון זעלבן פאלק — וועמענס פארפאלענע אינוואלידן מען נעמט זיך אזוי פלעגן... אפשר האט מען די שנעל־אויפגעקלאפטע קאמעדיע געדארפט צוליב עפעס א צביעותדיקער קאמיסיע, פון וועלכער מ׳האט נאטירלעך געוווסט פריער... און וועלכע האט אליין מסתמא גע־וואלט, מ׳זאל זי אפנארן... דאס שפיל פון פיין אין די אנדערע לאגער־טיילן האט זיך אלנפאלס אויף א האר נישט געענדערט.

## III

פון דעם פרויען־לאגער האבן זיך גענומען דערטראגן געדעמפטע קלאנגען, אז עפעס קומט דארט פאר: מ׳האט דארט אנגעהויבן אדורכ־פירן אפטערע סעלעקציעס. די פוילישע אויפזעערינס זענען יעדע נאכט ארייננעפאלן און צוזאמען מיט דער פרויען־ס.ס. אדורכגעפירט שטרענגע רעוויזיעס, צונעמענדיק אין געאייל וואס זיי האבן נאר געפונען. גלייך זיי וואלטן מורא געהאט, אז ס׳וועט באלד זיין צו־שפעט... באלד זענען געקו־מען ווייטערע קלאנגען: אין פינפטן פעלד רעגיסטרירט מען די יינגערע און געזונטערע פרויען, זיי ערגעץ־ווו אוועקצושיקן. מ׳באטראכט יעדעס פינטעלע אויפן קערפער און וועלכע פון זיי עס געפעלט נישט, ווערט אפ־געזונדערט אין צוגעשלאסענע באראקן... די פרויען האבן גיכער באוויזן אויסצובאהאלטן עפעס געלט אדער ווערטפולע זאכן — זענען זיי איצט געפייניקט געווארן, זיי זאלן אלץ אפגעבן. יעדן צווייטן טאג האט מען אויפסניי פארשריבן און קיינער האט אויף קלאר נישט געוווסט צו וועלכן צוועק. נישט קענענדיק זיך אריענטירן — האבן זיי אין די

פֿאַרנאַכטן אַריבערגעוואָרפֿן בריוועלעך אָדער זיך איבערגעשריגן מיטן שכנותדיקן פֿערטן פֿעלד, בעטנדיק אַן עצה... אַן אָנווייזונג... אָבער ווער האָט זיי דאָס געקענט געבן? זענען בלויז די שטיקער אומרו אַריבערגע־פֿלויגן פֿון פֿערטן צום דריטן פֿעלד און אַלעמען אָנגעשטעקט מיט דער פֿײַנלעכער דערוואַרטונג...

ווער ס'האָט געקענט, פֿון די פֿרויען, האָט באַגראָבן דאָס אויסגע־היטענע פֿאַרמעגן אין דער ערד ביים באַראַק אָדער אין אַ לאָך פֿון בעט. ביי די מענער איז עס ערגער געווען, ווײַל מ'איז שטרענגער געהיט גע־וואָרן... און אַ סך, וואָס זענען אַרײַנגעקומען נאַקעט, האָבן שוין עפּעס פֿאַרמאָגט. איז זייער אומרו געווען אַ שטאַרקערער...

צום פֿאַרמאָגן עפּעס איז מען געקומען דורך פֿאַרשידענע וועגן. מײַן חבר איצל, למשל, איז געווען אין באָד. דאָרט האָט מען יעדעס מאָל צוגע־נומען דאָס אָנטון און געגעבן פֿרישס. ווען ער האָט נאָך עטלעכע טעג גע־דאַרפֿט זיך צונייען דעם נומער, האָט ער צופֿעליק אַ טאַפּ געטאָן אויף עפּעס האַרטס ביים אַקסל־קישעלע... ס'איז דאָרט געווען אַ גאָלדן קייטל, וואָס אַ ייד האָט באַוואָרנט אַמאָל פֿאַר אַ בייז אויג...

אַ נאָך טײַערער פֿאַרמעגן האָבן געהאַט טייל פֿון די האָלענדישע יידן: קליינע ספֿרי־תורות... פֿון די צענדליקער טויזנטער זענען זיי גע־בליבן קנאַפּע הונדערט. זיי זענען געווען טראַדיציאָנעל און זיך ביי זייערס געהאַלטן עקשנותדיק, אַפֿילו אין מאַידאַנעק.

איך וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן אַ יונגן, בלאָנדן בחור פֿון האָ־לאַנד, וואָס האָט באין־אופֿן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דאָ דאַרף מען גיין מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ... ער האָט פֿון ערגעצוואו באַ־קומען אַ קליין יאַרמולקעלע און עס געטראָגן אויפֿן קאָפּ ווי לאַנג עס האָט זיך געלאָזט. אינמיטן די אָנגעשטרענגטע שטראָף־איבונגען האָט ער זיך צוזעשפּילעט די יאַרמולקע מיט צוויי דינע פֿעדים צו די אויערן. עטלעכע מאָל האָט עס אַ פֿאָראַרבעטער באַמערקט אין מיטן מאַרשירן און ער האָט דערפֿאַר געכאַפּט שטאַרקע קלעפּ. ער האָט עס נאָכדעם אַראָפּ־גענומען אויף אַ פּאָר מינוט אָבער לאַנג נישט געקענט אויסהאַלטן. איך האָב געזען, אַז עס איז ביי אים שוין פֿאַרלייבט געוואָרן פֿון אַ פּסיכישן

מאָמענט אין א פיזישער אוממעגלעכקייט... און אזוי איז געווען די גרעס־טע טייל פון דער האָלענדישער גרופע. ס'איז שווער צו באהערשן די גע־פילן און שרייבן רואיק וועגן יענע צוויי „האָלענדער" וואָס האָבן דורך אומפארשטענדלעכע וועגן באקומען א קליין תנ"כל און גייענדיק יעדן טאָג צו דער ארבעט, האָבן זיי זיך אַריינגערוקט אין דער טיף פון דער ריי, האַל־טנדיק אין איין ארויספרעפלען פון ספרל ארויס... מ'האָט מיר געזאָגט, אז זיי האָבן ארויסבאקומען פון קרעמאַטאָריום עטלעכע ספרים און זיי באַ־האלטן אין א געהיים אָרט, וואָס נאָר זיי ווייסן דערפון. די בלאָק־עלטסטע איז שוין נמאס געוואָרן זיי צו שלאָגן פאר דער דאָזיקער אומבאגרייפ־לעכער עקשנות און אוועקגעקוקט, ווען זיי האָבן געזען איינעם פון זיי אין די נעכט, ביים קארגן לבנה־בלייך אריינגראָבן די אויגן און אויפקלייבן יעדן פארשאָטנטן אות פון די קליינע בלעטלעך ארויס... איך האָב נישט איינ־מאָל מיט אזעלכן געפּרוווט א שמועס טאָן, אויפקלערן די געפאר וואָס זיי ציען אויף זיך דערמיט... אזא איינער האָט אָבער געשוויגן די גאנצע צייט, אויסגעהערט מיט אומצוטרוי ביז צום סוף און אוועקגעגאנגען א שווייג־דיקער... זיי זענען געוואָרן אלץ ווייניקער — דערפאר האָבן די, וואָס זע־נען נאָך לעבן געבליבן, נאָך מער און עקשנותדיקער זיך אויסגעשטעלט אויף פיין, בכדי צו קענען איבערלייענען נאָך א קאפיטל תנ"ך... האָב איך נישט איינמאָל געפילט אין זיי די גליקלעכערע, וואָס ווייסן אז דאָ זענען זייערע לעצטע טעג און דערפאר לאָזן זיי נישט פארטרייבן די לעצט־מענטשלעכע געפילן פון יום־הדינדיקן חשבון־הנפש דורך דעם מאָגן־געיעג... און כ'האָב געטראכט, אז מיר האָבן נישט קיין רעכט צו ווען לעבן נאָך א טאָג און דערפאר צו היטן זיך, אָפּהיטן די ריי און נישט ציען אויף זיך קיין ספּע־ציעלע אויפמערקזאמקייט... זענען זיי דאָך אויסגעגאנגען מיטן גרויסן חלום־געדאנק פון די נביאים, הגם מיט א טאָג אָדער וואָך פריער......

אין די טעג פון נייעם אומרו און דערוואַרטנדיקן פיבער איז מיר אויסגעקומען צו גיין איינמאָל אין דער ריי מיט די צוויי, וואָס האָבן גע־האלטן קונציק דאָס תנ"כל אין האנט: זיי האָבן צווישן זיך שטיל זיך גע־כודעט וועגן דעם ווי אזוי צו ראַטעווען די ספרים אין פאל ווען מ'וועט אלע־מען אוועקנעמען... און ס'האָט פערזענלעך ווי געטאָן, וואָס דו האָסט שוין

גאָרנישט פאַרוואָס צו זאָרגן. נישט דו האָסט דעם גאָט אין האַרץ פאַר וועמען דיינע לעצטע שעהן אויסצוטהאַכטן; און נישט דו קענסט האָבן דעם היי־ליקן ציטער פאַר א ספר, ווען אזויפיל מענטשן צאַנקען דאָ אויף יעדע מינוט ווי ברענענדיקע ליכט...

אָבער די צייט האָט זיך אירע באַפעלן. און נישט יעדער האָט זיך גע־קענט באַצייטנס אריבערטראָגן אין דער צווייטער וועלט. דער צווייטער פאָ־דים, וואָס בינדט צום דאַאיקן, האָט געהאַט זיינע תביעות און די קלענסטע פון זיי האָט פאַרכאַפּט די געדאַנקען. איז נישט מעגלעך געווען אדורכצוזעצן מיטן שכל די טעג וואָס קומען און קיינער האָט נישט געוואָלט ארויסרופן פון באַהעלטעניש די געשעענישן, וואָס האָבן ווי ראָבן געלאָזט זיך אין דער ריכטונג פון לובלין...

## IV

לויט דער „אָפיציעלער" סטאַטיסטיק זענען אין מאַידאַנעק אומגע־קומען אָנדערטהאַלבן מיליאָן מענטשן. איך האָב אין מיין דאָזיקער באַ־שרייבונג דעם פאַרגאַזונג־מאָמענט כמעט נישט באַרירט. איך האָב בלויז ארויסגעכאַפּט געציילטע מאָמענטן פון דאָרטיקן לעבן און ראַנגלען זיך... דאָס איז אזוי צו זאָגן די שילדערונג פון דער רואיקער זייט אין מאַידאַ־נעק. די לעצטע טעג פון אומרו האָב איך אָפּגעטיילט אין דער צווייטער טייל, וו אַלץ אָטעמט שוין מיט דעם ארויסגיין. איצט וויל איך בלויז באַ־מערקן, אז פון מאַידאַנעק זענען געציילטע גרופּן ארויס לעבעדיק. די ערש־טע גרופּע, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען, מיט בערך 15 הונדערט מענטשן. דאַן א צווייטע גרופּע פון 500. און שפּעטער א קליינע גרופּע, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין אשוויענטשים. די געבליבענע יידן זענען תיכף נאָך אונדזער אוועקגעשיקט ווערן (אין נאָוועמבער 1943) אויסגע־שאָסן געוואָרן אויף איינעם פון די מאַידאַנקער פעלצער (בערך 22 טויזנט יידן). א סך געשעענישן ,געשטאַלטן און מאָמענטן לאָז איך, צוליב געווי־סע סיבות, איבער פאַר די ווייטערדיקע ליטעראַרישע ארבעטן מיינע. דאָ איז בלויז דאָ דאָס, וואָס כ'האָב געהאַלטן פאַר נויטיק צו פאַרפיקסירן ווי

דער כאראקטער-שטריך פון לעבן אין מאידאנעק. דאָס אנדערע, וואָס כ׳האָב אין פארלויף פון די זיבן וואָכן זיין אין מאידאנעק געזען, איז מיט גאָרנישט אנדערש פון דעם וואָס ס׳איז געווען אין אנדערע קאָנצענטראציע־לאגערן און פארניכטונגס־פלעצער, וועלכע כ׳קען שילדערן פון נענטערע און גע־נויערע פערספעקטיוון.

צוליב דעם באלאסט פון געזעענעם, טרעטן מיר אלזאָ צו צום צווייטן טייל וועגן די לעצטע טעג. איך כאפ אויך דאָ בלויז אויף די־יעניקע מאָ־מענטן, וואָס וועלן ווארפן א פסיכאָלאָגיש ליכט אויף דעם, וואָס וועט גע־שילדערט ווערן אין די ווייטערע ווערק. דאָס בוך זאָל דערפאר נאָר בא־טראכט ווערן ווי דער ערשטער גרילץ פון דעם שליסל צו דער תקופה, וואָס וועט שטיין אונטער דעם צייכן פון מ א י ד א נ ע ק.

צווייטער טייל

# אַרויס פון מאָדאַנעס

# קאפיטל איינס

## I

טויזנט פאַר הילצערנע שיך צעזינגען זיך מיט א כריפּענדיקער שטים: כ ל אַ ד ! כ ל א ד ! כ ל אַ ד !... דער גאנצער לובלינער שליאך זעט אויס ווי איין גרויסער, שטיינערנער קלאוויר, איבער וועלכן ריזנגרויסע, לאנגע, קעפּיקע פינגער זוכן דעם וועג צו א מידער איינטאָניקער מעלאָדיע. דער גרילץ זעגט אונטער די טריט פון דער שלעפּנדיקער מחנה אזוי ווי ער וואָלט זיי געוואָלט פארשטעלן דעם וועג.

טויזנט מענעד רירן ארויס פון ק. ל. אין מאידאנעק אויפן וועג צו א נייעם עטאפּ. יעדער טריט קלאפּט אָן אין הארץ מיט א נייעם ספק: וווּהין? פירט מען דען איבערהויפּט ערגעץ? קיינער ווייסט נישט. ווען אלץ איז מיד און אָנגעצויגן — איז שווער דעם חרובן מח צופיל צו מאטערן. שווייגט דער אָנגעכמורעטער געדאנק און ענטפערט נישט...

פון דערווייטנס זעט מען נאָך דעם פלאץ פון דער ארבעטס-קאָמאנדאָ „שטראַסנבאו", וווּ טויזנטער יידן זענען יעדן טאָג צעשלאָגן און פארפּייניקט געוואָרן. נאָך ליגן פארשטעקט אין די ווינקלען די לעצטע געשרייען, וואָס האָבן זיך דאָ פון אלע זייטן געריסן און ווידער גייען אדורך פארן צעפיבערטן אויג די סילועטן פון די פארשידענע שלעגער; דער גאנצער קערפּער שוידערט נאָכאמאָל איבער ביים איבערלעבן דאָס איבערגעלעבטע מיט

דער מחשבה, צום וויפלטן מאָל; ווידער אמאָל רייסטו אויף די אויגן אין ווילדן אומגלויבן:

— איז עס טאַקע אמת? גייסטו טאַקע ארוים מיט ד י י נ ע פּיס פון מאַידאַנעק?

עמעצער, וואָס ליגט אונטער דיין נשמה ווי א סופלער, האַלט אין איין אריינרעדן אין דיין אויסגעמאַטערטן „איך" אריין:

— אַט זעסטו... האָסט זיך אליין אָפּגעמשפּט... האָסט רעזיגנירטערהייט געוואָרט יעדן טאָג אויפן שייטערהויפן... איצט האָט דיין גורל זיך פאַרגלוסט א קאַפּריז... נאָר ווער קען דאָס אויסהערן אַט דעם גאַנצן געפּליסטער־קנויל פון האָפענונגען, וואָס ווילן זיך נאָך אַלץ נישט לעשן!?

לאָז איך זיי בלויז ארומרודערן אין מיין געמיט און אויסשפּילן זייער חוזק איבערן גרויעם סקעפּטיקער אין מיר...

פון די אומדערגרונטעוועטע טיפענישן ארוים טוּכט אין דיר אויף א וואָרעם אזא, וואָס וויל דיך אויפטרייסלען מיט די ספיקות זיינע; ער וויל דיר אויפקלערן, אז דו ביסט נאָך ווייטער אונטער דער נאַצי־ביקס; אז ווידער שפּרייזסטו אונטער באַוואַכונג, אין ריי און אין גליד און אז ס'דראָט נאָך אַלץ די קויל פאַר דער מינדסטער באַוועגונג אויסער דער ריי... „ווייסטו דען" — צישעט ער — וואָס עס קען דיך טרעפן אין א שעה ארום... מאָרגן? אָבער ווער האָט איצט צייט און מוח צו דערהערן א ביטערן וואָרעם, וואָס ליגט פאַרשטעקט ערגעץ אין דער טיף פון דיינע בלוטן?

די חושים באַגרייפן איצט גאָרנישט, נאָר דאָס וואָס די אויגן זעען און די אברים דערשפּירן. און קלאָר איז דערווייל בלויז איינס: דו גייסט אוועק פון מאַידאַנעק! ווייטער לוינט זיך נישט און ס'לאָזט זיך נישט קלערן.

איין טויער־ווינקל ווינקט זיך איבער פונדערווייטנס מיטן צווייטן פון אקעגן מיט ווילדן חידוש: וווהין פירט מען זיי דאָס, די יידנמחנה? געהערן זיי דען נישט מער צו אונדזער פאַרפאַלענער וועלט?...

פונדערווייטנס דראָט די גאַז־קאַמער מיט א גרויסן פאַררויכערטן פינ־

גער איבער אונדז ווי א בייזער מלמד, ביי וועלכן א יינגל איז אנטלאָפן פון חדר...

און יעדער דערשפירט ביי זיך, אז ס'ווערט אים פרעמד די דאָזיקע וועלט.

## II

ריי נאָך ריי. פינף ביי פינף, מארשירן אזוי טויזנט מענטשן פון איין טויער צום צווייטן. — וועט גאָרנישט נעמען קיין עק צו דער וועלט מיט שטעכיקע דראָטן און גיפטיקע בליקן? די הילצערנע שיך־קלאַפּן, וואָס יעדער איינער האָט אָנגעהאנגען אויף די נאקעטע פיס, פרווון דערוויייל אויף זייער שטומלשונדיקן שטייגער אויסזינגען דאָס ליד פון פטרן לובלין. מיר זענען די ערשטע יידן, וואָס ווערן ארויסגעשיקט פון מאידאנעק אויף ארבעט. אלנפאלס האָבן עס אזוי פארזיכערט די אָנפירער פון לאגער. פירן טאָקע אלע חשבונות אין קאָפּ צו די זעלבע אָפּטימיסטישע אויספירן: דאָ, אין לובלין, זוכט מען נישט, דאַרף מען נישט דיין ארבעט — דערפאר דאַרף מען אויך דיך נישט; העכסטנס קענסטו דינען אלס אָביעקט פאר די סאדיסטישע נייגונגען פון א וועלכן ס'איז ס.ס.-מאן אדער דעגענערירטן קאפּאָ און פאָרארבעטער. אין א פאבריק אָבער זוכט מען דיינע הענט, קוקט מען, וואָס דיינע פינגער קענען שאַפן! דאָרט וועט דיין גוף זיין א מאשין, א מאָטאָר וואָס שאפט און בויט, דערפאר וועט ער אויך ווי א מאשין אָפּגעהיטן ווערן.

גייט איין ריי נאָך דער צווייטער און מען שעפּטשעט זיך אין אויער: פאר קיין ארבעט שרעקט מען זיך נישט... אבי נאָר — ארבעט...

יונגען — געקליבענע גבורים בלויז, וועמענס איינציקער געשפּענסט ס'איז געווען די גרויסע לעדערנע בייטש מיטן בלייערנעם קיילכל ביים עק — וועמען זשע פון זיי קען אָפּשרעקן דאָס נייע אומבאקאנטע אָרט, ווו מ'וועט דארפן ארבעטן?

דער געדאנק לאָזט נישט צוגלייבן:

— מאכט נישט אמאָל די ס. ס. איינעם פון אירע בייזסטע שפּאסן?

האָבן זיי נישט געלאָזט אין גאַנג איינעם פון זייערע ראַפינירטסטע מיטלען? ס׳קען זיין, אַז דאָס האָבן זיי אונדז ספּעציעל איבערגעטאָן אַזוי, פאַרשריבן, באַטראַכט, און פירן אונדז צום הויפּט־אַריינגאַנג, ווו דער לאַגער גרענעצט זיך מיטן פרייעם וועג אין שטאָט אַריין. זאָל זיך, הייסט עס, ביי די נאַרישע העפטלינגען איינקריצן דער געדאַנק, אַז זיי גייען, זיי פאַרלאָזן דעם לאַגער... שפּעטער וועט זיין דערפאַר די געלעגנהייט הנאה צו האָבן פון אַ גרויסער טייוולשער פרייד, ווען זיי וועלן אונדז האַרט פאַרן טויער ביטער אַנטוישן. מיר, אַלטע לאַגער־פוקסן, האָבן עס שוין נישט איינמאָל איבערגעלעבט. האַרט פאַרן אַרויסגאַנג קען זיך באַווייזן אַזאַ איינער פון דער ס.ס.־אָנפירערשאַפט און אויסשיסן מיט אַן איראָניש־דונערנדיק געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ... די פרייהייט האָט זיך אייך פאַרבענקט, וואָס? מאַידאַנעק שמעקט אייך נישט? און שפּעטער וועט ער צוגעבן מיטן ספּעציפיש־עס־עסישן, מכלומרשט־פריינטלעכן טאָן פון אַ באַלערער:

... און איר, דערוואַקסענע, רייפע מענטשן, פונעם אַזוי באַרימטקלוגן פאָלק האָט טאַקע געגלויבט!? האָט איר געמיינט, אַז מ י ר, די ס. ס. וועלן א יי ד, אייך יידן, אַזוי שנעל אַרויסלאָזן פון אונדזערע הענט? ווייסט איר דען נישט, אַז די פרייהייט, דאָס ל ע ב ן אונטער אונדז קען אייך בלויז פאַרשאַטן? — — —

ווידער קען געגעבן ווערן די קאָמאַנדע זיך אומצוקערן אָדער בכלל זיך נישט אומצוקערן אויכעט...

און ווי בייזע וועלף באַפאַלן נאָכקלערענישן איינע גרויליקער פאַר דער צווייטער, וואָס שטעכן דעם מאַרך מיט שפּיציקע ציין. ניין! קיינער קען זיך נישט פאָרשטעלן די ווירקונג פון אַזאַ קאַלטן טוש אויף די פרייהייטס־בענקענדיקע נערוון — ווי ס׳האָט עס אַמאָל דער לאַגער־קאָמאַנדאַנט פון ביאַלאָבזשעגי באַצייכנט...

מיר שפּרייזן דערווייל אַלץ נענטער און נענטער צום אַרויסגאַנג. דאָס האַרץ קלאַפּט ווי מיט מיליאָנען האַמערס. אַלץ איז געשפּאַנט ביז צום קראַכן, ביז צום פּלאַצן: גייען מיר ווירקלעך אַרויס אָדער נישט?

... מיר זענען נאָכן טויער. די ק. ל. באַוואַכונג טרעט אָפּ. אָנשטאָט

די ס. ס. קומען אַנדערע באַוואָפנטע, אין אַלערליי מונדירן. מ׳לערנט זיך שטילערהייט טרעפן, ווער זיי זענען:

— ס׳איז איבערגרופּירטע ס. א.־לייט!

— ס׳זענען וועכטער פון דער אָרגאַניזאַציע „טאָדט״!

— ס׳איז מיליץ פון אַ דייטשער ציוויל־פאַבריק!

קיין עכטע מיליטערישע פאָרמאַציע איז עס נישט אַלנפאַלס, אַלץ אין אונדז צאַפּלט פון אומגלויבלעכן טריאומף:

— מיר ווערן איבערגעגעבן אין ציווילע הענט!

ווידער און ווידער קוקט מען זיך אום, אויב די ס.ס. שפּרייזן נישט נאָך פון הינטן... פאַרשנדיק קוקט מען אויף די פּנימער פון די נייע באַוואָפנטע באַגלייטער אונדזערע; מיט געוואַלד וויל מען ארויסלייענען פון יעדן שאָקל מיטן ברעם זייערן: וואָס טראַכטן זיי? וואָס ווייסן זיי וועגן אונדז? אָבער זיי שפּרייזן שטום און רואיק ביי אונדזער זייט ווי איינגעשווינענע, באַוועגלעכע מומיעס. שוין איז דער לעצטער מאָן פון אונדזער עשאַלאָן אויסערן טויער. עמעץ קריכט ארויס נישט פאַרזיכטי־קערהייט פון דער ריי ארויס... איינער פון דער באַוואַכונג וואַרפט אַוועק דאָס לעצטע נישט דערררויכערטע שטיקל פון אַ ציגאַרעטל. צוויי הונגע־ריקע אויגן באַמערקן עס און שוין ציט זיך אויס אַ דאַרע האַנט אויסער דער ריי און גרייפט דאָס פּיצל פאַר זיך. און — גאָרנישט... ס׳גייען ווייטער די שומרים אונדזערע... רואיק, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געזען. נישט עס פאַלט אַ שאָס, נישט מ׳הערט אַ ברום. דאָס האַרץ הייבט אָזש אָן צו קלאַפּן פון אַזאַ אומנאָרמאַלן סדר... בלויז אין געדאַנק הייבט מען אָן צו דערשפּירן בחוש, אַז מען איז שוין אין אַנדערע הענט. פרייליכער נעמען די „האָלענדערקעס״ (האָלץ־שיך) קלאַפּן צום מאַרש־ריטם און אינסטינקטיוו רייסט זיך ארויס פון טויזנט בריסטן אַ גרויסער, צוזאַמענ־געגאָסענער זיפץ פון דערלייכטערונג. עמעץ פאַרציט שטיל אונטער דער נאָז, אָן אָפּגעריבענעם מאָטיוו; צוויי רייען ווייטער כאַפּט מען אים און־טער און ס׳ווערט פרייליכער אויפן האַרץ — ווי מ׳וואָלט ארייננגע־שפּרייזט אין אַ צווייטער וועלט אַריין...

# קאַפּיטל צוויי

## I

נאָך מיט אַ צוויי וואָכן פריער האָט זיך גענומען טראָגן אַ קלאַנג — ווי אַ טויב אָן אַ נעסט — פון מויל צו מויל: דער ק. ל. ווערט אויפגעלייזט! ס'זאָל הייסן: דער „אַרישער" טייל ווערט איבערגעשיקט קיין אָשוויענטשים (אוישוויץ) אָדער אנדערע דייטשישע לאַגערן און די יידן... און די יידן — — —

קיינער האָט נישט געוווּסט, ווער ס'האָט דער ערשטער אַרויסגעבראַכט די נייעס; נישט די שטובנדינסט און נישט די בלאָק-שרייבער און אַפילו נישט אַזאַ מעכטיקע פיגור ווי דער בלאָק-עלטסטער... די טריבעשושקעריי האָט זיך אַריינגעגנבעט פון אויער צו אויער און ס'איז אַ ווונדער, ווו ס'האָט זיך נאָך גענומען אָרט אין האַרץ פאַר דעם פרישן פּחד... ס'האָט ווער אָנגעפרעגט ערגעצוווּ; פון דאָרט איז עס אַוועק ווייטער, ביז ס'איז דערגאַנגען צו דער לייטונג פון דער ס. ס., פון דאָרט איז געקומען די וואָרנונג: זיי ווילן בלויז זען דעם יעניקן, וואָס חזרט איבער אַזעלכע אומזיניקע קלאַנגען... פאַר אַזעלכע זענען פאַראַן ספּעציעלע קורערטער צו באַרואיקן די נערוון... דער הויכער לאַגער־שעף האָט זיך אַפילו צעלאַכט פאַרן סלאָוואַקיש-יידישן לאַגער-שרייבער:

— אַזאַ אידיאָטיזם איבערצוחזרן!... ווייסט ער דען נישט, אַז וויפל קאַצעטן עס זאָלן נישט זיין אין אַזאַ פינצטערן „אָסטען" — איז אַלץ צו ווייניק?

און ווידער שיט ער זיך פון אויפגעקאָכטן געלעכטער:

— אזא אבסורד! אזא אבסורד! אָט ווייסט ער, למשל, וועגן פּלענער פון עפּענען נייע לאַגערן אויף די פּוילישע געביטן... קאַנדידאַטן פאַר איינוווינער פעלן נישט... אויך מאַידאַנעק וועט פאַרגרעסערט ווערן און קענען אויפנעמען טאָפּלט מענטשן; מ׳וועט ארומבויען פאַבריקן און אַלץ וועט זיין באַשעפטיקט ביי דער אַרבעט...

און אויפן אַפּעל-פּלאַץ האָט מען פאַרגעלייענט פאַר יעדן בלאָק דעם „טאָגעס-באַפעל״: אין קורצן וועט דער רעזשים אין לאַגער פאַרלייכטערט ווערן. אַנשטאָט די שטראָף-איבונגען, וועט יעדער איינער מוזן אַרויסגיין אויף א גאַנצן טאָג צו פאַבריקס-אַרבעט. עס וו ע ט וו ע ר ן פאַר-ווערט צו שלאָגן אָן א סיבה. פאַר דער אַרבעט וו ע ט געצאָלט ווערן אן אַקאָרד-לוין צווישן... צוויי און דריי זלאָטעס וועכנטלעך. דער פּאַסונג פון לעבנסמיטל וועט פאַרגרעסערט ווערן. אין לאַגער וועט זיין א קאַנטין, ווו מ׳וועט קענען פאַרן פאַרדינטן געלט (עס זאָל זיין ספּעציעל געלט, וואָס וועט אומגיין בלויז אין לאַגער) קויפן וואָס מ׳וועט נאָר וועלן...

מענטשן, וואָס כאַפּן זיך אָן אין יעדער שטרוי און זעען אַלץ מיט ראָזע ברילן, האָבן באַלד געהאַט זייערע קאָמענטאַרן דערצו: מאַידאַנעק ווערט אויס קאַצעט! עס וועלן דאָ איינגעפירט ווערן די זעלבע געזעצן וואָס אין אַרבעטס-לאַגערן... שוין האָבן אַנדערע „געוווסט אויף קלאָר״, אַז מ׳וועט בקרוב מעגן רויכערן אין לאַגער; אַז מ׳וועט יעדן טאָג באַ-קומען ציגאַרעטן און — אפילו — אַז „ס׳איז געקומען א ספּעציעלער באַפעל (פון וועמען?...) די יידן בעסער צו באַהאַנדלען״... נאָר גאָר-נישט! קלאַנגען אין א לאַגער קענען שטענדיק סותר זיין איינער דעם אַנדערן און קיין איינער זאָל אויף זיין זייט נישט אַריבערציען... א ייד אין לאַגער האָט זיך אויסגעלערנט אויף אַלע זאַכן איין תשובה צו געבן, וואָס זאָגט גאָרנישט און גיט דאָך אַלעמען געררעכט:

— ביי „זיי״ קען אַלצדינג מעגלעך זיין... און ס׳איז אויך מעגלעך צו צאָלן געלט, געבן מער ברויט, אָנטאָן בעסערע בגדים, אויפהערן צו שלאָגן און — שיקן אין טויט אריין... וואָס זשע קען מען דאָ אויסרעדן און אויספּלפּולן?...

דערביי איז א וואָרט, א קלאַנג נישט קיין „מוזולמענער", וואָס מ'קען זיך עס דערשטיקן אַזוי זיך אין א גאַז־קאַמער און — אוים! העלפן נישט אַלע וואָרנונגען און די שווידער־ידיעות — פּאַראַלעל מיט די „פּאַר־בעסערטע" קלאַנגען — שפּרייזן זיך אַרום פראַנק און פריי, שלענגלען זיך אַדורך צווישן רעדלעך פּאַרמאַטערטע און צעשלאָגענע, צווישן חושך פון די בעטן־ווינקלען און שוין רעדן דערפון די פונקציאָנערן... און שוין ליינגן צו א גלויבנדיק אויער די נידעריקערע ס. ס.־לייט... מ'הערט שוין אויף אפילו צו דראָען פאַר פּאַרשפּרייטן אַזעלכע קלאַנגען, זיי צו לייקע־נען... בפרט אַז פון אַלע אַזוי אָפיציעל פּראָקלאַמירטע אויסבעסערונגען האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם. די געשלעגן און פייניקונגען זענען גע־וואָרן נאָך שאַרפער... האָט מען אין די נעכט נאָך מער געזיפצט פון גע־בראָכענעם, צעהאַקטן רוקן און דערביי באַשטעטיקט:

— מאַידאַנעק בלייבט מאַידאַנעק!

און די גאָר מיושבדיקע האָבן איבערגעחזרט זייער פּזמון צום וויפלטן מאָל:

— אַז זאָ־ווי־זאָ וועלן זיי אונדז קיין לעבעדיקע נישט אַרויסלאָזן פון דאַנען. איז — א סוף דערצו! זאָלן זיי עס מאַכן וואָס שנעלער — —

אָבער אויך דערצו האָט מען דאַרטן צייט. די אַרבעט גייט ווייטער ווי יעדן טאָג. ווער עס איז שוואַך, איז אַוועק אין „ניינצנטל" און ווער ס'האָט כּוח געהאַט, איז פּאַרטאָג אויפגעשטאַנען צום אַפּעל מיט א טיפן קרעכץ.

## II

ד"ר יצחק שיפער איז נישט אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט. עפּעס האָט א ס. ס.־מאַן אים צעשלאָגן א פּנים און ס'איז פאַר אים נישט מעגלעך געווען צו אַרבעטן. דער בלאָק־עלטסטער פון זיין בלאָק האָט אים נישט געוואָלט שיקן אין „ניינצנטל" און דערפאַר אים „געדעקט" מיט אַלע מיטלען. מ'האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז א גרויסער געלערנטער... א סך ביכער אָמאָל אָנגעשריבן... האָט עס יענעם א פּיק געטאָן אין האַרץ און

ער האָט אין אים געדענקט ביי א „נאכשלאג״ זופ און ביים שיצן פון דער אַרבעט. עס איז אַפילו געלונגען אים אריינצופאקן צו די קאַרטאָפל־שיי־לער, ער זאָל נישט באמערקט ווערן. בלויז צום אַפּעל איז אים שווער געווען ארויסצוגיין, פון דעם באקומענעם קלאַפּ — האָט דער בלאָק־עלטסטער באשטימט דעם הויכן גוטן שלמהלע, א בעל־עגלה פון קאַמאַראָוו, און יענער האָט אים אַלע טאָג ארויסגעטראָגן צום אַפּעל אויף זיינע מעכ־טיקע הענט — ווי א קינד... און ביים אַפּעל, ווען אַלץ מוז שטיין שטראַם, אויסגעצויגן ווי א ליניע מיט אַנטבלויזטע קעפּ — האָט שלמה נישט פארגעסן זיין שכן אריינצושושקען שטיל און שנעל:

— פּאַניע דאָקטאָזשע, האַלט אייך אָן אין מיר, איר זאָלט נישט אומפאַלן, חלילה...

אַן אומגעווענלעכע פאַרערונג האָט דער יונג ארויסגעוויזן צו אָט דעם מאָדנעם דאָקטאָר, וואָס קען נישט היילן קיין קראַנקע, קען זיך אַליין נישט היילן און איז דאָך — א דאָקטאָר... עס איז ביי אים אויסגעקומען ווי עפּעס א גאָט אזא, וואָס קען נישט אליין גיין, נאָר מ׳מוז אים טראָגן... אָט ווי א „רייניקייט״, למשל...

געווענלעך ביי דער אַרבעט האָט מען זיך אַפילו נישט געקענט אָנ־קוקן אין געאייל, צווישן אַזויפיל פאַראַרבעטער און ס. ס.־מענער. דאָך פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז זיי זענען אַוועק צום בערגל־ארויף, זיך דאָרט אויסזוכן קרבנות פאַר זייערע בייטשן און דרענגער. דאַן פלעגן מיר, פאַכ־מענער און ברוקירער, צייט האָבן זיך אַדורכצוואַרפן מיט א וואָרט. שלמהלע, וואָס איז נאָך אין 1940 געווען מיט מיר צוזאַמען אין א קאָנ־צענטראַציע־לאַגער, פלעגט דאַן נעמען זיין העמערל און זיך איבערטראָגן נעבן מיר. האָב איך געלייגט איין שטיינער־ריי און ער — די צווייטע און צווישן איין האַק מיטן העמערל און צווייטן האָט ער געזוכט א באַשייד ביי מיר אויף זיינע אַלע ספיקות און קלערענישן. טוט ער מיך איינמאָל א פרעג:

— וואָס זאָגסטו נישט מאָטל, אויף אָט־דעם דאָקטאָר? דו ווייסט — איך בין נישט קיין לערנער, נישט קיין קענער... כ׳קען זיך אַפילו נישט אונטערשרייבן, נאָר אים האָב איך  א ז ו י  ליב!

איך האָב געשוויגן און דער יונג האָט ווייטער גערעדט:

— ער מוז אוודאי זיין אַ גרויסער לערנער, וואָס? כ'האָב געזען ווי ער צייכנט עפּעס מיטן בליי, ווען ער ליגט אויפן בעטל. נאָר ווייסטו, וואָס כ'וועל דיר זאָגן: ער איז קאַפּוט...

די ביינער האָבן געבראָכן פון זיצן אַזויפיל שעהן מיט די קניען אין זאַמד, מיט אַ געבויגענעם רוקן. דער ווייטיק פון אַלע אברים איז אַרויף ביז צום מוח און אים נישט געלאָזט אויפכאַפּן דאָס, וואָס עס דערשלאָגט זיך שוין ביז צו די אויערן. יעדער ברעקל פון מענטש איז געווען אַטראָפּירט און אַזוי געלעכצט נאָך רו... בין איך ממש נישט געווען פעאיק צו טראַכטן וועגן נאָך עמעצן, אפילו אויף אַ רגע. שפּעטער צו האָבן די אברים זיך צוגעוווינט די ווייטיקן אין זיך אַריין צו פאַרשלינגען און לאָזן דעם געדאַנק טראַכטן זיינע טראַכטענישן. האָב איך איינמאָל אַזוי ווי פּלוצלינג דערהערט, אַז שלמהלע רעדט. מינוטן האָבן געדויערט, ביז איך האָב דערכאַפּט, אַז ער רעדט וועגן עפּעס אַ דאָקטאָר. אַ פונק פון נייגער, וואָס האָט זיך נאָך אין מיר באַהאַלטן פון די אַמאָליקע צייטן, האָט זיך אַדורכגעריסן דורך אַלע צוימען און איבער מיר אַ פרעג געטאָן:

— וועלכער דאָקטאָר?

ווייזט זיך אַרויס, אַז כ'האָב לגמרי פאַרגעסן וועגן דעם, אַז שלמהלע וווינט אין אַכטן באַראַק מיט שיפערן בעטל צו בעטל...

„ער איז קאַפּוט!" האָט מיר נאָכאַמאָל אַ צי געטאָן אין אויער אַ פריער געהערטער זאַץ און הגם דער גאַנצער „פריער" איז שוין ביי מיר פאַרגעסן געוואָרן, האָט עפּעס דאָך אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ מיט אַזאַ ווייטיקלעך־פאַרבענקטן טרויער... האָבנדיק שיפערן בשכנות, האָט זיך אויסגעוויזן אַזוי ווי מ'וואָלט נאָך געהאַלטן אין דער האַנט אַ פאָדעם, וואָס פאַרבינדט מיט דער אַמאָל־אַמאָליקער קולטור פון אַ יידיש לעבן מיט אַזויפיל, אַזויפיל יאָרן צוריק — — — —

כ'האָב זיך נאָכאַמאָל אָנגעכמורעט אויף שלמהלען:

— דו זאָגסט קאַפּוט — מיינסטו עס אויף אַן אמת? אָבער יענער האָט זיך נאָך פריער דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע ווערטער. אין פאַר־

לויף פון די געציילטע וואָכן זיין אין מאַידאַנעק האָט ער אין זיך דער־שפּירט אַ חשיבות אַזאַ, פאַר וועלכן ער האָט נישט געהאַט קיין נאָמען. עפּעס האָט ער זיך שטענדיק ווי געשעמט מיט זיינע גרויסע בעל־עגלהשע הענט און מיט דעם פערדס־כוח. ערשט דאָ האָט ער דערשפּירט דעם גרויסן תיקון פון זיינע הענט. און מיט פרייד האָט ער אויף זיי געטראָגן דעם הינקעדיקן געלערנטן. ער האָט ווי געשפּירט בחוש, אַז אַ טייל פון יענעם געלערנטנס וויכטיקייט גיסט זיך אריין אין זיינע אָדערן, אין זיינע אברים, ווען ער טראָגט אים אַרויס צום אַפּעל... קען מען דען וויסן, פאַרוואָס אַזאַ בחור ווי שלמהלע האָט שיפערן ליב געקריגן? ס'איז אָבער לייכט געווען אַרויסצוהערן פון יעדן וואָרט זיינעם די גרויסע שרע־קעוודיקייט, ער זאָל אים נישט פאַרלירן פון נעבן זיך...

ער האָט זיך דערפאַר צוריקגעצויגן און גענומען ממש אריינפּליס־טערן מיר אין אויער אריין אַ ים מיט ווערטער, וואָס זענען אַריבערגע־לאָפן איינס איבערן צווייטן אַריבער:

— דו ווייסט, ער דערציילט מיר נייעס ביינאַכט, דער דאָקטאָר... ער ווייסט אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט... דו הערסט?

דאָס מאָל האָב איך שוין געהערט מיט אַלע אברים מיינע:

— נייעס? פונוואַנעט ווייסט ער נייעס?

אָבער שלמהלע לאָזט נישט פרעגן קיין סך. אַ גליקלעכער דערפון, וואָס עס איז אים געלונגען ענדלעך צו דערוועקן מיין אינטערעס, באַשיט ער מיך ממש מיט ווערטער, קריכט מיר אריין מיט די ליפּן טיף אין אויער אריין:

— ער האָט אַ צייטונג... יעדן טאָג באַקומט ער פון ערגעץ אַ בלאַט...

פון בערגל אַראָפּ האָבן זיך גענומען שיטן אַ מחנה מלאכי־חבלה מיט צעקנאַלטע בייטשן און מיר האָבן געמוזט איבעררייסן דאָס גע־שפּרעך... און יעדער איינער פון אונדז איז ווי אריינגעזונקען אין בערגל זאַמד מיט שטיינער.

## III

איך האָב געוווסט וועגן פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען

דאָ אין לאַגער. איך האָב אָבער פאַרלוירן יעדע אָנרעגונג צו גיין זיי אויפ־זוכן און מיט זיי זיך אדורכשמועסן. די קליינע מינוטן פון פרייער באַוועגונג האָט מען נישט געהאַט אויף וואָס פריער אויסצונוצן. בלויז אין יענעם טאָג, שפּעט פאַרנאַכט, האָב איך זיך קוים אַריינגעשאַרט מיט מיין גאַנצער מידקייט צו שלמהלען אין באַראַק.

אין אַ טיפן ווינקל, פאַררוקט אין בעטלעך-לאַבירינט זענען שוין גע־זעסן אויף דער ערד עטלעכע איינגעקורטשעטע געשטאַלטן און עמעצן דאָרט אויסגעהערט. איך האָב זיך צוגעשאַרט שטילערהייט אויף אַלע פיר. אין דער צופאַלנדיקער טונקלקייט האָט מען קוים אָנגעזען שיפערס טונקל געשטאַלט, וואָס איז געזעסן האַלב-אָנגעלענגט אינעם אונטערשטן „שטאָק” פון אַ בעטל. ער האָט דערציילט מיט אַ שעפּטש:

— די אַליאירטע האָבן פאַרנומען לאַמפּידוסאַ...

וויפל ער האָט זיך נישט באַמיט צו דעמפּן זיין שטים, האָט די התלהבות זיינע אַדורכגעריסן יעדעס וואָרט:

— כ׳זאָג אייך, חברים, נאָך — טעג! געציילטע טעג סך־הכל און מיר וועלן זיין אויסגעלייזטע... נאָך לאַמפּידוסאַ וועט גיין סיציליע. פון סיציליע ביז רוים איז מיט דער לופט אַ קאַצן־שפּרונג. איטאַליע וועט זיכער באַלד קאַפּיטולירן און דער וועג איבערן ברענער וועט זיין אָפן...

...היינט די רוסן... זיי טרייבן דאָך מיטן גאַנצן אימפּעט אויף ווי־טעבסק . . .

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שוין איבער אַ וואָך צייט געלינגט אים פון ערגעצוווּ צו באַקומען טעגלעך אַ פאַרעלטערטן „גלאָס לובעלסקי” (לובלינער שטימע — אַ נאַצי-פאַרקויפטע בלעטל פאַר לובלינער אומ־געגנט) פונוואַנעט ער שעפּט ידיעות און טיילט זיך מיט זיינע אָפּטי־מיסטישע פּירושים פאַר עטלעכע פאַרטרויליכע צוהערער.

אין אַלע ווינקלען זענען געלעגן געלעגן אויף דער ערד קליינע צוזאַמענגע־פּרעסטע קופּקעלעך און זיך איבערגעגעבן קלאַנגען, איינער שווידערלעכער פאַר דעם צווייטן. שיפערן האָט דאָס אָבער נישט אינטערעסירט. מיט אַ זיכערן טאָן האָט ער באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז וועג אַפילו „זיי” קלערן עפּעס אויפצוטאָן — וועלן זיי עס שוין נישט באַוויזן... די צייט

וועט זיי אריבערלויפן. ווייס איך נישט, אפשר האט ער געוואלט כאטש אביסל טרייסט אריינברענגען אין דער אויסזיכטלאזער סיטואציע? און אפשר איז ער אליין געווען איבערצייגט אין דעם, וואס זיין אפטימיזם האט אים צוגעטראגן?

איך בין געווען דאס ערשטע מאל ביים אויסהערן נייעם און — אומגעבעטנערהייט... כ'וואלט זיך דערפאר געדארפט פארהאלטן רואיק און נישט אנרופן זיך מיט קיין ווארט. בין איך אבער שטענדיק געווען ניכטער און שווארץ־זעעריש, האט עס פון מיר ארויסגעשפארט זיך ארייננצומישן. בפרט ווען די געבראכענע אברים האבן זיך מיט די לעצטע כוחות אקעגנגעשטעלט קעגן אזא מין וועלן פארשלעפערן די סכנות, וואס פארקריכן שוין ביזן מארך... כ'האב דערפאר מיט א געצווימטן ירגזון זיך אריינגעווארפן אין מיטן געפליסטער:

— איר ווייסט, דאקטאר, איר טוט א גרויסע עוולה דערמיט, וואס איר ווילט טרייסטן מיט פאלשער טרייסט. אזוי לייכט ווערט דער דייטש נאך נישט באזיגט. דערווייל ווערן אונדז נאך געבראכן די ביינער, גרייטן זיי פאר אונדז א טייוולשן פלאן, וועלכן זיי קענען נאך פון היינט אויף מארגן אויספירן... איך האלט, אז מיר מוזן זיך בעסער מאכן קלארע חשבונות, בכדי צו קענען צוגעגרייטערהייט קוקן דעם טויט אין די אויגן אריין. אפשר קען איינעם מיט ניכטערער איבערגערעכנטקייט געלינגען צו באקלערן א פלאן, ווי אזוי אין דער לעצטער מינוט זיך צו ראטעווען... בכלל איז בעסער, אז מ'ווייסט קלאר וואס עס דערוואַרט...

ס'איז געווארן שטיל. שטיל און טרויעריק. קיינער האט אפילו רעכט נישט א בליק געטאן אין דער זייט, פון וואנעט די ווערטער זענען געקומען. אלע האבן אראפגעלאזט די קעפ מיט א פארצווייפלונג, ווי אזעלכע, ביי וועמען מ'האט די באפרייאונג אוועקגענומען פון אונטער די הענט...

כ'האב זיך דערפילט שולדיק אין א פארברעכן, וועלכן כ'בין נישט באגאנגען און דאך זיך פארשולדיקט. כ'האב זיך פארשעמט פאר זיך אליין און ס'האט מיר באנג געטאן... פארוואס האב איך עס געזאגט? ס'איז אבער שוין נישט געווען מער צוריקצוכאפן. די האפענונג, וואס

האָט אַזוי וואָרעם געגלעט אַלעמענס קעפּ מיט מינוטן פריער, איז צע־שוומען געוואָרן. אויף איר אָרט איז געבליבן א פּוסטע און טרויעריקע שרעק, וואָס האָט געשטייפט די האָר אויף די קעפּ... כ'האָב דערשפּירט זיך ווי א רויבער, וואָס האָט צוגערויבט ביי וועמען דאָס טייערסטע און דערביי אַליין געבליבן מיט ליידיקע הענט... כ'האָב דערפאַר נישט גע־וואָלט מער א בליק טאָן אויף די קעפּ, איבער וועלכע דער נאַכט־אָנהויב האָט ארויפגעשיט א טונקל־אַשיקע אבלות — נאָר כ'האָב זיך זיצנדי־קערהייט גענומען אוועקשאַרן פון צווישן די בעטן, מ'זאָל נישט הערן פון מיר דעם מינדסטן גערויש... ס'האָט זיך מיר אַרויסגעוויזן, אַז מיט יעדן שאָרך מיינעם וועל איך אָט די מענטשן נאָך מער צער פאַרשאַפן. ווען כ'האָב זיך געשלייכט אין דער פאַרנאַכטיקער שפּעט־בלאַסקייט צו מיין באַראַק — וואָס איז געלעגן בשכנות — האָב איך זיך שיעור צעוויינט פון אויפרעגונג אויף זיך אַליין...

בלויז אויפן בעטל, ליגנדיק אָן א ברעקל שלאָף אויפן אויג, האָב איך פּלוצים דערשפּירט אין זיך א מאָדנע גערעכטיקייט. אָן שום לאָגיק און פאַרטראַכטונג האָב איך פאַרשטאַנען מיט אַזא קלאָרקייט, מיט א פאַרשטאַנד, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט אריינפּרעסן אין קיין ווערטער, אין קיין מחשבות, אַז דאָס, וואָס כ'האָב געזאָגט, האָב איך געמוזט זאָגן, איז נויטיק געוועזן, ס'זאָל געזאָגט ווערן... די לאַנגע יאָרן פון לאַגער־סכנות האָבן געלערנט, אַז דאָס קול פון די בלוטן איז שטענדיק דאָס ריכטיקסטע. גראָד די שטים וואָס קומט פון נאָך א טיפערן שורש ווי דער אינסטינקט און צו וועלכן דער שכל דערגרייכט גאָרנישט און קען נישט מסכים זיין מיט איר — גראָד זי האָט מערסטנטייל נישט אָפּגענאַרט... און יענע שטים האָב איך דאָן געהערט.

פונעם גאַנצן, איינשטיקדיקן חושך האָבן זיך גענומען קנוידערן פאַר די אויגן אַזעלכע קיילעכדיקע, געקנאָטענע פינצטער־שאָטנס, וואָס האָבן זיך צו מיר אומשולדיק צעשריגן און אָנגעזאָגט א גרויסע מסוכנע געפאַר וואָס קומט אָן... כ'האָב פיזיש דערשפּירט ווי זי רירט אָן מיין הויט.

ווי אין יענער נאַכט פאַרן אוועקנעמען קיין מאַידאַנעק האָט זיך גע־

וואָלט אויסשרייען צו אַלע, האָט באַנג געטאָן, פאַרוואָס כ׳האָב אַזוי שטיל זיך צוריקגעצויגן ביי מיין אָנהייב... קיינער איז אָבער דאָ נישט אַריינגעקומען אויפטרייסלען און זאָגן, אַז עס איז צו שפּעט. דאָ זענען אויך די מעגלעכקייטן נישט געווען...

פאַרטאָג האָט די תּליה זיך צעקלונגען ווי יעדן טאָג. דער קלינג האָט ווי יעדעס מאָל אָנגעהויבן מיט אַ יאָמער־טאָן און שפּעטער זיך פאַר־גאַנגען אין אַ געלעכטערדיקן גרילץ...

# קאַפּיטל דריי

## I

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ קאַלטער און גרויער. ווי יעדעס מאָל איז יעדער אויפגעשפּרונגען און מיט פאַרשלאָפענע פינגער גענומען אין דער פינצטער אויסגלייכן דאָס געלעגער. דאָס בעטל האָט געצויגן צו זיך די דרעמלענדיקע אברים און ווען די דינסטע פינגער־שפּיצן האָבן פּיערדיק נאָכגעזוכט דעם מינדסטן ריץ אויפן בעטל — האָט דער קלענסטער באַריר אין געלעגער צוריקגעצויגן און אָנגעגאָסן די גלידער מיט אַ שלעפעריקייט... די מורא אָבער נישט צו פאַרשפּעטיקן דאָס פאַרטאָגיקע ביסל קאַווע האָט שנעל פאַרטריבן די לעצטע ברעקלעך שלאָף, וואָס האָבן זיך פויל נאָכגעהאָנגען אין די ברעמען־שפּיצן.

די לאַנגע ריי האָט זיך שנעל אויסמאַרמירט און ביים שיין פון דער לבנה — וואָס האָט אַ דערשראָקענע אַריינגעוואָרפן איר לעצטן בליק, מיט איין אויג, דורך דער צעעפנטער טיר — האָט יעדער באַקומען אַריינגעגאָסן אַ לעפל קאַווע אין דער בלעכענער שיסל, זי אויסגעזופּט שטייענדיקערהייט און די שיסל איבערגעגעבן אַ צווייטן פון דער ריי. ס'איז היינט נישט באַזונדערס אויפגעלייגט אויפן האַרץ. פון צייט צו צייט מוזן מיר איבערלאָזן די רעקלעך אין באַראַק און גיין צו דער אַרבעט אין די בלויזע העמדער. היינט האָט די שטובנדינסט געמאָלדן, אַז די רעקלעך מוזן בלייבן אויף קאָנטראָל. גראָד שטעלט זיך אַ קאַלטער טאָג. קען זיין, אַז ס'וועט

רעגענען... אַלץ ווערט געמאַכט בליץ־שנעל. שוין שטייט יעדער בלאָק באַזונדער אין ריי און אין גליד. מ׳ציטערט פאַר קעלט. די אברים בעטן זיך, אַפילו אין הייסע טעג: מ ע ר ז ו ן! דער הונגער וויל באַטש געגלעט ווערן, געמילדערט ווערן פון אביסל זוניקע צערטלעכקייט. בפרט היינט, ווען ס׳איז אַזאַ קאַלטער פאַרטאָג, גאַרנישט ווי אין יולי. אַט גיסט זיך שוין צונויף איין בלאָק מיטן צווייטן און ס׳פאַרמירן זיך די „ארבעטס־שטעלן", אַט רוקט אַרויס דורכן טויער די „קאָמענדאַנטור"־אָפּ־טיילונג. אין יעדן טריט זייערן דערקענט מען די שרעק. קיינער ווייסט נישט, אויב מ׳וועט אים שוין נישט ברענגען צוטראָגן אַ טויטן מיטאָג־צייט... ווייטער רוקן אַרויס פון אַקעגנאיבערדיקן פעלד די פּאַבלייט. פון אונדזער פעלד גייט אַ קליינע גרופּע זיך צונויפשלײַסן מיט זיי. די בלוי־ווייס געשטרייפטע בגדים זייערע שימערן אביסל זיכערער אין זיך. זיי פּייניקט מען נישט אַזוי... די סלאָוואַקישע יידן לויפן אַרום איבערן הויף מיט זייערע „פונקציאָנס־בענדער" אויפן אָרעם און העלפן־צו מיט אי־בערגעטריבענער הכנעה אויסצוציילן די רייען, וואָס מ׳אַרשירן פאַרביי דעם טויער. זייערע פּנימער בייטן זיך פון רגע צו רגע. אַט איז דאָס אָדער יענץ אויסגעדרייט צום דייטשישן וואַכפּאָסטן און ווערט אײַנגאַנצן צע־שווומען פון הינטישער הכנעה און איבערגעהאָרכזאַמקייט. באַלד דרייט זיך דאָס זעלבע פּנים אויס צו די געציילטע אין דער ריי און אין אַ האַל־בער סעקונדע באַקומט עס שוין דעם קעניגלעכן אויסדרוק פון אַ שטאָלצן באַפעלער...

יעדעס מאָל, ווען איך „רוק אַרויס" פון טויער, קען איך זיך נישט אָפּוווּנדערן פון אַט דער וווּנדערבאַרער מוסקול־אַקראָבאַטיק, וואָס פּשוטע מענטשלעכע פּנימער קענען באַווייזן... מיר זענען פון די לעצטע. יעדע מינוט איז פאַר אונדז אַ דימענט. מיט טרויער זעען מיר ווי פון דעם צווייטן פעלד גייען שוין די גריכישע יידן צו זייער אַרבעט אין קרעמאַ־טאָריום און מיר ווייסן, אַז דאָס וועט אונדז נישט מיידן. מיר גייען דאָך צו דער שטראַסנבאַאו... דער בליק דרייט זיך נאָכאַמאָל אויס צום באַראַק: ווער ווייסט? אפשר זעט מען אים שוין צום לעצטן מאָל?

דער אַרבעטס־טאָג שטעלט זיך נאָרמאַל. אַט לויפט דער קליינער

קרומפיסיקער בלאָק־פירער אַרום די גרופּן, זוכנדיק זיין טעגלעכע „פּרנסה". דאָס זוכט ער קרבנות צו פאַרשמייסן מיט 25 שמיץ, ביי וועלכע ער האָט אַ טבע יעדעס מאָל זיך טועה צו זיין... אָט ווערט די לופט צעלעכערט פון די רויע געשרייען פון פאַראַרבעטער מכל המינים. דער דיקער ווילי שטייט ווי יעדן טאָג אַלעמאָל איבער אַן אַנדערן מיט אַ דיקן שטעקן און באַפעלט קאַלט און אויסגערעכנט: ב ו ק ז י ך ! . . . פאַרצווייפלט בעט זיך דער קרבן, מיט יעדן וואָרט וואָס אַ מענטשלעכע שפּראַך קען פאַרמאָגן, בכדי אויסצודריקן אונטערטעניקייט און געבעט; ער זאָגט אים צו די היינטיקע פאַרציע ברויט, די זופּ... דעם וווּרשט וואָס ער וועט זונטיק באַקומען... ווייסט ער דאָך, אַז בוקן זיך ביי ווילין הייסט אַן איבער־געבראָכענע חוש־השדרה, אַ געשפּאָלטענער הינטן און דערפאַר אויך — אַ זיכערער וועג אין גאַז־קאַמער אַריין. אָבער ווילי האָט שוין היינט „פאַר־דינט" עטלעכע פאַרציעס ברויט, אַ צענדליק זופּן און פון אַ האַלבער שטע־לע דעם זונטיקדיקן ווורשט. איצט זוכט ער נישט קיין ברויט, נאָר פאַר־געניגן, דאָס גאָר דערהויבענע גליק פון שפּאַלטן דאָס ווייכע פלייש פון אַ מענטשלעכן געזעס, פון פאַרמעסטן זיך מיט אַ קלאָץ אויף אַ דאַרן, אויסגעהאַרעוועטן רוקן...

אָט שפּאַצירט אַרום יאַנוש און נעמט אויף מיט יובל יעדן געשריי פון אַן איבערראַשטן, וואָס פאַלט אַוועק אַן עלעקטריזירטער פון זיינס אַ שלאַק אומגעריכטערהייט...

פּלוצלינג נעמט פון הימל אַראָפּוויינען מיט דיקע וואַרעמע טראָפּנס. אין געציילטע מינוטן נעמט זיך אַראָפּלאָזן אַ הוראַגאַן, וואָס פאַרגיסט די אויגן, דעם האַלדז, צעווייקט דאָס העמד... צווערשט כאַפּן מיר אויף די טראָפּנס מיטן מויל מיט גיריקייט. אין לאַגער איז געגנצלעך נישטאָ קיין וואַסער און בלויז ווען עס רעגנט, האָבן מיר די געלעגנהייט צו פאַרנעצן דעם טרוקענעם האַלדז... באַלד אָבער נעמט עס גיסן פון קאָפּ, די דינע הויזן און דאָס העמד קלעפּן זיך צו צום לייב און יאָגן אַריין אַ נאַסע קעלט אין די ביינער אַריין. די פאַראַרבעטער מיט די ס. ס. זעגען זיך צעלאָפן אין די שכנותדיקע באַראַקן אַריין, וואָס מ'האָט אָנגעהויבן צו שטעלן. פון דאָרטן שרייען זיי צו אונדז אַרויס:

— ווייטער ארבעטן!... ווער עס וועט שטעלן דעם ערשטן טריט פון זיין אָרט, ווערט תיכף דערשאָסן! אָבער ווי אזוי ארבעטן, אַז דער וואַסער־פּלייץ פאַרגיסט די אויגן און אז אויף יעדן קאָפּ טאַנצט אַראָפּ א כוואַליעדיקע קאַלוזשע?! שטעלט יעדער ארויס מיט רעזיגנאַציע דעם קערפּער פארן וואַסער־כליאַפּ און זאָל ער טאָן וואָס אים ווילגעפעלט... מ׳בויגט בלויז טיפער אַראָפּ דעם קאָפּ, די וואַסערדיקע שפּילקעס זאָלן נישט אזוי שטעכן די אויגן... דעם רעגן גלוסט זיך אָבער נישט אזוי שנעל אונדז אָפּצולאָזן. ס׳איז אים ווייזט אויס געפעלן דער שפּיל מיט אונדז. ווארט מען: אפשר וועלן זיי אונדז דאָך נעמען אין אכט און ארייַנלאָזן ערגעץ־ווו... די זון איז אָבער רחמנותדיקער ווי א מענטש. פון א ווינקל ארויס איז זי אָנגעקומען און מיט א שמייכל גוטמוטיק גענומען אויסזידלען דעם צעשטיפּטן רעגן. דער הוראַגאַן האָט זיך פאַרשעמט, גענומען צוריקציען אַלץ ווייטער און ווייטער און מיט שווינדל־טריט זיך גענומען אָפּטראָגן איבער דער ווייטקייט פון פעלדער... דער טאָג האָט זיך צו אונדז צוריק צעשמייכלט ווי א קינד וואָס האָט נאָר וואָס אָפּגעטאָן א שקאָצעריי און איצט לאַכט עס אויס דעם טאַטנס פאַרדרוס...

אָט גייט ווידער די ארבעט. נאָרמאַל פליסט זיך ווייטער דער טאָג אין דעם פאַרגאַנגענעם אַריין, ווי דער נעכטיקער קאַ־על־טאָג, ווי פאַראַכטאָגן, ווי מיט חדשים צוריק... מיט א גיריקן ווארטן ציילט מען שטיל אין זיך אַריין יעדע מינוט וואָס גייט אוועק און שלעפּט צו זיך מיט פוילע טריט די מיטאָג־פּויזע. מ׳האָט מורא אויפצוהייבן די אויגן און זען ווי הויך די זון שטייט שוין. בלויז דורך אירע ווארימע ליפּן, וואָס זויגן דעם פייכט פון אונדזערע בגדים, דערשפּירט מען אַז די אויסגעבענקטע שעה קומט אָן. און יעדער גרייט זיך מיט א פאַרשטיקטער פרייד א לאַנגן אָטעם צו טאָן און מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן א זופּ צו טאָן א כוואַליע פרישע לופט.

## II

פלוצים הייבט אָן עפּעס אַן אומרואיקייט זיך צו צעוויגן דאָרט אויבן, אין שפּיץ פּלאַץ, ביי דעם בערגל. שוין איז דאָרט אַלץ אין באַוועגונג. א

הויכער ס.ס.־מאַן שטעלט זיך אויף פון זיין אָרט און לאָזט זיך לויפן מיט א געשריי, וואָס מוז אפילו פאַר אים קלינגען נישט-נאַטירלעך:

ש ל ו ם ! ! ! ש מ י י ס ן ד י א ר ב ע ט ! ! ! אַלץ מאַרשירט זאָפאָרט צוריק אין לאַגער!...

איבערן מח טוט עס א האַרטן זעץ ווי א דונער: א ה א, ס׳הייבט זיך שוין אָן! אינסטינקטיוו זוכן די אויגן א שטיקל אָרט: אפשר זיך אויפּרוימען? פאַרשטעקן זיך אפשר אין דאַנעבנדיקן בעטאָן־פאַס? פאַר־צווייפלט בעט זיך דער לעבנסווילן ביים געדאַנק: געוואַלט, וואָס טוט מען!? גיב אן עצה!!! מעכטיקע קלעפּ לאָזן נישט דערפירן די מחשבה ביזן סוף. אַלע ווערן שנעל צוזאַמענגעטריבן אין די רייען און מיט א טייוולאָניש געיעג ווערט אַלץ געשטויסן פאַראויס צום לאַגער... ביים טויער פאַרגעסן די ס.ס. פון גרויס געאייל מכבד צו זיין יעדן איינעם מיט די געוועגלעכע אריינגאַנגס-קלעפּ. — וואָס קומט דאָ פאָר? מיט פחד אין בליק זוכט יעדער דעם באַשייד אויפן צווייטנס פנים. ס׳ווייסט אָבער קיינער גאָרנישט. די בלאָק-עלטסטע האָבן בלויז געהערט, אז היינט וועט מען מער נישט אַרבעטן... מ׳זאָל עפּעס קלייבן מענטשן...

...ק ל י י ב ן מ ע נ ט ש ן ! . . . ניין, איר וואָס זענט נישט געווען אין קיין געטאָס און קאָנצענטראַציע-לאַגערן — אייך וועט קיין שפּראַך אין דער וועלט נישט בכוח זיין צו דערקלערן, צו פאַר־טייטשן וואָס דאָס באַדייט אַזוינס... א פעלשער אָדער ליגנער וועט זיין יענע שרייבער, וואָס וועט זיך אונטערנעמען אייך עס א י נ ג א נ צ ן אָפּצוטייטשן... גאָרנישט: קלייבן מענטשן! און א לאַגער־מענטש ווייסט שוין מיט וואָס דאָס שמעקט, וואָס מען דערשפּירט ביים דערהערן אַזא קורצן אָנזאָג... טויט? ווער האָט דען אויף אים נישט געוואַרט? ווער איז עס אויסגעקומען צו באַגעגענען אים און ער זאָל אים נישט אויפ־נעמען מיט א רואיקן שווייגן, ווען ער האָט אים דערקענט אויף קלאָר!?... דער עיקר איז דאָך די אומבאַקלערטע אימה אַרום דעם נישט־דערזאָגטן אָנזאָג — — —

דאָס מיטאָג ווערט אַרויסגעגעבן אין געאייל. באַלד וועט פאָרקומען

אן אויסערגעוועגלעכע ציילונג, בלאָקנוויז. וויינטרעטער, דער בלאָק-שרייבער, וואָרנט, מ׳זאָל זען, אויב די פיס זענען ריין. אין לאגער איז גישטאָ קיין וואסער און דאָך מוז מען אויסהאלטן די קאָנטראָלן, ווען מען זוכט א ברעקל שמוץ אויפן קערפער, אויף די נעגל פון די פוס-פינגער... היינט זאָל מען, הייסט עס, קאָנטראָלירן... יעדער ווייסט אָבער, אז נישט דאָס איז עס היינטיקער אלארם...

הע, אויף וויפל ווארט עס שוין דער טויט מיט אן אָפן, נייגעריק מויל? נאָר ביים מיטאָג אין דער ריי שטויסט מען זיך און קיינער וויל נישט ארייננקוקן דער שפעטערדיקער שעה דרייסט אין די אויגן אריין...

— א נ ט ר ע ט ן ! ! ! נאָך איידער דאָס וואָרט דערלאנגט זיך צו דיין פארשטאנד, ווערט ארום דיין בלאָק א קייט פון בלאָק-שרייבער, שטובנדינסט, מיטהעלפער און ס. ס. מ׳נעמט די מענטשן שלעפן פון איין עק פלאץ צום צווייטן אָן א ציל אָדער מיטן איינציקן ציל — ציילאָז צו מאכן...

— וואָס זאָל דאָ געשען? יעדער באזונדער אנט עפעס ארויס פון דער טונקעלער באוווסטזיין-קעשענע אויף זיין שטייגער. מ׳זעט זיך אויף דער שוועל פון אן איבערברוך. וואָס-וואָס, נאָר ווייטער וועט אזוי נישט זיין.

אומנויטיק האָגלען די שטעקנס איבער די קעפ. אלע באפעלן ווערן סיי-ווי פינקטלעך אויסגעפירט.

— א ו י ס ט א ן   ז י ך !

און שוין איז יעדער א נאקעטער. ניין, ס׳איז נישט בלויז די גע-האָרכזאמע, ווילנלאָזע אטראָפירטקייט פון דער מאסע; גיכער איז עס דער אָדער-שלאָג פון א געהיימען פולסירנדיקן לעבן, וואָס ריזלט דאָרט ערגעץ אונטער די אָפגעשטעלטע, דערשראָקענע בלוטן. ס׳איז דער נייגער פון מענטשן, וואָס ווילן שוין וואָס שנעלער ארונטערבליקן הינטער די קוליסן פון אייגענעם גורל... טרייבן זיי אונטער וואָס שנעלער די געשע-עניש מיט די אייגענע הענט: פיבערדיק ווערט פון זיך אראָפגעריסן דער הויז... די שיך... שנעלער! שנעלער!!! לאָמיר זען, וואָס ווייטער וועט זיין — — — — — — — — — — — — — — — —

„— אויף דער צווייטער זייט אריבער!" און שוין פּאַקט זיך אַלץ, דרענגט אריבער מיט שטורעם.

„אַנטאָן זיך!" און מיטן אוינגבליק איז אַלצדינג אין באַוועג... גייט דאָ בלויז א נערוונשפּיל? ס'איז גאַרנישט מיט גאַרנישט! פּרוווט עמעץ פון עולם אויפן קול טרייסטן זיך אליין. באַלד אָבער ווערן די געדאַנקען ווידער געטריבן אין ווילדן, שנעלן גאַלאָפּ. באַוואָפנטע ס.ס.-לייט הייסן אָפּזונדערן א גרעסערע גרופּע פון פּלאַץ. ס'געדויערט עטלעכע סעקונדן, ביז כ'וויס, אז כ'בין אין מיטן. ביסלעכווייז ווערן מיר געטריבן ביז צום נ יי נ צ נ ט ן באַראַק צו... אהא! א ק אָ נ ט י נ ג ע נ ט! נעכטן ערשט האָט מען פון ניינצנטל ארויסגענומען די לעצטע רעזערוון פאַר דער גאַז־קאַמער — גייט מען איצט באַזאָרגן דאָס 19טל מיט פריי־שע קרבנות... יעדער באַזונדער פּרוווט זיך מיטן קליינעם ביסל וואכן לעבנסווילן צוריקציען, ווערט אָבער צוריק אריינגעדרענגט און צוריק־געשטויסן — פון די אָנקומענדיקע — אינעם גרויסן, מיט דראָטן־ארומ־געצוימטן הויף...

ווידער א באַפעל פון אויסטאָן זיך. נאַקעט שטייט יעדער און וואַרט, ביז מען וועט אים ארויסלייענען פון דער ליסטע ארויס. א קאָמיסיע פון ס.ס.-אָפיצירן און ס. א.־מענער שטייען אין צוויי אקעגנאיבערדיקע ריי־ען; יעדער אויסגעלייענטער פון דער נאַקעטער ריי טרעט אריין אין דער מיט. א מינוט שטייט ער מיטן פּנים צו זיי. צוויי צענדליק שטעכיקע אויגן זויגן זיך איין אין זיין פּנים, אין די הענט, פיס און אין יעדער אבר זיינעם...

א צייכן מיט א פינגער — און דער נאַקעטער דרייט זיך אום ווי אַן אויטאָמאַט מיטן רוקן צו דער קאָמיסיע. ווידער א קורץ באַטראַכטן און ווידער אַן אָנווייזן מיטן שפּיץ פון א בלייפעדער:

— ר ע כ ט ס... ל י נ ק ס... רעכטס, לינקס...

איז דער קערפּער גאָר דאַר, דער געזעם — שוואַרץ פון באַקומענע קלעפּ אָדער ער איז גלאַט הויטיק־איינגעפאַלן — איז דער צייכן אויף רעכטס, ווו די טונקעלע עפענונג פון ניינצענער באַראַק  ג א פ ט  מיט

א גרויס, אָנצייניק און צעחושט מויל... פארלוירן פארשווינדט דאָרט איין געשטאַלט נאָכן צווייטן:

צו־אַלט! צו־יונג! צו־דאַר! צו פעט

(א פּלאַ: געווען אויך אַזעלכע נאָך...).

בלויז א קורצער איבעררייס, אַן ענדערונג מיטן בלייפעדער־שפּיץ: לינקס! און שוין ווייגט זיך א יונגער, קאָקעטיש־טענצלדיקער קערפּער ארויס דורכן טויער אויפן פּלאַץ ארויס... נישט איינער אָריענטירט זיך אין וואָס עס האנדלט זיך און ער וויל פארבייטן די יוצרות. אָבער שוין־בלויז דאָס פארנעפּלטע אויג פונעם „הויפּט־ארצט" איז גענוג, עס זאָל גרימאַסיק א הויב טאָן מיט א ברעם, א מאַך טאָן א האַלב־ירגזונדיקע תנועה — און שוין כאַפּן צענדליקער הענט דעם שווינדלער און „קאָמבינאַטאָר" און שמייסן אים צוריק אין דער דאָ־וועלטיקער כף־הקלע אריין... ווי יענע לעגענדאַרע שדים אין די בייזע מוסר־ספרים דאָרט...

איך ווער ארויסגעשטויסן פון די לעצטע דורכן טויער. אין דרויסן טוען די מענטשן זיך אָן מיט בהלהדיקער שנעלקייט. זענען מיר שוין די „גליקלעכע", די אויסגעקליבענע? די אויגן קוקן זיך זוכנדיק ארום: קען מען שוין פריי צוריקגיין אין די באַראַקן אריין? א שפּאַליער פון פונקציאָנאַרן צוימט אונדז ארום. ביי יעדן ווערט קלאָר, אז דאָס איז ערשט דער אָנהייב פון א לאַנגער קייט. עס דוכט זיך, אזוי ווי דו וואָלסט אריבער א גרויסן בארג און ערשט איצט דערזען, אז דו ביסט מיט בערג ארומגערינגלט... ווידער ווערט פון אונדז פאַרמירט א ריי און מיר ווערן געפירט אין קאַנצעלאַריע. דאָרט ווערן מיר אריינגעשטויסן אין דעם גרויסן אויסגעליידיקטן באַראַק נומער 13. הינטער אונדז ווערט צוגעמאַכט א גרויסע, שווערע טיר. יעדעם האַרץ גרילצט־מיט, מיטן זשאַווער גרילץ פון א צוגעהעמערטן שלאָס אויף יענער זייט פון דער טיר.

### III

מיר זענען צוגעשלאָסן. נישטאָ מער וואָס צו רעדן און וואָס צו

טראכטן. ס׳בלייבט בלויז איין זאך: צו ווארטן! די נערוון לאָזן אָבער נישט אײנזיצן רואיק אויף דער פּאָדלאָגע. ס׳האָט עמיץ דערשמעקט, אַז ס׳איז דאָ אויך פאראן א הינטערטיר, וועלכע ווערט געהיט פון לאגער־שרייבער — שטויסט מען זיך צו איר, ווייל מען הערן עפּעס פון אים דורכן קליינעם שליסל־לאָך: טאָמער ווייסט ער... טאָמער קען ער... טאָמער וועט ער...

אין א שעה ארום הייבן ווידער אָן די הערצער צו קלאפּן. א גרילץ זעגט איין די געשפּאנטקייט. די טיר עפנט זיך מיט א ווינט:

— אלע מוזן ארויסגיין! מ׳גייט אין באָד אריין!

מיר שטעלן זיך אויס אויפן אפּעל־פּלאץ און מ׳ווערט געפירט פאר־טיעסווייז צום אויסבאָדן און איבערטאָן זיך. דאָס וואשן און אָפּשערן גייט צו שנעל. מ׳ווערט אריינגעפירט אין מאגאזין. יעדער איינער באקומט אנ־דער אָנטועכץ. ציוויל־אנצוגן מיט א רויטן פארב־שטריך אויף די הויזן און ראָק. אַנדערע באקומען נאָך גאָר־גוטע אנצוגן. ווען נישט די ארויף־געשמירטע פארב, וואָלטן זיי נאָך געווען גאנץ לייטיש. דערפאר אָבער נעמט מען אונדז צו די האָלצשיך, וואָס האָבן נאָך איבער זיך א לעדערן זיימל און מ׳גיט אונדז האָלענדישע טרעפּעס אין דער פאָרם פון שיפ־לעך... וואָס פאלן אראָפּ ביי יעדן טריט פון די נאקעטע פיס... דאָס זאָל זיין א „סגולה", מען זאָל נישט אנטלויפן אויפן וועג... מיר ווערן צוריק־געפירט אין לאגער און ווערן צוריק אריינגעשטויסן און צוגעשלאָסן. ווען מיר באווייזן זיך בלויז אנידערצולייגן אויף דער פּאָדלאָגע, קלאפּט מען אין די טירן. א באפעל:

— אלץ זאָל זיך אינעווייניק אויסשטעלן אין דער ריי... מ׳גייט אי־בערציילן... ציילט מען און מ׳ציילט און מ׳קען צו קיין טאָלק זיך נישט דערציילן. אָט זענען צוויי מאן איבעריק — לויט דער אויסגעשריבענער ליסטע. און אז מען ציילט נאָכאמאָל איבער, צוליב פעסטשטעלונג — פעלט גאָר איינער צו דער באשטימטער צאָל... די נערוון האָבן נישט אויסגעהאלטן. קיינער וויל נישט גיין מיטן צופעליקן גורל. מ׳טאפּט אין דער פינצטער און דאָך וויל מען זיך מיט עפּעס ענדערן די באשטימט־קייט — הגם, מ׳ווייסט אליין נישט, אויב דאָס איז צום גוטן אָדער צום

שלעכטן. דאָ אין באראק האָבן א סך מורא, אז פון דאנעט פירט מען אוועק צום טויט אָדער ווייסט זיי דער טייוול וווהין. באמת מען זיך ארויסצו־באקומען דורך א הינטערטיר. וואָס איינער האָט באוויזן ארײַנצושמוג־לען מיט זײַן נאקעטן לײַב — גיט ער דערפאר אוועק דעם לאגער־שרײַ־בער... — ווייסט ער שוין, וואָס עס וועט אים טרעפן אינדרויסן, ווען ער וועט קומען צו זיך אין באראק? קיינער וויל דערפון נישט קלערן. אַלץ אין אים רײַסט זיך: אבי זיך ארויסצובאקומען פון דאנעט... זאָל אַלצ־דינג מיט אים געשען, אבי נישט אָט־דאָ... אזוי ווי דאָ וואָלט דערוואַרט שרעקלעכערס ווי ד אָ ר ט.

דערפאר זענען די מענטשן פון די נאָך־נישט איבערגעקליבענע באַ־ראקן אויפסניי צערודערט. דאָרט גייען ארום קלאנגען, אז מיר וועלן אוועקגעשיקט אין א פאבריק פון האָניק און מילך; עסן באקומט מען דאָרט איבערן קאָפּ אריבער... פרײַע באוועגונג... אָן ס.ס. אזא מין געטאָ... מענער מיט פרויען צוזאמען... איז מען אונדז מקנא, באדויערט מען, פאר־וואָס מ'האָט זיך נישט ארײַנגעכאפּט אין דער ריי, וואָס מ'האָט געפירט צום אָפּקלײַב.

פון אינעווייניק שטעקט מען אָפּ פארשידענע מתנות דעם סעקרע־טאר פון דער שרײַבשטובע, ער זאָל שטרײַכן פון דער ליסטע און ארויס־לאָזן אין דרויסן, אין די אָפּגעשלאָסענע באראקן שענקען מענטשן פון זיך אוועק דאָס לעצטע דער שטובנדינסט, מען זאָל זיי ארויסלאָזן פון באראק. ז י י וועלן זיך שוין צובאקומען און ארײַנשמוגלען צווישן די אויסגעקליבענע!

דער בלאָק־שרײַבער האלט אפילו קאָפּ, וויפל ער לאָזט ארײַן און וויפל עס גייען ארויס. איז אָבער מעגלעך, ער זאָל אַלץ דערהיטן? די מענטשן דאָ שפּילן מיט זייער לעבן א פאַרקאַכטן בלינד־שפּיל. גורל ווערט געטוישט אויף גורל דורך דעם קליינעם טיר־שפּעלטל... עפנט מען איינעם — רײַסן זיך צוויי ארויס; דארפן ארײַנגיין צוויי — שפּארן זיך ארײַן פיר... — איז דען א וווּנדער, פארוואָס ביי יעדן מאָל ווען מ'ציילט, שטימט נישט די צאָל?

די ס. ס. קומען און פארלאנגען די גענויע ליסטע, די צאָל מיט די

געגויע נעמען... די שרייבער קענען עס נישט באווייזן. די ס. ס. נעמען שלאָגן מיט גרויסע, לעדערנע לולבים אין דער מאסע אריין. עס ווערן אויך נישט געשוינט די מיוחסים — די סלאָוואקיש־יידישע לאַגער־שרייבער, גראָד האָט זיך עמעץ צו־שפּעט מיישב געווען און פּרוווט זיך פּונקט־איצט דאָ אריינשמוגלען. די טיר ווערט שוין איצט שטרענג גע־היט פון א פארשטעקטן ס.ס.־מאַן — און מ׳דערווישט אים. די שרייבער זוכן א קרבן, אויף וועמענס פּלייצעס ארויפצוואַרפן די גאַנצע שולד פאר דער אומאָרדענונג און דאָ איז דער קרבן ווי פון זיך אליין אין דער האַנט אריינגעקומען... מיטן טריאומף ווערט ער צוגעפירט צו דער ס.ס.־פאַרוואַלטונג: אָט דער איז איצט געקומען!...

א קורצער קרייץ־פאַרהער: איז ער דאָ געווען פריער, נאָר ער האָט זיך פארשטעקט אָדער וויל ער זיך ערשט איצט אריינבאַקומען? דאָס איידעלע פּנים ביים געכאַפּטן איז צעבלוטיקט פון קלעפּ און טויט־דער־שראָקן. עס ווייזט זיך ארויס, אז דאָס איז עפּעס א רב אָדער א רבי פון ערגעצוווּ... כ׳קען אין טומל נישט דערגיין ווער און וואָס... די ס.ס. פאַרלירן די בייזע שטימונג. א גליקלעך שמייכעלע צעלייגט זיך אויף זייערע גרויסע, וואָרשטיקע ליפּן: אַהאַ, א ראַבינער! דער קרבן ווערט ארויסגעפירט און דאָס כאַאָטישע ציילן הייבט זיך אָן אויפסניי... אין א האַלבע שעה ארום שרייט עמעץ אריין דורך דער טיר, אז דער ראַבינער איז געהאַנגען געוואָרן! ווער ס׳איז דאָ נישט פארשריבן און קאָמבינירט ביז דער לעצטער מינוט, אָדער די וואָס האָבן זיך שפּעקולירנדיק פארשריבן אויף דער צווייטער ליסטע און אויף דער ערשטער — נישט, זאָלן זיי וויסן אויף קלאָר, וואָס זיי קען ארָאָפּפאַלן איבער די קעפּ און פארוויקלט א שאָטן ארום יעדן נאָמען די שרייבער ווערן טרוקן פון שרייען. די נאכט האָט דערווייל געגומען ארָאָפּפאַלן איבער די קעפּ און פאַרוויקלט אַ שאָטן אַרום יעדן נאָמען פון די פארשריבענע ליסטעס. ס׳איז דערפאר געקומען צו אן איבעררייס. די ס. ס. זענען אוועק אויף נאכט־עסן.

# קאַפּיטל פיר

## I

ביינאַכט האָבן אַלע אויסגעקליבענע געמוזט זיך אויסשטעלן אויפן פּלאַץ. אינדרויסן ביים שיין פון עלעקטריש ליכט, האַרט פאַרן טויער האָבן שוין געוואַרט אַ ריי אָפיצירן און ס.ס.־מאַנשאַפט, צוזאַמען מיטן לאַגער־עלטסטן און קאַפּאָס, וועלכע האָבן געמיינזאַם באַדאַרפט אַדורכ־פירן די לעצטע קאָנטראָל און דערביי אויך באַשטראָפן פאַרן ביז־איצ־טיקן כאַאָס. מען האָט יעדן איינעם באַזונדער אויסגעלייענט. צוויי קאַ־פּאָס האָבן קאָנטראָלירט, אויב די ליסטע שטימט מיט די אָנגענייטע נו־מערן אויפן ברוסט. ווען די ערשטע 50 זענען פאַרטיק געוואָרן, האָט מען זיי צוגעפירט צו דער טיר פון באַראַק און זיי געהייסן אַריינגיין איינציק־ווייז. ביי דער טיר זענען געשטאַנען דער הויכער ווינער קאַפּאָ און נאָך איינער. זיי האָבן געהאַלטן גראָבע שטעקנס אין די הענט. יעדער האָט געמוזט אַריינלויפן און איבערשפּרינגען די פינצטערע שוועל. די צוויי קאַפּאָס האָבן דערווייל געהאָגלט מיט קלעפּ, וויפל ס'האָט זיך נאָר גע־לאָזט. אין באַראַק האָט זיך יעדער געזעצט אַ דערשלאָגענער אויף דער ערד, אין אַ ווינקל און געשוויגן.

מ'האָט געקענט הערן ווי דער הויכער קאַפּאָ „פאַרענטפערט" זיך פון צייט־צו־צייט איראָניש פאַר אַ קרבן:

— איר ווערט פון דאַנעט אָוועקגעשיקט — און איך וועל שוין נישט

האָבן די געלעגנהייט אייך צו שלאָגן... אלזאָ, דאָ האָט איר פון מיר לעצט־געלט — צום עווינגען אנדענק...

ד אָ ס   ציילן זאָל שוין זיין דאָס אנטגילטיקע.

די ס.ס. האָבן ספּעציעל געהייסן לייענען די ליסטעס אויף צוריק, בכדי די מענטשן זאָלן זיך נישט אָריענטירן. אזוי ווי איך בין בייטאָג געווען פון די לעצטע — איז מיין נומער אויסגעפאלן פון די צווייטע 50. מיין קערפּער איז שוין געווען אזוי צוגעוווינט צו קלעפּ, אז אייגנציקע קלעפּ האָב איך שוין כמעט נישט געשפּירט. דאָס מאָל אָבער, ווען כ׳האָב ביים בלאָסן שיין פון טויער־לאָמפּ געזען שטיין דעם הויכן — איז מיר אדורך א שוין־לאַנג פארגעסענער טעם פון שוידער דורך די גלידער. ס׳איז אפשר נישט געווען די שרעק פאר די פּאָר שטארקע קלעפּ, וואָס כ׳דארף באקומען — ווי די אימה צו געפינען זיך עטלעכע סעקונדן אין דער נאָענט פון ווינער קאַפּאָ... איך האָב זיך דעריבער צוגעגרייט צו מאכן באצייטנס אזא פלינקן שפּרונג, אז עס זאָל מיר געלינגען אויסצומיידן וועלכן ס׳איז קלאַפּ פון זיין האנט...

ענדלעך הער איך אויסרופן מיין נאָמען. איך שריי אויס: י א ! און שוין שטיי איך, מיט נאָך איינעם, פאר דער טיר. אויף א סעקונדע באמערק איך, אז דעם הויכנס האנט איז אראָפּגעלאָזט... בליצשנעל שפּרינג איך אריין ווי א ווינט אין באראק. האָב איך נישט געשפּירט? אָדער אפשר האָב איך טאקע אין מיין בליציקן שפּרונג דעם קלאַפּ אויסגעמיטן — פּונקט ווי איך האָב א סך זאכן אויסגעמיטן אין פארלויף פון די גיהנום־יאָרן א דאנק א געלונגענעם שפּרונג? נאָך היינט וויים איך עס נישט אויף קלאָר. איך האָב בלויז דערשפּירט א שטאַרקן קלאַפּ פון הויכנס זייט, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן אין מיין הילצערנעם שוך. עפּעס־וואָס האָט מיט א הילך זיך אָנגעשלאָגן אויף די שטיינער ביי דער טיר. איך האָב עפּעס ווי יאָ־געשפּירט און נישט־געשפּירט, אז אויף איין פוס איז מיר לייכטער געוואָרן... אויפן מיטן וועג פון צושאַרן זיך צו א ווינקל האָב איך דערפילט, אז כ׳בין מיט איין באָרוויסן פוס... וואָס טאָן? א פארצווייפלונג האָט מיך ארומגעכאפּט: זאָל איך נאָכאמאָל ארויסגיין זוכן דעם שוך? דער אינסטינקטיווער געפיל פון שוידער פאר די היינטיקע

קלעפּ האָט מיך מיט מאַגנעטישער קראַפט געצויגן צו דער ערד. מיט א האַלב־קלאָרן גערדאַנק האָב איך זיך געמאַכט א חשבון, אַז אַרויסגיין נאָך אַמאָל נעמען דעם שוך — באַדייט צו ווערן ממש פאַרפּייניקט פון די צוויי מלאכי־חבלה ביי דער טיר. איך האָב שוין געהאַט דעם פּעסטן באַ־שלוס איבערצולאָזן דאָ דעם צווייטן שוך און — טאָמער וועט מען אונדז ערגעץ שיקן, וועל איך פאָרן באָרוויס...

נאָר פּלוצים איז עפּעס שטיל געוואָרן מיטן אויסלייענען די נעמען אין דרויסן. עפּעס א דיקע, הייזעריקע שטימע האָט געפרעגט מיט קענ־טיקן צאָרן:

— ווער האָט דאָ פאַרלוירן א שוך?... א קאַלטער, פּורכטיקער שוויס האָט מיך באַגאָסן... וואָס וועט איצט זיין מיט מיר? איינדרויסן האָט די גאַנצע עדה געשוויגן. די פראַגע איז נאָכאַמאָל פון וועמען איבערגעזעצט געוואָרן אויף פּויליש. דאַסמאָל האָט שוין עמעצער געענטפערט, נאָר מיין געהער האָט נישט געקענט אויפכאַפּן וואָס אַזעלכעס... שפּעטער האָט ווידער די כראַפּענדיקע שטים ביי דער טיר אַרויסגעגרילצט צום לאַגער־שרייבער, וואָס האָט אַרויסגעלייענט די נעמען פון דער ליסטע:

— שרייבער. ווי הייסט מיטן נאָמען דער לעצטער, וואָס איז אַריין מיט די צווייטע 50 העפטלינגען?

דער גאַנצער גוף מיינער איז געוואָרן איין שטיק געשפּאַנטער גע־הער. אַפילו דאָס האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן, בכדי נישט צו שטערן מיטן מינדסטן גערויש. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך הער אַפילו דאָס שאָרכן פון פּאַפּיר ביים מישן די ליסטע... א דין געשפּאָלטן שטימעלע האָט לאַנג נישט געלאָזט טראַכטן:

— ש ט ר י ג ל ע ר! הער לאַגער-עלטסטער...

דאַסמאָל דערשפּיר איך שוין דעם טעם פון טויט קלאָר און דייט־לעך. ווי יעדעס מאָל אין אַזעלכע מאָמענטן ווער איך צוריק ניכטער און רואיק, גרייט אַלצדינג אויפצונעמען.

„— זיי וועלן מיך איצט אויפהענגען!" גיט א מחשבה מיט א גלייכ־גילטיקן טרויער א פּיק אין קאָפּ. ס'איז אָבער קיין שרעק נישטאָ אין אָט־דעם מח־בליץ. ס'טראַכט זיך אַזוי ווייט וועגן דעם:

„— אויפהענגען... אויפהענגען...” ווי יעדע רגע צווישן לעבן און טויט, דויערט אויך דאָ די שטילע פּויזע לאַנג, שוין צו־לאַנג... אַלץ אין מיר איז אָנגעשטרענגט פון גלייכגילטיקן נייגער פאר דעם וואָס עס קומט ווייטער. א הויכער סילועט לאָזט אָפּהילכן עטלעכע טריט אויף דער היל־צערנער פּאָדלאָגע, נאָך דער שוועל. ער שטייט א מינוט און דאַן ברילט ער ארויס:

— שטריגלללער!!!

איך דערקען אים שוין איצט אויף קלאָר. איצט וויים איך, אז אַלץ איז פארלוירן. ליג איך בלויז אין מיין ווינקל, אָבסערוויר אים און — שווייג... זע איך ווי ער צינדט אָן זיין לעמפּל און גייט פון מענטש צו מענטש... דער באראק איז נאָך דין באַשיט מיט מענטשן, וואָס ציען זיך אוים אויף א מינוט אָפּצורוען. זיי נוצן אוים די געלעגנהייט, וואָס אזוי ווייניק זענען דאָ פאראן און ס'איז רואיק. טו איך אויך אזוי. באלד הייסט מיך א מעכטיקע האנט:

— דיין נאָמען?

מיין שטים איז שוין פארגליווערט געוואָרן אין קעל און אויסגע־וועפּט געוואָרן פון לעצטן ברעקל ציטער. ענטפער איך מאָדנע רואיק, ווי נאַטירלעך: שטריגלער! א ווײַלע ווערט ער עטוואָס צעטומלט פון זיין געפינען מיך און נאָכמער אפשר פון מיין גאָרנישט־איבערגעשראָקענעם ענטפערן. אין זיין האנט טרייסלט זיך א שוך... מיין „פארלוירענער” שוך... ער בויגט זיך צו מיר אראָפּ... איך ליג ווייטער אומבאוועגלעך. א פּאָר פּארגאָסענע אויגן נעמען מיך אדורך:

— איז דאָס דיין שוך?

— יאָ!

— פארוואָס ביסטו אים נישט געקומען אויסזוכן צוריק?

— כ'האָב אייך נישט געוואָלט שטערן אינעם אָרדענען די ליסטע...

— האָסטו נישט געהערט, ווי כ'האָב אויסגערופן דיין נאָמען?

— כ'האָב געהערט. נאָר כ'האָב נאָך געוואָלט געווינען א פּאָר מי־נוט צייט ביז צום באַקומען געשלאָגן...

— וואָס האָסטו געקלערט צו מאכן אָן איין שוך?

— כ'האָב באשלאָסן אוועקצופאָרן אָן ש י ד . . .

ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט נאָך נידעריקער צו מיר. פון זיין מויל האָט זיך געשפּירט דער ריח פון געזויפטן בראָנפן. זיינע אויגן האָבן טיף אריינגעקוקט אין מיינע. ווידער האָט דער שוידער אויפגעוואכט אין מיר, צוזאמען מיטן באוווסטזיין, אז אָט־אָט שטייט פאר מיר דער וואמפּיר פון דער קאָמענדאנטור־שטעלע... ווי אין גייסטיקער פארנעפּלטקייט האָב איך געהערט זיין שטילן שעפּטש:

— וואָס ווילן זיי פון אייך, די נאצי־באנדע!? זאָג!

דאָס מאָל האָב איך שוין געשוויגן א פארזונקענער, נישט קענענדיק פון זיך ארויסברענגען אן איינציק וואָרט. ער האָט נאָך געוואַרט א מינוט, זיך אויפגעהויבן און אוועק מיט וואקלדיקע טריט. דורך דער טיר זענען אריינגעקומען פרישע מענטשן. ווידער האָט זיך געהערט דער אָפּהילך פון קלעפּ איבער קעפּ און רוקנס און די שטים פון הויכן ווינער קאַפּאָ...

א מאָדנע נישט־דאָאיקע שרעק האָט מיך ארומגענומען: ע ר איז אָט־דאָ־געשטאַנען!... האָט ער מיך נישט אמאָל דערשטיקט? אָבער — ניין! ער האָט מיך ממש נישט אָנגערירט. און וואָס האָט ער געזאָגט? האָט ער מיך געוואָלט פּראָוואָצירן? צוליב וואָס? קען ער מיך דען נישט אזוי דערשטיקן און פּייניקן? כ'האָב געהערט אונטער זיינע רייד ארויסקרעכצן א באגראָבענעם ניצוץ ערנסטקייט... הייגט טראכט איך: ווער ווייסט, וואָס עס איז געלעגן אויף דעם דנאָ פון אזא פארברעכער־פּסיכיק!? דאן אָבער האָב איך וועגן גאָרנישט נישט געקלערט. כ'האָב בלויז אויסגעשטרעקט די האנט און אָנגעטאַפּט מיין שוך. כ'האָב אים שטילערהייט אָנגעטאָן אויפן פוס און נישט געשפּירט קיין האָר וווּנדער אין דעם, וואָס ס'איז נאָר־וואָס געשען. ס'איז דאָך אזוי־פּשוט, אז ס'איז א שאָד א טראכט צו טאָן א מינוט דערפון:

א מענטש האָט מיר צוריקגעבראכט מיין פארלוירענעם שוך, וואָס ער האָט געפונען...

## II

ביינאכט... ווייניק נעכט אזעלכע קען א מענטש איבערלעבן! שוין איז דער באראק געפראָפט פון מענטשן. א גאנצן טאָג האָט מען גאָרנישט געגעסן און דאָ שטייען אלע שלענער ביי דער טיר. פון דער קיך האָט מען צוגעבראכט, מיט א וואָגן, פעסער מיט זופ. עטלעכע נאפט־לעמפלעך באלויכטן דעם באראק. אייגנטלעך איז דאָ איצט נישט ליכטיק און נישט פינצטער. פריער האָבן אלע מענטשן דאָ געהאט א בולט־שאָטנדיק גע־שטאלט און איצט האָבן אלע אויסגעזען ווי צערונענע וואקס־פיגורן, וואָס שפרינגען שווארץ אונטער ביי יעדן בויג פון אן אויפגעהאנגענעם לאָמפ... די גרויסע שאָטנס ארום די קליינע גופים האָבן אויסגעזען ווי א שמוציק־שווארצע טריפידיקייט פון צעשמאָלצענע ליכט. מ'האָט אָנגעהויבן אויס־טיילן דאָס עסן אין דער געריייצטער טונקלקייט. די מאסע, וועלכע האָט ביי זיך אויפגעבראָכן אלע שרעק-און געוויסנקראטן — האָט זיך געוואָרפן אויף די פעסער און זופ־עמערס... די באזוויפענע קאפאָס און עלטסטע האָבן בלויז געוואָרט דערויף. מ'האָט גענומען טרעטן מענטשן מיט די פיס; שטיוול האָבן געדריקט אויף כאָרכלענדיקע העלדזער... פייפערייען, גע־שרייען, שארפע דרעשערייען פון גומי־שטעקנס אין דער מאסע...

— א נ א כ ט ? אויב ס'האָט נאָך עמעץ י ע נ ע נאכט מיטגעמאכט און איבערגעלעבט — זאָל ער קומען און עדות זאָגן, אויב ס'איז נאָר א י י ן נאכט געווען...

אין דער פרי האָט מען אונדז געפירט אין דער ריכטונג פון באָד. מיר ווערן ארייננגעפירט אין א פעלד פון דער צווייטער זייט, וואָס איז ארומגעצוימט מיט דראָטן. דאָרט טרעפן מיר שוין עטלעכע הונדערט יונגע פרויען פונעם פינפטן פרויען־פעלד. זיי זאָלן מיט אונדז מיטפאָרן אין דער זעלבער פאבריק. אויפן הארץ ווערט אביסל לייכטער: אפשר ווערן מיר דאָך אוועקגעפירט אויף אן ארבעטס-פלאץ מיט בעסערע באַ־דינגונגען? ביי יעדן איינעם ווערט דער געדאנק לעבעדיקער: סוף־כל־סוף ווייסן זיי דאָך די דייטשן, אז מיר זענען אומשולדיקע מענטשן... איז, אפשר האָבן זיי זיך איבערגערעכנט און האָבן חרטה פאר דעם, וואָס

זיי האָבן אַזויפיל פון אונדז אויסגעראָטן? יאָ, זיי האָבן פאַר אונדז מורא, זיי ווילן אונדז אָבער געבן בעסערע באַדינגונגען, בכדי מיר זאָלן נישט אומקומען... בכדי מיר זאָלן קענען פאַר זיי אַרבעטן...

אָט זענען מיר צוזאַמען מיט די פרויען. אַנדערע דערקענען שוועסטערן, זייערע פרויען, מ'שמועסט פריי צווישן זיך, קיינער זאָגט נישט קיין וואָרט. מ'קושט זיך און מען הייבט אָן צוריק צו וועבן געמיינזאַמע פּלענער ווי אַזוי זיך איינצואָרדענען, ווען מ'וועט פאָרן צוזאַמען. מ'טרייסט זיך, אַז די נאַכט איז געווען די לעצטע פון דעם מאַידאַנקער קאָשמאַר... נאָר — אָט, אויך דאָס איז מען איבערגעקומען... די פרויען שרייען זיך איבער איינע די צווייטע ביים וועלן אויפמאַמאָל דערציילן דאָס וואָס ס'איז פאָרגעקומען ביי זיי אין פאַרלויף פון דער אָפּוואַרטנדיקער, געשפּאַנטער נאַכט... פּנימער הייבן אָן צו שיינען מיט אַ בלייערנעם, קרומען שמייכל פון אַ פאַרגאַנגענעם, וואָס מ'האָט שוין הינטער זיך...

פּלוצים — ווידער אַ באַפעל: ווידער אָן אויסשטעלן אין אַ שלאַנגען־ריי. דאָס פאַרשרייבן הייבט זיך אָן פונדאָסניי... מ'פרעגט יעדן אויס פּינקטלעך, וואָס פאַר אַ פאַכמאַן ער איז און צי ער האָט נאָך ערגעצווו קרובים... אַלץ ווערט פאַרשריבן פּינקטלעך אויף לאַנגע בויגנס, ביי וועלכע די קעפּלעך זענען פאַרשטעלט — מ'זאָל נישט זען, צוליב וואָס מען פאַרשרייבט און וווהין דער טראַנספּאָרט גייט... דאָס געדויערט לאַנגע שעהן.

ווען כ'גיב אָן מיין באַרוף: מ אַ ל ע ר. וואַרפן זיי זיך איבער מיט די בויגנס. איין שרייבער הייסט מאַכן אַ באַזונדער צייכן ביים נאָמען. איך הער בלויז ווי ער זאָגט:

— מעגלעך, אַז מאַלער דאַרפן זיי יאָ צו האָבן...

איך פאַרשטיי דערפון, אַז דאָ וועלן נאָך די גורלות פון דער גרופּע זיך צעגיין אויף פאַרשידענע וועגן. עס וועט נאָך גיין אַ ווייטערדיקער איבערקלויב פון נויטיקע און נישט־נויטיקע. און דו ווייסט נישט צו וואָס...

אַ ווינט האָט זיך דערוויייל אַריינבאַקומען דורך די דראָטן־קעסטעלעך צווישן אונדז. ער איז נישט געקומען מילד גלעטן די מידע קעפּ נאָר זיך צעפייפט ירגזונדיק אַזוי ווי מיר וואָלטן אים דאָ געשטערט אין זיין

שפּאציר־גאנג. אים צוהילף קומט א שלאקס־רעגן. עס נעמט גיסן עמער־ווייז. די שלאנגען-ריי נעמט זיך קורטשען, טוליעט זיך איין מיט איין גליד צום צווייטן. יעדער וויל, אז דער צווייטער זאָל אים פארשטעלן כאָטש פון איין זייט פאר דער פלייצנדיקער שטעכעדיקייט. עמעץ וויל אין צעטומלטקייט עפענען די טיר פון פלאָץ. א ס. ס. פּאָסטן פון אקעגנ־איבערדיקן ביידל ארויס נעמט מאניפולירן מיט דער ביקס... שטייט מען! דעם רעגן, זעט אויס, געפעלט דער שפּיל מיט אונדזערע ביינער. מ׳טראָגט בלויז א דין רעקל און א העמדל. אויפן צעגריבערטן פלאָץ שאפט זיך איין קאלוזשע נאָך דער צווייטער און מיר שטייען אינדערמיט. די נאקעטע פיס שטעקן אין די ווייסע, הילצערנע האָלענדערקעס. אין מיטן דער וואסערדיקער צעגאָסנקייט זעט עס אויס ווי מכשפים וואָס מאכן אן אויספלוג מיט קליינע כשוף־שיפלעך איבערן ים... דאָס אָנטועכץ איז שוין צוגעוואקסן צום קערפּער. אפילו די דיקערע רעקלעך נעמען זיך איינסור־טשען פון צעווייקטקייט. אלע זעען אויס ווי אָנגעטרינקענע גומי-שוואָמען.

און פון דער העלער הויט כאפּט אָן דעם פלאָץ א וויסט געיעג. צום ערשט זעסטו נישט ווער ס׳יאָגט — דו שפּירסט בלויז ווי די ריי לייזט זיך אויף, צעגיסט זיך ווי די קאלוזשע אונטער דיינע פיס און דו מוזט מיטגעשלעפּט ווערן... באלד זעסטו ווי א גרופּע שטורעם־מענער רייסן זיך אריין ווי א וויכער מיט גומענע פעלערינעס אויף די קעפּ אריבערגע־וואָרפן און נעמען טרייבן דעם עולם. וווהין? קיינער ווייסט נישט. דער רעגן פארגיסט די אויגן און בארויבט דעם ווילן זיך צו אָריענטירן. אלץ ווערט אריינגעטריבן אין פּאָדערהויז פון א געביידע: מענער באזונדער און פרויען באזונדער; פון פּאָדערהויז ווערט מען ווייטער געטריבן אין די פארשידענע פארהדעכטיקע צימערן אריין, וואָס פירן אלץ טיפער און טיפער אין אלע זייטן אריין...

מענטשן, ביי וועמען דער זעלבסט־דערהאלטונג-טריב וואַרפט זיך נאָך ערגעץ אינעווייניק, באמיען זיך אָפּצוהאלטן. אין יעדער ווינקל פאר־שטופּט זיך איינער, צוויי, וואָס ווילן זיך מיט געוואלט אריינשטופּן, אריינדריקן אין דער וואנט אריין ...אפשר וועט געשען א נס און ער וועט

דאָרט איינגעשלונגען ווערן... איבער אים וואקסן אָבער אַרויס צען, הונ־דערט... יעדער איינער מיטן זעלבן געפיל, אז אָט־דאָס ווינקל וועט ראַטע־ווען... אָבער קיין נסים ווילן נאָך אַלץ נישט געשען — הענט פארקריכן, אָן צו וויסן אליין דערפון, אין העלדזער אריין; פינגער־נעגל גראבלען אי־בער נעז, איבער אויגן... מענטשן קעמפן צווישן זיך, נישט וויסנדיק אליין צוליב וואָס. איבער א ווינקל און אן אָרט איז מען גרייט לעבנס אויסצו־לעשן, גאָרגלען איינצובייסן, אַלץ חרוב צו מאכן און אומצוברענגען... פסיכאָז? משוגעת? מ׳ווייסט שוין אליין נישט וואָס. ווי שעפסן דרענגט מען צו די ליידיקע קליידער־שרענק, צו די גרויסע, שווארצע סודות אין דער פאָרם פון קעסלען...

ווידער וואקסן ארויס מונדירטע לייט מיט זייערע גרויסע גומי־שטע־קנס. זיי שלאָגן מיט די לעצטע כוחות, טרעטן פאַלנדיקע מיט די פיס און טרייבן ארויס פון צווישן די קעסלען, פון די ווינקלען און די שרענק. אַלע ווערן אריינגעטריבן טיפער, טיפער אין די משונהדיקע צימערן אריין, וווּ אויף די ווענט ציען זיך שמוציקע אייזערנע רערן ווי אויפגעלאָפענע אָדערן. רעזיגנירט דרענגט די מאסע ווייטער — אויסמיידנדיק אינסטינק־טיוו די שטארקע, טרייבנדיקע קלעפּ. בלויז איינציקע און געציילטע זע־נען שוין ארויסגעשליידערט געוואָרן פון זייערע אייגענע אינסטינקטיוו־פּילבארע גרענעצן; נישט עס אַרט זיי מער דאָס צעטרעטן זיי מיט די פיס און נישט זיי שפּירן שוין מער דעם קלעפּ־האָגל איבער זייער קאָפּ און לייב... מיט די לעצטע כוחות קלאמערן זיי זיך האלב־אָנגעבויגן מיט די הענט ביי א שטיקל רער אָדער זיי דריקן צו דעם שוין קאָנוולסירנדיקן קערפּער צו דער האנט פון ווינקל... בלויז די ווילד־ארויסגעקראָכענע אויגן שטעלן נאָך דעם לעצטן ווידערשטאנד — — —

פון א ווייטן ווינקל ארויס קומט די ערשטע שטים:

— ג ע וו א ל ד, י י ד ן !!! מיר זענען דאָך אין גאז־קאַ־מער!!!...

און דאָס איז געווען, אז עס זאָל אדורכלויפן אן איימדיק גערעוועריי דורך דער גאנצער מאסע אדורך... דארע, אָדערדיקע הענט שלאָגן זיך הילכיק אין דער ברוסט אריין מיט דעם לעצטן יאוש. טייל לענען זיך אָן

אין דער וואנט מיט רעזיגנירטער אָנמעכטיקייט. די אויגן בלויז זאָגן אָפּ זייער אייגנארטיקע, וואָרטלאָזע ווידוי. ביי א סך האָט די שרעק נאָכנישט אַלץ אָפּגעטויט, וואָרפּט זיך נאָך אין זיי דאָ און דאָרט א לעבעדיקער אָדער — ז י י   ש ר יי ע ן... ווילן זיי ארויסשרייען פון זיך דאָס אי־בערגעבליבענע געשריי פונעם נישט צודערלעבטן לעבן?

אזעלכע אין וועלכע עס לעבט נאָך עפּעס — איז א   ש אָ ד   צו שטאַרבן! זיי שרייען, רייסן זיך די האָר פון קאָפּ, קלאַפּן קאָפּ אין דער וואנט און פּרווון מיט אומרו אינעם שרעקלעכן געדראנג זיך אדורכ־שטויסן אהין און אהער.... ס'איז דער לעצטער אויסגוס פון דער לעבע־דיקער ענערגיע אין אָנבליק פון טויט. אין א זייט זאָגט עמעצער תהילים מיט א הויך געוויין. ארום אים שפּאַרן זיך א טייל, וואָס האָבן שוין דעם כוח פארלוירן א וואָרט פון זיך ארויסצוברענגען... זיי טוליען זיך מיט אן אומפארשטענדלעך־עקשנותדיקן שפּאר ארום אים, אזוי ווי זיי וואָלטן זי־כער געווען, אז דאָ ביי דער זייט פון הויך־זאָגנדיקן תהלים־ייד וועט זיין לייכטער, בעסער — — — אזויפיל ליפּן פּרעפּלען אים שטיל נאָך... וואָרט אין וואָרט — — — — — — —

א יונג דין שטימעלע דערציילט מיט א רואיקער דייטלעכקייט, ווי אזוי זיין זיידע האָט זיך אָט־אָ־דאָ־אָ דאָס לעצטע מאָל אויסגעטאָן... אויך ער איז אָט־דאָ געשטאַנען און אין דער לעצטער מינוט זיך אָט דורך יענער זייט ארויסגעכאפּט — — —

אין לעצטן פּאָדערהויז שטייען מיר איינגעקלעמט אין א גרופּע. איך בין פון די וואָס האָבן זיך אדורכגעשלאָגן און אדורכגעשלעפּט ביז צו דער לעצטער טיר. קודם, האָב איך געטראכט, דארף מען זען, וואָס דאָ טוט זיך אַלץ, אפשר וועט זיך לאָזן עפּעס אויפטאָן. אין ווינקל שטייט א שראַנק, אויף וועלכער עס וואלגערן זיך פארשידענע חפצים, וואָס פריי־ערע מענטשן האָבן דאָ איבערגעלאָזט: לעפל, טאשנמעסערלעך און נאָד־לען... „בריוולעך" נאָדלען צום נייען... פארגעסן אנדערע, אויף וועלכן אָרט זיי זענען. שוין כאפּן גיריקע הענט — אין משוגענער, איינגעזונקע־נער געדאנקענלאָזיקייט — די נאָדלען, וואָס זענען נאָך נעכטן אפשר גע־ווען איינגעפּאקט אין א רענצל פון א לעבעדיקן מענטש, וואָס האָט זיי

געלאָזט פארן אריינגיין זיך „אָ פּ וו א ש ן״... אָט טויכט דאָרט אויף מאַניעק אין דערמיט... ס׳ברעכט אוים א געשלעג איבער די לעצטע נאָד־לען.... דאָס איז שוין נישט דער חשק צו די נאָדלען, נאָר דער לעצטער אויפפלאַם פון אויסרוישן זיך דורך משוגענער גאַרנישט־וויסנדיקייט, דורך טעמפּן כאַפּן אלץ וואָס ליגט אונטער דער האַנט...

אנדערע, איבערגערעכנטערע פּרוּוון אפּעלירן צו די זיך־ארומרייסנ־דיקע:

— מענטשן! אויף וואָס דאַרפט איר די אלע נארישקייטן? די, וואָס האָבן זיי געבראַכט, האָבן עס אויך נ ע כ ט ן באַדאַרפט... ווער ווייסט פון ווי־ווייט זיי האָבן עס געבראַכט צו שלעפּן... און היינט?... אָט זעט איר דאָך.......

— ווער האָט אָבער געהאַט אויערן צו הערן דעם צווייטן! אז יעדער איינער האָט סיי־ווי אלץ געטאָן נישט זעענדיק גאַרנישט און נישט הע־רנדיק די אייגענע שרעק וואָס האָט צעלייגט דאָס הארץ... און ווי אזוי קען מ אָ נ י ע ק הערן, ווען ביי אים איז שוין פארבלויט מיט ביילן דער שטערן?...

— — — אומזיסט איז אָבער געווען די שרעק. גערעכט זענען גע־ווען די ייִנגלעך, וואָס האָבן געארבעט ביי דער גאַז־קאַמער, וועלכע האָבן דורך די טיר־שפּאַלטן אונדז געזוכט צו טרייסטן: ניין, מען וועט אייך נישט פארגאַזן! איר ווערט אלע אויף זיכער אוועקגעשיקט...

דאָס האָבן זיי אליין געבעטן דעם קאָמענדאַנט, מ׳זאָל אונדז נישט האַלטן אויפן רעגן־גאַס, נאָר אָנשטאָט אריינצונעמען ערגעץ־אנדערש, האָט די ס. ס. אונדז אריינגענומען אַ ה ע ר, בכדי זיך א שפּיל צו טאָן מיט אונדזערע נערוון... עס איז אָבער דערין געווען נאָך עפּעס:

מיר זענען „באַשטעלט״ געוואָרן פון א פאַבריק. זייערע פאָרשטייער האָבן געזאָלט קומען און אונדז איבערנעמען. מיר זענען שוין ארויס פון דעם לאַגערס רשות. האָבן יענע פארשפּעטיקט. די ס.ס. האָבן אונדז דערווייל אריינגענומען אָפּצוואַרטן. אויב זיי וועלן נישט קומען — זאָל מען אונדז נישט דאַרפן צוריק פירן אין לאַגער אריין...

אָט אזוי האָט זיך געוויגט דער גורל...

אין א שעה ארום האט די זון גענומען שיינען און די ס. ס. זענען ארייגעפאלן מיט א ווילדן געלעכטער — פון דער געלונגענער „חכמה" — אונדז צוריק ארויסטרייבן, מיטן זעלבן סיסטעם...

איינער א הויכער האט מיט א שמייכעלע א פרעג געטאן ווי אזוי ס'האט זיך דא פארבראכט די שעה צייט, אויב די צייט איז אנגענעם אדורכגעלאפן...

די שפעטע שעה האט צוגעהאלפן, מ'זאל אונדז ווייטער טרייבן מיט שמעקנס; ס'איז געקומען א מעלדונג, אז עס שטייט פאר אונדז גרייט א צוג נאר צום איינוואגאנירן. מ'דארף אונדז דערפאר שנעל אויסליפערן דער וואכמאנשאפט, וואס איז נאך אונדז געקומען. מיט א באפרייטן אטעם האט יעדער פון אונדז איינגעשלונגען א פרישע פארציע לופט, דערשפירט אין זיך די האפענונג אויפסניי צו לעבן. דאס אומגלויבלעכסטע, אז מ'קען איבערהאלטן  א ז א  מעת־לעת, האט באוויזן ווי שטארק א מענטש קען זיין און ווי נישט אויסגעפארשט עס זענען נאך די כוחות פון מענטשלעכן פיזישן און גייסטיקן ארגאניזם... וויפל זענען אבער צעשרויפט געווארן אין יענע איינציקע 24 שעה? ביי וויפל האט דאס הארץ זיך אוועקגערוקט פון ארט אויף שטענדיק? קיינער האט דאס נישט געזוכט פעסטצושטעלן אין יענעם גרויסן געיעג — — —

## III

אינדרויסן מארשירן צום ערשט די מענער. אויפן וועג שטייען שטורבנדינסט מיט גרויסע קויבערס ברויט און טיילן אויס 40 דעקא ברויט פאר א קאפ, א שטיק מארגארין און א שטיק קעז. דאס איז די פארציע אויף  ד ר יי  טעג פאראויס. דער ס.ס.־מאן, וואס פירט אן מיטן טראנספארט, הייסט מעלדן דעם לאגער־קאמענדאנט, אז קיינער זאל נישט אויפעסן דאס ברויט — ווייל דאס מוז קלעקן אויף א דריי־טעגיקער רייזע. די וואגאנעס וועלן צוגעמאכט ווערן אויפן וועג און מען וועט מער גארנישט נישט ארייגדערלאנגען...

ווי נאר אבער מען רוקט זיך ארויס פון ערשטן טויער, הייבט יעדער

אָן צו קנייפּן, בגנבה, שטיקלעך פון זיין פּאַרציע, קייענדיק עם מארשי־רנדיק אין דער ריי... צו ערשט מאכט עס איינער, אין דער שפּיץ. אָבער דאָס שטעקט אָן איין ריי נאָך דער צווייטער.

די פרישע באַגלייטונג באמערקט עס. זיי היטן יעדע באַוועגונג אונדזערע. וואָרענען זיי:

— געדענקט, איר וועט שפּעטער מוזן הונגערן!

— עמעץ א דרייסטער פון דער ריי ארויס ענטפערט אָפּ:

— ס'איז אוממעגלעך ווייטער, הער וואכמאַן! מיר זענען אזוי הונ־געריק און דערשעפּט, אז מען קען קיין ווייטערדיקן טריט נישט שטעלן... איז ליבערשט איצט זיך זאט אָנצועסן און שפּעטער ווייטער צו קענען הונ־גערן. צו הונגער איז מען שוין געוווינט און זאט זיין קען מען איצט דאָס איינציקע מאָל...

דער וואכמאַן איז אנטשוויגן געוואָרן, ווי אלס צייכן פון הסכמה. דאָך האָבן א סך זיך באהערשט נאָך די ערשטע ביסנס און א טייל פון ברויט באהאלטן אויף שפּעטער.

עטלעכע צענדליק טריט פון אונדז האָבן מארשירט די פרויען. זיי האָט מען בעסער באהאנדלט. זיי האָבן באקומען לעדערנע שיך (די האָלץ־שיך זענען מיינסטנס געווען גרויסע און נישט געפּאסט צו די קליינע פרויען־פיסלעך) און געבלימלטע, דינע קליידלעך. מ'האָט זיי אויך נישט אָפּגעשוירן די האָר פון קאָפּ ביזן שיידל. גייען זיי דאָרט און זינגען... א כעם קאָכט אויף אין דער מיט פון אונדזערע רייען: וואָס איז דאָס זינגע־ניש אויף זייער קאָפּ דאָרט? איין וואָרט פון דער ריי ארויס קומט, וואָס פארענטפערט אלץ מיט ביטול און לעשט דעם צאָרן: — ו ו י י ב ע ר... ס'זאָל הייסן: וואָס קען מען דען פון אזעלכע באשעפענישן ווי ווייבער פארלאנגען? וועלכע ס'האָט באקומען א שענער קליידל פאר דער צווייטער — זינגט... דאָס איז פאר איר דאָס גליק וואָס ליגט ווי א שארבן אויפן אויג און פארשטעלט איר דעם גאנצן ארום...

א צווייטער אין דער ריי פארטיידיקט זיי שטיל:

— וואָס ווילט עטץ האָבן? יונגע קינדער, וואָס האָבן נאָר וואָס דער־שפּירט א האָרעלע פרייע לופט... פארוואָס זאָלן זיי נישט זינגען? זאָלן

זיי אויך א מינוט פארגעסן, ווער זיי זענען. אזויפיל מאָל ווי זיי האָבן גע־זען ווי אנדערע זינגען און אליין געוועזן דערשלאָגן — טאָ זאָלן זיי אמאָל נאָכמאכן די אנדערעס גליק... ווער ווייסט, אויב מאָרגן וועלן זיי עס קענען טאָן. איך אליין בין שוין פול מיט טרויער אויף אייביק און דאָך וואָלט איך איצט געזונגען... עס גייט נישט אין דעם לעבן־בלייבן... דאָס וועלן מיר סיי־ווי נישט... ס׳איז אָבער א גליק נישט צו דארפן מער אָנקוקן ווילים אָדער יאנושעס פנים...

מען פירט אונדז אויפן וועג אין שטאָט אריין. מיר באַגעגענען זיך שוין מיט די ערשטע הייזער. באלד אָבער קומט עפּעס א דרינגענדער באַ־פעל פון ערגעץ איינצוהאלטן דעם טראנספּאָרט. שטייען מיר ווידער און ווארפן זיך איבער מיט אלערליי מחשבות... דער גאנצער טראנספּאָרט דרייט אוים צוריק... א פארצווייפלונג כאפּט ארום די מאסע; פרויען נע־מען ספּאזמירן:

— מען פירט אונדז צוריק! צוריק! מ׳וועט אונדז אפילו אין לאגער אריין נישט דערפירן...

מיר גייען מיט פארחלשט־מידע טריט אויפן וועג צוריק. עס וויל שוין מער נישט אינטערעסירן, וואָס זיי ווילן מיט אונדז מאכן... ווייל וויפל מאָל איז דען מעגלעך מיטצומאכן אָט־דאָס משונהדיק־ווילדע און אויפרייצנדיקע שפּיל?

אָט מאַרשירן מיר שוין עטלעכע קילאָמעטער אויף צוריק. עס באַ־ווייזן זיך שוין פון דערווייטנס די ערשטע בלאסע אָפּשיינען פון דעם לאגער. מ׳איז שוין כמעט ווי זיכער, אז עס וועט זיך דאָ באלד אָנהויבן א גרויליק שפּיל. אָבער דאָ ציט אראָפּ א זייטיק וועגל צום דאָרף און מיר ווערן אהינצו אוועקגעלענקט...

קען קיינער נישט וויסן, וואָס דאָ קומט פאָר. איינער, א לובלינער איינוווינער, האָט א השערה, וואָס לייגט זיך אויפן שכל:

— זיי האָבן אונדז געוואָלט פירן צו דער באן־סטאציע דורך דער שטאָט... אין דער לעצטער מינוט האָבן זיי זיך איבערגערעכנט, אז עס לוינט נישט דאָס פארבייפירן אזא מחנה דורך א טומלדיקער שטאָט. נישט איינער קען זיך אוועקרייסן און אנטלויפן. עס קען אויסקומען וועמען צו

דערשיסן — צו וואָס־זשע טויג פאַר אַלעמען אין די אויגן עס צו טאָן?

איצט פירט מען אונדז דורך דעם דערפל מאַידאַנעק. דאָ איז געווען די גנעטאָ פאַר די לובלינער יידן, וואָס מ׳האָט פארטריבן פון שטאָט. איצט שטייען דאָ די קליינע, פארשעמטע פויערים־הייזקעס, וועלכע די ארייננע־טריבענע יידן האָבן נישט באוויזן אויסצווואַרימען מיט אביסל נישט־דער־ברענטן פאַמיליען־אָטעם — — —

פונדערווייטנס זעען זיך די דראָטן פון דעם צווייטן לאַגער: פּלאַגאַ־גאַלעשקעוויטש. דער ווינט ברענגט פון דאָרט צוטראָגן קליינע, פאַר־שטויבטע ברעקלעך געשריי: קומט דאָרט אויך עפּעס פאָר? קיינער ווייסט נישט וואָס עס וועט פאַרקומען מיט די געבליבענע יידן אין מאַידאַנעק גופא און מיט די לאַגערן פון לובלין. יעדן דוכט זיך, אז ער האָט נאָך ווען אין אײנעם פון די לאַגערן און עס באַאומרואיקט דער געדאַנק נאָכן געהערטן קלאַנג, אז אַלץ וועט ליקווידירט אין דער גאַנצער אום־געגנט.

דורך פאַרשידענע גערדרייטע לאַנקע־שטעגלעך, וועןפון ביידע זייטן באַגריסן אונדז א פּאָר ווערבע־צווייגלעך פון א טרויעריק־איינגעוויגטן בוים, טרעפן מיר ווידער זיך אָן מיט א ברעקל פרישע נאַטור... אָט זעט מען שוין פונדערווייטנס די באַן־ליניע. צווישן צוויי שורות ארומגעבוי־מערטע הייזער שטייט א לאַנגער און ליידיקער צוג און אָטעמט אָפּ שווער, ווי אן אסטמע־קראַנקער, וואָס האָט ארויפגעקלעטערט אויף א הויכן שטאָק.

דער ס.ס.־אָפיציר, וואָס וואַרט אונדז אָפּ, איז רואיק און העפלעך. ער דערקלערט, אז דער צוג איז נאָך נישט גרייט. מיר קענען זיך דערווייל רואיק אוועקזעצן אויפן גראָז ביים ראַנד און צוּוואַרטן. ווער עס וויל קען עסן, אָבער מיר האָבן נאָך א לאַנגן וועג — איז גלייכער עס צו באַהאַל־טן אויף שפּעטער. ער זאָגט אָפּ זיינס און לאָזט זיך ערגעץ אוועק איילנ־דיק. זיצן מיר און גלייכן אויס די רוקנס, ווישן זיך דעם פאַרמאַטערטן שוויים און כאַפּן אריין וואָס מער אָטעם כל־זמן מען קען עס אזוי בשפע...

באַלד אָבער דערזעט ווער, אז די פרויען ביי די ווייטערדיקע וואַגאָ־נען זיצן אויך אזוי און די וואַכליים שטייען און פּלאַפּלען מיט זיי איז א

שמייכל־טאָן — קען זיך אזא איינער נישט באהערשן און שיבט זיך נע־לאָסן אהינצו... באלד איז עס א צווייטער, א צענטער...

ארום און ארום לאכט דאָס גראָז... און די ביימער פון די ארומיקע סעדער אין ביידע זייטן ליניע שטייען און רופן אזוי... זיי דערציילן, אז די וועלט בליט ווייטער און אז עס שמעקן נאָך ווייטער די בעז-בלימע־לעך... כאָטש — אָן אונדז... אָן אונדז... ווערט יונגווארג אויפגעוועקט. א טענצל צעלויפט זיך אין די בלוטן. די מיידלעך שארן זיך צום מענער־קרייז און די מענער פארקריכן צווישן די גרופּקעס מיידלעך. די וואכמע־נער קוקן זיך צו און זאָגן גאָרנישט. ווערט באלד א געשפּאַצירערייַ אי־בער די פּאָר צענדליק באוואכטע מעטער פון באַן־פּלאַנט. יונגווארג נעמט רעדן הויך, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיך אויסרעדן פאר דער גאנצער צייט, וואָס זיי זענען געווען אָפּגעצוימט איינס פון צווייטן. מען פלירטעוועט... פון איין זייט הערט מען אויך א הויכן לאַך... זענען דאָס די זעלבע מענטשן, מיט דער פריערדיקער אויסגעלאָשענער פארצווייפלונג, ד אָ ר־ט ן ? . . . ווי שנעל די חברה איז אריבער אין זייערע יאָרן אריין!

עפּעס א מיידל האָט הויך א זאָג געטאָן: אך, ווען איך האָב ביי זיך איצט אָט אזא קליין שטיקל בעז, ווי עס וואקסט אויף אָט־אָ־די ביימער אקעגנאיבער! ווען איך האלט עס אין דער האנט, וואָלט זיך מיר געדאכט, אז כ׳האלט א שטיק פון מיין יוגנט, א טייל פון מיין חרובער היים אין מיין האנט — — —

אין א יונג ייִנגל האָט דערוואכט דער ריטער. ווי א וועוורקע האָט ער זיך בליץ־שנעל צוגעכאַפּט צו א בוים אין דער זייט. אָט איז ער שוין אויבן און אָט גרייפן שוין זיינע הענט א צווייג פון בעז... פּופּצנהונדערט פּאָר אויגן קוקן אין פארחלשטן נייגער צו אָט דעם מאָדנעם, שוין־לאַנג פארגעסענעם בילד פון א פריי לעבן: א ייִנגל אויף א בוים... רייסט בעז!... די וואכמענער זענען אריין אין א ווילדער רציחה: אָט אזוי זעט אויס, ווען מ׳לאָזט די יידן אביסעלע פרייער!.. זיי האָבן גענומען טרייבן דעם עולם נענטער צו די וואַגאָנעס. איינער פון זיי האָט אָנגעלאָדן די ביקס... א שאָס האָט א הילך געטאָן... א קליין, ווייס רויבל האָט געבלאָנקעט פארלוירן ביים בוים פון בעז.

דאָס ייִנגל איז אראָפּגעפאַלן פון בוים. ס'איז אָבער געווען פון בלויזער שרעק. די קויל איז אדורך  א י ב ע ר  אים, אָבער דער  פּ ח ד  פון איר האָט אים געטראָפן און ארונטערגעוואָרפן. ער איז געבליבן א ווײַלע א צעקלאַפּטער מיט א צעבראָכן בעז־צווײַגל אין דער האנט. באלד אָבער האָט ער זיך איבערצײַיגט, אז ער איז נישט דערשאָסן. ער איז שנעל אויפגעשטאַנען און ארײַנגעלאָפן אין דער מחנה ארײַן... זײַנע אויגן האָבן דאָרט עמעצן געזוכט... און ווען ער האָט זי דערקענט, האָט ער זיך גליקלעך צעשמייכלט. ער האָט איר מיט א חשיבותדיקער האנט־באוועגונג דערלאַנגט דאָס איבערגעבראָכענע צווײַגל און בלויז א פארשעמטן ברום געטאָן צו איר: דו האָסט געוואָלט בעז......

אלעמענס אויגן האָבן שטומערהייט אים אפּלאָדירט מיט שטילן יובל — — —

אפילו אויף די פּנימער פון די וואכלײַט האָט זיך דערקענט א שמייכל, וואָס זיי האָבן צעקוועטשט אויף די ליפּן, אין מיטן אויפקום...

א פײַף האָט אָנגעזאָגט, אז די וואגאָנעס זענען שוין דאָ, גרייט צום אָפּפאָר. פון א זייט איז צוריקגעקומען דער אײַנציקער ס.־ס.־אָפיציר און די וואכלײַט האָבן זיך שטייף צעשטעלט אין אלע זייטן ווי בייז־בליקנדיקע סטאטועןּ.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ארײַנלאָדענען.

# קאפיטל פינף

## I

עמעץ האָט אויפגעכאפּט א וואָרט: נ א ך ר א ד אָ ם! אזוי האָט געזאָגט דער דייטשער טראנספּאָרט-באגלייטער און אזוי איז אויך באמערקט געוואָרן אויף איינעם פון די וואגאָנעס. ברעכט מען זיך די קעפּ: וואָס איז דאָרט אין דעם דאָזיקן ראדאָם? פאבריקן? א געטאָ? — אלנ־פאלס איז דאָס בלויזע ארויסגיין פון מאידאנעק א גרויסע זאך. די באַצי־אונג מצד דער וואכמאנשאפט ביים איינוואגאָנירן האָט אויך געווירקט מיט בארואיקונג. זיי האָבן געשטויסן — אָבער מיט קענטיקער פאָרזיכ־טיקייט. אין די בהמות-וואגאָנען האָט מען ארייַנגעזעצט צו 60 מאן אין א וואגאָן. נישט איינער פון אונדז האָט שוין אדורכגעמאכט עטלעכע-טעגי־קע רייזעס אין די זעלבע וואגאָנעס, מיט א טאָפּלטער צאָל מענטשן... זעט מען אין דעם אלעם גוטע סימנים פאר דער צוקונפט: ווער ווייסט? אפשר האָבן זיי טאקע געביטן זייער באציאונג צו יידן? האָט מען דאָך אזויפיל געשמועסט דערפון!...

דער צוג האָט צייט און שלעפּט זיך לאנגזאם, ווי א מידער זקן, צווישן די אויפגעגרינטע פעלדער און לאנדשאפטן. א יינגל האָט באַ־וויזן אויסצובאהאלטן א קליין טאשן-מעסערל, האָט ער זיך איצט אויס־געפונען אן ארבעט. ער האָט אָנגעהויבן איינצושניצן א קליינעם ריץ אין דער קויטיקער וואגאָן-וואנט און ער האָט אים מיט עקשנות אלץ מער גע־

נומען פארטיפן. אין פארלויף פון א שעה האָט זיך אריינגעריסן אין וואַ־גאָן א שיסנדיק־קיילעכיקער שטראָם ליכט, וואָס האָט זיך געצויגן פון א קליין לעכל אין דער וואנט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי די גאנצע וועלט וואָלט דאָ אהער אריינגעקוקט מיט איין אויג...

זעכציק פאָר נייגעריקע אויגן האָבן זיך דערצו א וואָרף געטאָן, וועל־לנדיק דורך דעם קליינעם לעכל שטילן די בענקשאפט צו דער ברייטער פריי פון לאנד און וואלד. אָט לויפט פארביי א באַן־סטאַציע ביי א דערפל ערגעץ. ס׳פארוואָרפט ווער א וואָרט, אז ער האָט דערזען דערנעבן א גרו־פע מענטשן מיט ייִדנשטערן אויפן אָרעם. יעדער באזונדער בעט זיך ביי דעם וואָס האָט זיך צוגעריסן צום לעכל און דאָרט ממש צוגעקלעפּט גע־וואָרן מיטן אויג:

— דו לאָז נאָך עמעצן א בליק טאָן! דו האָסט דאָך שוין עפּעס גע־זען...

ביי א סך צאָרנט אויף דער כעס:

— לאָזט צו נאָך עמעצן, ווייל ווען נישט... ווען נישט...

יעדער באזונדער וואַרפט זיך צו די ווענט פון וואגאָן. מ׳וויל עפּעס דערזען דורך די גאָר־שמאָלסטע שפּאַלטן. מ׳דריקט צו דעם קאָפּ צו די קליינע האָר־דינע שפּעלטעלעך: אָ, ווען מ׳קען כאָטש די אויגן, די בלויזע אויגן ארויסשיקן אויף דער פריי און זען, איינמאָל זיך אָנזען און פאַר־בליניען מיט דער אוועקגערויבטער נישט־ארומגעצוימטער וועלט!...

יעדער איינער קומט זיך פאָר ווי לוטס טעכטער:

זייענדיק אין לאגער, האָט מען זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן מער, אז עס עקזיסטירט נאָך א צווייטע וועלט, אויסער א ס ד ו ם, גע־הילט אינעם פלאַם פון שוועבל און רויך... און דאָ חנדלען זיך ברייטע ידיעות פון בלויע, אומגעצוימטע הימלען און מענטשן שפּאַצירן אונטער זיי, ווי קיינמאָל גאָרנישט... מאָדנע מענטשן אזעלכע, וואָס ווייסן נישט פון קיין גאז־קאַמער און פון הויכע קאַפּאָס... אָ, זיי לוינט זיך שוין איינ־מאָל אָנצוקוקן! זאָל זיין דורך דער מינדסטער שפּאַרע... ס׳ווילט זיך שוין פשוט נישט גלויבן, אז יענע גייען אויף צוויי פיס און זענען די זעלבע באשעפענישן, וואָס דו און איך און מיר אלע... יעדער נאָרמאלער און

פשוט־מענטש — דוכט זיך דיר מיט דער שאבלאָניקער לאַנגער־פּסיביק — מוז זיין פאַרשפּאַרט, קריגן געשלאָגן, סעלעקציאָנירט ווערן אָדער גע־פירט כסדר אין פאַרהאַקט־דושנע וואַגאָנעס אויף אומבאַקאַנטע וועגן...

נאָר אויך דאָרט, אינדרויסן, לעבט מען מיט אַנדערע באַגריפן. אָט זעסטו ווי אַ פויערל אויפן פעלד שטעלט אָפּ די אַרבעט; פאַרלייגט אַ שוואַרצע האַנט צום ברעמען־דאַשעק זיינעם — פאַרשטעלנדיק די זון — און מיט פאַרזשמורעטע אויגן קוקט ער נאָך, ווי אַ בייזן וווּנדער, אונדזער צוג, ביז ער פאַרשווינדט אין דער ווייטקייט אַריין. גאַנצע דערפער מיט איינגעדרימלטע איינוווינער גאַפן אַרויס מיט אימה דורך די באַגראָבענע פענצטערלעך פון זייערע כאַטעס אויף דעם לאַנגן אומענד־לעכן צוג, דורך וועמענס שפּאַלטן עס גלאַנצן אַרויס אַזויפיל שמאָלע אויגן־פּאַסעקלעך...

— וואָס פאַרא טייוולס־קינדער זענען מיר עס איינגנטלעך?! שטעט... דערפער... לאַנדשאַפטן... אַלץ רוקט זיך הינטערווײַלעכץ צוריק און אַנט־לויפט פאַר אונדז אין וויסטער בהלה — נאָך איידער מ׳כאַפּט זיי אַריין אין אויג אַריין... פאַר וועמען? פאַר אונדז אָדער פאַר דעם ווילדן פייף פון אונדזער שווער־קרעכצנדיקן צוג?

משמעות, אַז מיר פירן מיט זיך מיט אונדזער אומגליקלעכן גורל, וואָס האָט איבער דער לאַנגער שלאַנג מיט וואַגאָנען אויפגעצויגן זיין שרעקלעכע פאָן און דערמיט געזייט שרעק איבער אַלע וועגן און שטעגן, דורך וועלכע מיר זענען פאַרביייגעפאָרן...

— ר אַ ד אָ ם !   אַ שטאָט אין וועמענס אָדערן ס׳האָט אַמאָל גע־טריבן קאָכעדיק יידיש בלוט... לעבט נאָך די שטאָט? טרייבט זי נאָך די אַלטע פאַבריקאַציע און האַנדל, אָן דעם מינדסטן צוריר פון אַ יידישן פינגער? מיט נייגער קוקן מיר אַרויס אויף דער גרויסער שטאָט: העי, ווי אַזוי זעט עס היינט אויס די וועלט אָן אַ ייד, אָן יידן!? אָבער אַלצדינג שטייט דאָ אויפן זעלבן אָרט. דער זעלבער באַנהויף און די זעלבע אויפ־שריפטן אויף די זעלבע פאַבריקן. גאָרנישט האָט זיך נישט געאַנדערשט, פּונקט ווי ס׳האָט זיך נישט געענדערט דער פּוילישער וועג און דער פּויל־שער וואַלד ביי די שליאַכן... אַלץ האָט, משמעות, אין אונדז פאַרגעסן,

פונקט ווי מיר וואָלטן דאָ קיינמאָל נישט געלעבט און עקזיסטירט...

אַלעמען, ווייזט אויס, פאַרכאַפּן די זעלבע טריבע געדאַנקען: מ'דאַרף אוגדז נישט!!! מ'האָט גענומען עטלעכע מיליאָן רירעוודיקע, באַוועגלעכע און טעטיקע מענטשן, זיי אַרויסגעריסן פון די שטעט, פונעם באָדן, וואָס האָט זיך ווי אַריינגעוואָרצלט אין זיי אַריין און — גאָרנישט... נישט מען דערקענט ערגעץ־ווו, זיי זאָלן פעלן און נישט עס ליגט איבער דער שטאָט און לאַנד דער טרויער נאָך זיי...

פון אַ ווינקל פאַרציט ווער אַ טרויעריקן מאָטיוו:

...ג ו ט ע  ה י י ם,  ל י ב ע  ה י י ם — ד ו  ה אָ ס ט  מ י ך  פ אַ ר ר אַ ט ן . . .

אַלע אין וואַגאָן דערפילן דעם אייגענעם, נישט־דערטראַכטן ווײ אין די ווערטער און דער גאַנצער וואַגאָן כאַפּט אונטער אין כאָר דעם פּאָפּו־לערן מאָטיוו. אפילו די רעדער פון צוג קלאַפּן מיט צום טאַקט: פ אַ ר־ ר אַ ט ן . . .  פ אַ ר ר אַ ט ן . . .

און יעדן איינעם האָט די היים פאַרראַטן אויף אַן אַנדער אופן. פויז־נער, למשל, וועלכער ליגט אין סאַמע ווינקל אויפן רוקן, וויל יענע פאַר־ראַטענע צייטן צוריקשלעפּן מיט געוואַלט, דורך דער בלויזער פאַנטאַזיע זיינער... אפשר קומט אים אויפן זין יענע צייטן פון זיין פאָטערס הויז מיט דער גאַנצער רבנישער אויסשטאַטונג? ווייל אָט רייסט ער איבער זיין שטילן פליסטערדיקן פּויליש, וואָס ער האַלט אונטער מיט זיין זון, און גייט איבער אויף אַ פרומען תפלה־מאָטיוו... דער ענגער דושנער וואַ־גאָן ווערט נאָך ענגער און שטיקנדיקער, גלייך ווי אַזוינע נעהיימע, אומ־געזעענע געשטאַלטן וואָלטן זיך דאָ אַריינגעדריקט אינמיטן. פנימער פאַר־גרשומטע פון לאַגער־זונען און פון אייביקער הונגער־גרימאַסע פאַרלירן אויפאַמאָל זייער גאַנצע האַרבקייט פון יאָרן. און זענעדיקע שטימען קריי־צן זיך איינע דורך דער אַנדערער:

— אוי, אוי, אוי,  ב אַ י ן  מ ל י ץ  י ו ש ר . . .

ס'איז אָבער גענוג, אַז אין אַן אַנדער ווינקל זאָל אַ צווייטער זיך דערמאָנען אין עפּעס אַנדערש און שוין רייסט זיך אַ צווייטער מאָטיוו אין די הייכענישן. אָט ליגט זיך צעלייגט ביי דער טיר  מ אָ נ י ע ק.

ער דערמאָנט זיך עפּעס מיט בענקשאַפט און באַמיט זיך אַלעמען דאָ איי־בערצושרייען. אַ שלענער און מעסער־העלד פון דער פרייַ — איז ער גע־ווינט אַלץ צו נעמען מיט געוואַלד, אַפילו דעם דושנעם עטער פאַר זיין זינגענדיקער שטים... ער האָט זיך אָפּנים דערמאָנט אין יענע טעג, ווען ער איז געווען פאַרקאָכט אין עסקים מיט מיידן, וועגן וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט אין לאַנגער צו דערציילן און עפּעס אַ מין רויע בענקשאַפט האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ. מיט זיין בערנהאַנט אויף די קעפּ פון די זינגענדיקע האָט ער איינגעשטילט איינעם נאָכן אַנדערן. אַלץ דער־שפּירט די הערשאַפט פון כוח און עס ווערט שטיל. בלויז מאַניעק צעלאָזט זיך מיט עפּעס אַ פּוילישן מעלאַנכאָלישן מאָטיוו:

...אין די אויגן פון מיין זאָשע
איז וואונדערבאַר דער גלאַנץ...

אין די ווינקלען רודערט זיך עפּעס אויף. בטבע־אונטערטעניקע פאַר יעדער פּויסט ווילן אַרויסווייזן דעם מעכטיקן שלעגער און געוועזענעם „פּאַראַרבעטער” מאַניעק, אַז זיי זענען אים גרייט מיטצוהעלפן מיט אַלץ, אַפילו מיט זינגען. הויבן זיך אָן עטלעכע נישט־דרייסטע שטימען מיטצו־כאַפּן:

ווען זי בעט זיך שטיל אַזוי
קוש מיך נאָך איין מאָל...

און ווידער גיסן זיך צוזאַמען אַלערליי שטימען, האַלב־קרעכצנדיק און האַלב־בענקענדיק צעווינען זיך ביי אַ דרייסיק שטימען מיט מאַניעק אין כאָר:

איך דאַרף נישט מער היינט —
אויסער דיך אין שווערע טעג
און ביינאַכט — ווען כ'פאַרשפּאַר די טיר
זאָלסטו זאָשע זיין ביי מיר —

אַ באַגלייטער פון דער וואַכמאַנשאַפט געפעלט עס אָבער נישט, וואָס אין וואַגאָן זינגט מען:

— וואָס איז די שמחה דאָרט אויף די יידליקעס!?

דורך דעם לעכל פון וואַגאָן קריכט אַריין דאָס קיילעכדיקע רערל

פון דער שפּיץ ביקס, ווי א טשעקאווע קינדיש געזל... מאָמענטאַל ווערט די שטים אין אלע העלדזער איבערגעריסן אין דער מיטן. ס'ווערט שטיל ווי אויף א בית־עולם. דאָס מאָל מאכט די ביקס נישט קיין גרויסע געשעפטן, נאָר ציט זיך ארויס ריין ווי זי איז געקומען. זי האָט אָבער איבערגעלאָזט די אימה אין אלעמענס אויגן. א פארגליווערטע שטילקייט האָט געהאלטן וואך אויף איר אָרט ביי יעדן אין די מיילער.

## II

נאָר מיילער ביי אויפגעצוווּנגענער שטילקייט קענען עס לאנג נישט איבערטראָגן. עס דוכט זיך, אז דערמיט ווערט מען איינגעשטומט אויף אייביק. בפרט אז מען האָט דאָ די ערשטע געלעגנהייט נאָך לאנגע צייטן צו קענען רעדן צווישן זיך, אז קיינער זאָל נישט אונטערהערן; ווען די זכרונות און מחשבות קענען זיך אומגעשטערט צעשפּילן, אז קיינער זאָל זיי נישט איבעררייסן אינדערמיטן. ווילט זיך רעדן, ארויסרעדן פון זיך דאָס, וואָס פּייניקט שוין אזוי לאנג און האָט נישט געקענט זיך אָנטאָן אין ווערטער. דערציילט מען זיך זכרונות, שטילערהייט אין אויער אריין, וואָס יעדער איינער האָט דאָ נישט לאנג צוריק איבערגעלעבט.

איינגנטלעך, וואָס קען דאָ איינער דעם צווייטן דערציילן פאר א נייעס? האָט דאָך יעדער פון אונדז אזוי פיל מיטגעמאכט... אָט האָב איך אליין שוין אזוי פיל מאָל געשפּירט דעם טויטס-פליגלען איבער זיך — וואָס־זשע פאר אן אינטערעס קען איך האָבן פאר דער דערציילונג פון מיין זייטן־שכן? און דאָך הער איך אים וואָס א סעקונדע אלץ מיט א גרעסערער געשפּאנטקייט. איך פיל ווי א גרויסע טיפע בושה באפאלט מיך; ווי איך וויל מיט די אָפּגעשוואכטע פויסטן מיינע זיך ווארפן אויף די ווענט, זיי אויפברעכן... און ארויספאלן אויף דעם ערשטן־בעסטן דייטש און אריינבייסן זיך אין זיין גאָרגל מיט די ציין...

ווי פשוט ער דערציילט עס:

ער איז געווען אין לעמבערג. ביי די ערשטע „אקציעס”, וואָס די דיי-

טשן האָבן אָנגעהויבן, איז אים געלונגען זיך אויסצובאהאלטן. מ׳האָט דאַן שוין געשמועסט, אַז דאָס פירט מען אויפן טויט. נישט יעדער האָט אָבער געוואָלט דאָס גלויבן. ער האָט עס אָבער געגלויבט, דערפאַר איז ער געווען געוואלטיק פאַרזיכטיק. אריינגעפאַלן איז ער ערשט ביי די סאמע לעצטע אקציעס. מ׳האָט צוזאמענגעכאַפּט אַ פּאָר טויזנט יידן, מענער און פרויען, יונגע און אלטע און זיי אָפּגעפירט צו די וואַגאָנען. מ׳האָט שוין געוווסט, אַז מען פאָרט צום טויט. די ס. ס. אליין האָבן עס נישט געלייקנט. נאָר דאָס מאָל איז דער אָרטיקער געשטאַפּאָ אַ שאָד געווען זיי ארויסצושיקן אָנגעטאָענערהייט, מיט די פּעקלעך. סיי ווי ווערן די מענטשן געשיקט צום טויט — טאָ פארוואָס זאָלן די קליידער פון „זייערע" יידן ארייפאלן צו פרעמדע? ס׳איז דעריבער געקומען אַ באפעל זיך אויסצוטאָן נאקעט נעבן די וואַגאָנען. די קליידער זענען שנעל אוועקגעפירט געוואָרן און די מענטשן זענען נאָך שנעלער אריינגעטריבן געוואָרן אינעווייניק, אַז אַ זייטיק אויג זאָל נישט אמאָל פון אַ ווייטן ווינקל אויפכאַפּן, וואָס דאָ קומט פאָר. אין געאייל האָט מען אריינגעטריבן נאקעטע מענער מיט פרויען צוזאמען. הונדערט און צוואנציק מאַן צוזאמענגעפרעסט... דריי טעג און דריי נעכט זענען זיי אזוי געפאָרן צוזאמענגעדריקט איינס צום צווייטן. נישט געווען מעגלעך זיך אויסצודרייען. אַ ריר צו טאָן. מענטשן זענען אזוי דערשטיקט געוואָרן אין וואַגאָן און אזוי בויטערהייט שטיין געבליבן פארשטייפט, זויגנדיק ווארעמקייט פון אַ צורגעקלעפּטן, שכנותדיקן קערפּער... נישט מעגלעך געווען צו לאָזן אורין אָדער שטולגאנג, ווייל איין קערפּער איז געווען אריינגעדריקט אין צווייטן אריין; האָט זיך גוף אויסגעשמירט אין גוף...

אַלץ איז געווען צוזאמענגעדריקט און צוזאמענגעפלאָכטן. נישט מעגלעך געווען צו רירן מיט קיין האנט, קיין אבר. מאַן, פרוי און קינד — אַלץ איז ווי רוי טייג אריינגעקנעטן געוואָרן איינס אינעם צווייטן אריין... דאָס לעצטע ביסל בלוט אינעם נאָכנישט איינגאנצן פארשטייפטן קערפּער האָט זיך נישט ביי איינעם אויפגעוועקט מיט משוגע־ווילדן סעקסועלן אויפרייץ, וואָס איז פארצווייפלט־שאַרף געוואָרן גראַד בייםפארטונקלטן באוווסטזיין, אַז אָט באלד וועט זיין דער טויט, וועט זיין

שוין נאָך אַלעמען... ס'זענען געקומען עראָטישע שוידערן, וועלכע זענען בלויז אדורכגעלאָפן די בלוטן, ביי געבונדענע הענט, ווען דער קערפּער זוערט געריִיצט ווי א ווילדער הונט און איז דערביי איינגעקלאַמערט — —

די גערדיכטע לופט האָט אפילו דערשטיקט דעם פאַרפייניקטן אויסגעשריי, וואָס האָט זיך געריסן דורך דעם האלדז פון מטורף־כאַרכלענדיקע אברים, אין וועלכע אַלץ האָט זיך געקאָכט און געלאָשן מיט תאוה־רייץ און פון־זיך־דערשטיק — — — — — — — — — — — —

...ג ע נ ו ג ! האָב איך זיך געבעטן ביי מיין שכן... כ'האָב נישט געקענט מער הערן וועגן דער שוידערלעכסטער שענדונג פון מענטש... איך אליין האָב אמאָל געזען פאַרבייפאָרן אזא צוג. דאָ אָבער האָב איך עס געהערט פון א מענטש, וואָס האָט עס אליין מיטגעמאכט און פאר מיר זיך אויסגעטאָן ווי דעמאָלט נשמה־נאקעט, פאר מיר אויפגעדעקט דעם גאנצן קאָמפּלעקס מ ע נ ט ש אין אזעלכע מאָמענטן...

ער אליין האָט זיך געראַטעוועט. א נאקעטער איז ער גליקלעך געשפּרונגען דורך אן אויפגעבראָכן ברעט פון וואגאָן, טיף אין א וואלד. דער איינציקער וואָס האָט עס געוואגט. איצט פרעגט ער זיך, פרעגט ער מיך: האָט עס זיך געלוינט? אז איך בין געשפּרונגען א נאקעטער און דאָך עפּעס מיטגענומען מיט זיך... א שאָטן פון יענעם שוידערלעכן, ערגערן זיך פאַרן טויט איז דאָך ביי מיר געבליבן דרימלען אין בלוט. בין איך דאָך אויך פלייש־און נשמה געשענדעט געוואָרן און קען מיין פּאקטישן ווילן אויפגעצוווּנגען געוואָרן דורכן געשריי פון מיין לייב אנדערע צו שענדן — — —

וואָס האָב איך דען געקענט צוגעבן ביי אזא ווידוי? ווי אזוי האָב איך אים דאַן געקענט טרייסטן אין זיין נשמה־וויי, ווען די גאנצע וועלט קען שוין מער אזא טרייסט נישט אויסטראָגן?! כ'האָב אים דאָך געפּרווט בארויִקן, אויפווייזן, אז מיט זיין ראַטעווען זיך האָט ער אויפגעהיט אן עדות־זאָגן, א באַפעל פון דער געשענדעטער מענטשהייט נקמה צו נעמען... ער האָט זיך צעלאַכט, ממש צעלאכט: דו רעדסט קינדיש! ווער וועט גליִיבן? מ י ר וועלן נישט לעבן — וועלן מיר עס אפילו פאַרשרייבן און דורך נסים וועט אונדזער שריפט שפּעטער געפונען ווערן — וועלן די געפינער אונדז באַטראַכטן פאַר משוגעים, וואָס האָבן אין דער

אויסגעפייניקטער וויזיע געזען פארשידענע קראנקע דמיונות... ס'וועט קומען א „צניעותדיקע" מאָראַל און וועט איבער אזעלכע דאָקומענטן ארויפלייגן א פייגנבלאַט צו פארדעקן די נאקעטע שאנד...

...זע, זאָגט ער, דו ביסט א שרייבער... ווען דו אפילו בלייבסט לעבן — וועסטו זיך שעמען וועגן אזעלכע זאכן צו שרייבן... דו וועסט זוכן בלויז שיינע רייד און נסים. דעם גרויען אמת וועסטו אָבער שטענדיק דערשטיקן, אָדער בלויז האַלב דערזאָגן...

...איז זיין גוף שוין לאנג צעפוילט אין דער ליימיקער ערד פון דעם סקארזשיסקער שיס-שטאַנד. אָבער ווי עס לעבט נאָך דער אמת פון זיינע ווערטער! אָט שעמט זיך מיין פעדער צו פארצייכענען יענע מעשים, וואָס זענען מיט אונדז אָפּגעטאָן געוואָרן. און ווו נעמט מען כח, בכדי דאָס אַלץ צו דערציילן אָן בושה, אָן בושה?...

# III

דער עולם איז מיד געוואָרן און דאָס לעבל אין דער וואנט האָט גע־שראָקן. בלויז מאָניעק איז דערפון נישט אָפּגעטרעטן. עפּעס האָט ער זיך אָפּגעסודעט מיטן הויכן בחור, ביי וועמען איין אויער איז געווען איינגע־קניייטשט אין דער קינבאַק אריין, שפּעטער האָבן זיך ביי ביידע צעגלאנצט די אויגן. זיי האָבן געהאַלטן אין איין טאַפּן די אויבערשטע, אייזערנע שטאַנגלעך פון העכסטן פענצטערל אין וואנט. עטלעכע מאָל אזוי איז מאָניעק אוועק פון דעם פענצטערל א רעזיגנירטער און זיך אריינגערוקט אין זיין עקיק ווינקל. ער איז אָבער ווידער אויפגעשטאַנען, צוגערוקט זיך צום אָפּענעם לעבל, ווי ער וואָלט פון דאָרט ארוים געשעפּט פרישן מוט צו עפּעס א דרייסטער אונטערנעמונג. מיטן אויג זיינעם האָט ער אין זיך אריינגעזויגן וואָס מער רייץ פון דער פרייער וועלט. דאָס האָט אים ווידער אָנגעצונדן און ער האָט מיט א פּוס־באַריר א שטורך געטאָן דעם האַלב־שלאָפנדיקן חבר זיינעם. זיינע אויגן האָבן געפלאַמט מיטן גלאנץ פון א געבונדענעם שפּארבער, ווען ער זעט פאר זיך א מאכטלאָזן עוף... יענער האָט זיך פויל אויפגעשטעלט פון געדרענגטן פּלאַץ זיינעם און מיטן קאָפּ

אריינגעטראָפן אין דעם מבול פון מאָניעקס ציטערדיק-שטילע אָבער אָנ-געגליטע רייד:

— סעוועק! מיר זענען נישט ווייט פון ראַדאָם. איך קען גוט די געגנט. בין באַקאַנט מיט אַלע פּויערים און שיקסעס פון אַרום. זיי זענען אַלע פּאַר מיר די כפּרה געוואָרן... ווו מיר וועלן אַריינקומען, וועט מען אונדז דאָ אויסבאַהאַלטן... דו וועסט זען... דער טייוול זאָל עס נעמען! מיר מוזן עס מאַכן שנעל און באַלד... ווייל — דער צוג פליט...

זיי האָבן באַטראַכט דעם איינגעדרימלטן עולם און שטיל זיך צוגע-שאַרט צום פענצטערדיקן ווינקל. דאָס קראַטענע פענצטערל איז געווען צו הויך. האָט זיך דערפאַר מאָניעק איינגעבויגן און סעוועק האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף זיין רוקן און עפּעס געגומען שנעל מאַניפּולירן ביי די שטאַכעטלעך. אַ גרילץ האָט אַ וועק געטאָן אַ שלאָפנדיקן דערנעבן. ער האָט אויפגעריסן איין אויג און געזען דעם איין־אויערדיקן, ווי ער מיים-טערט אוים עפּעס... אַ דערשראָקענער האָט ער אַ ברום געטאָן: העי, דו! וואָס מאַכסטו דאָרט?... אָבער מאָניעק האָט אים אַ בריק געטאָן מיט אַ פּוס: דו, ליג איינגעלייגט, אויב דיין פינסטער לעבן איז דיר טייער... באַלד אָבער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ צווייטער, אַ דריטער און אַלע האָבן זיך גענומען אויפזעצן מיט ברייט-אויפגעריסענע אויגן פאַר שרעק. נאָך מיט צוויי טעג צוריק איז מאָניעק געווען דער, וואָס האָט פאַרפּייניקט און געשלאָגן און יעדער האָט פאַר אים געציטערט. איז נאָך מיט אים מיט-געגאַנגען דער שאָטן פון דער נעכטיקער מאַכט אין וועג. האָט יעדער באַ-זונדער געזען און צוגעמאַכט אַן אויג, בכדי נישט צו דאַרפן דער ערשטער צו אַלאַרמירן... ווייל מ'האָט געוווּסט, וואָס עס הייסט צו זיין אויסגע-שטעלט אויף מאָניעקס מעכטיקע פויסטן.

ווען אָבער מ'האָט געזען, אַז דאָ ווערט צוגעגרייט אַזעלכעס, וואָס קען ווערן אַ געפאַר פאַרן גאַנצן וואַגאָן — האָבן אַלע גענומען שרייען אויפאַמאָל: הערט אויף! איר מאַכט אונדז דאָ אַלע אומגליקלעך!... אָבער מאָניעק האָט זיך אויסגעגלייכט, אַרומגענומען דעם גאַנצן וואַגאָן מיט זיינע שטאָלערנע אויגן און גערעמפּט אַרויסגעברילט:

— איר! וואָס ווילט איר? איך זאָל פּגרן גלייך מיט אייך? איך האָב

נאָך צו וואָס צו לעבן! ווער עס וויל — קען באַלד שפּרינגען מיט מיר און זיך ראַטעווען, אויב ער וועט עס קענען. ווער עס וויל נישט — קען דאָ בלייבן... איר מיינט, אַז מען פירט אייך אין אַ פּענסיאָנאַט אוודאי... איך אָבער קען שוין דעם דייטשס גליקן. טאַ האַלט זשע דעם פּרעסער און קוקט צו דאָס גרייטע — ווייל ווער ס'וועט אַ פּיפּס טאָן — דעם דערשטיק איך אויפן אָרט... אַ מינוט איז שטיל געוואָרן. בלויז אַ מיטל־יאָריקער מענטש פון ווינקל האָט זיך צעקאָכט:

— דו, וואָס מיינסטו? ביסט נאָך אין מאַידאַנעק? דו ווילסט אונדז דאָ אומגליקלעך מאַכן? דער מינסטער גערויש וועט אויפוועקן די וואַכלייט און מ'וועט אונדז אַלע דערשיסן, נאָך איידער דער ערשטער וועט מאַכן דעם ערשטן שפּרונג...

אַ קרעפּטיקע פויסט האָט אים איבערגעהאַקט דאָס לשון אינדער־מיטן. אַ שטראָם בלוט האָט גענומען וואַקלדיק לויפן פון דער נאָז. שוין האָט זיך מאַניעקס האַנט ווידער געהויבן אים ווייטער צו דערלאַנגען, אָבער דאָ האָט אים שוין ווער אָנגעכאַפּט פון הינטן. באַלד האָבן זיך גענומען רייסן צו אים הענט פון אַלע זייטן. אַ שטיל צישעריי האָט אויפגעקריצט די ציין פון אַלע ווינקלען: מערדער! וועסט איצט באַצאָלן פאַר אַלע צייטן... ווי דורך אַ ווונדער האָט איצט אויפגעוואַכט יעדער אבר אין אָט די גלייכגילטיק־ליגנדיקע. אַלע האָבן זיך געריסן אַ קלאַפּ צו טאָן, אַ ריס... אַ שטילע פרייד האָט געגלעט דאָס האַרץ: זע נאָר זע, ס'איז נאָך דאָ דער גלוסט צו נקמה!...

אין עטלעכע מינוט אַרום איז מאַניעק געלעגן אַ צעקיילטער און פאַרבלוטיקטער. ער האָט בלויז דורך די ציין אַרויסגעשפּיגן יעדע פאַר מינוט אַ פול מויל מיט רויטן שפּייעכץ, גלייך אויף די ווענט אַרויף; נישט קענענדיק זיך שענקען, וואָס מ'האָט אים, דעם גבור און שלעגער, אַזוי גלייכגעלייגט. ער האָט געשפּירט, אַז דערמיט איז די מורא פאַר אים אויף שטענדיק געבראָכן. אַן אומעט האָט אים אַרומגענומען: וואָס האָט ער שוין דען איצט צו דערוואַרטן? וווהין ער זאָל נישט קומען, וועט ער זיך שוין איצט נישט אַרויסרוקן — פון אַנטלויפן איז שוין אָבער נישטאָ קיין רייד. ווייל ער דערפאַר ראַטעווען זיין לעצט ביסל פּרעסטיזש מיט

דראָאונגען: וואָרט־וואָרט, מיינט נישט, אַז ס׳האָט זיך שוין אַלץ געענ־דיקט. ווען מיר וועלן זיין אויפן אָרט, וועל איך אייך שוין באַווייזן... די פאַראַכטונג אין אַלעמענס אויגן האָט אים אָבער באַלד איינגעשטילט. האָט ער בלויז פאַר זיך שטיל אויסגעשאָלטן אַלע קללות, וואָס ער האָט נאָר געקענט...

אינדרויסן האָט די זון געפירט אַ דערשראָקענעם פאַרנאַכט ביי דער האַנט...

# קאַפּיטל זעקס

## 1

דער צוג האָט זיך גענומען שאַרן פּאַמעלעך. ער האָט זיך גענומען אויסטאַפּן יעדן טריט, וואָס ער האָט געמאַכט מיט די בלינדלעכע, אויסגעלאָשענע אויגן, ווי ער וואָלט דאָ דערשפּירט אַ געפערלעך אָרט. ערגעץ אויף אַ פעלד הינטער ראַדאָם, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. אַ שטימע פון דערווייטנס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די טויבלעכע אויערן פון וואַגאָן: א ו י ס ש ט יי ג ן ! ביי אַלעם האָט זיך דאָס האַרץ אַ וואָרף געטאָן: ש ו י ן ?... דאָס לעבל האָט געוויזן אַ שטיל פעלד מיט אַ רואיק־באחנטער גרינקייט. מ'האָט בלויז געהערט ווי מ'טרייבט אונטער אַ גרופּע מענטשן. וווהין? מסתמא אויף עפּעס אַן אַרבעטס־שטעלע. ווייזט אויס, אַז נישט אַלע פירט מען אין דער זעלבער ריכטונג. דער צוג רירט ווידער פון אָרט און יעדער געווינט צוריק דאָס גלייכגעוויכט. צען מינוט און ווידער אַן אָפּשטעל. אויף דער צווייטער, אַקעגנאיבערדיקער ליניע קערט זיך אום אַ צוג פון עטלעכע וואַגאָנעם אויף צוריק. מ'זעט אַרויס שטיקלעך בליקן פון אויגנשפּאַלטן דורך די פאַרמאַכטע וואַגאָנעס. מ'דערשפּירט גיכער מיטן חוש ווי מיטן בליק: יי ד ן !...

מ'פּרוווט איבערשרייען דאָס זינלאָזע פייפן פון ברוגזן צוג, וואָס האַלט אין איין קרעכצן און לאָזן קנוילן רויך פון זיין קוימענדיקן ציגאַר, וואָס קריכט אַריין דורך אַלע אומגעזעענע שפּאַלטן: העי דאָרט, איר!

פונוואַנעט פּאַרט איר? דער ווינט ווערט מיטהילפיק און ברענגט אונ־טערצוטראָגן צו די שפּאַרעס דעם ענטפער פון אַקעגנאיבער: ל ו ב־ל י ן ... מ א י ד א נ ע ק ... און ווידער קריכן אַדורך עטלעכע ווערטער דורך די קוים־שפּאַלטן:

— ווּהין? ווי אַזוי?

אָבער אַט ווערט שוין דער ווינט מיד פון שפּיל און נעמט גאָר מיט בעם צעטרייבן די ווערטער וואָס ווילן זיך אַדורכרייסן פון איין צוג צום צווייטן. בלויז שטיקלעך ווערטער קענען זיך צושלאָגן ביז די אָנגע־שטעלטע אויערן: ר א ד אָ ם ... ד ר ו ק ע ר יי ...

און אַלע דערמאָנען זיך אין עפּעס:

עס ווייזט זיך דערמיט אַרויס די ריכטיקייט פון די קלאַנגען, וואָס מיר האָבן געהערט נאָך מיט וואָכן צוריק אין מאַידאַנעק. מ׳האָט גע־שמועסט, אַז דער ס. ס. האָט פאַרפעלט קוואַליפיצירטע דרוקער־אַרבע־טער, צוליב דעם איינבאַרופן די דייטשישע אין מיליטער. גאַנץ באַזונ־דער האָט דער גרויסער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט אַרומגענומען וואָס אַמאָל אַלץ גרעסערע שטחים, וועלכע מ׳האָט אין די ירידה־טעג געמוזט באַ־אַרבעטן אויף דער גאַנצער פּאַרע. מ׳האָט דאַן אַפילו אַרויסגעזוכט פון דער לאַגער־קאַרטאָטעק אַלע רעגיסטרירטע דרוקער־פאַכמענער. מען האָט זיי עטלעכע מאָל גערופן, באַטראַכט און נאָכגעפאָרשט, אויף וועלכן גע־ביט יעדער איז ספּעציאַליזירט און וועלכע שפּראַכן ער באַהערשט. מ׳האָט זיי באַקליידט אין גוטע אַנצוגן און אין לעדערנע שיך. מ׳האָט זיך אַפילו געסודעט, אַז מ׳גייט זיי אַוועקפירן אין אַ פאַבריק אַריין, ווו זיי וועלן אַרבעטן, האָבן גוטע באַדינגונגען און קיינער וועט נישט וויסן, אַז זיי זענען יידן. עמעצ האָט שוין אַפילו געהערט, אַז זיי זענען איבערגעשריבן געוואָרן אַלס שלעזישע דייטשן... די פאַרשריבענע זענען אַרומגעגאַנגען אין לאַגער צופרידן און מיט אַ געוויסן שטאָלץ. זייערע לעדער־שיך האָבן געסקריפּעט הויך, ווי זיי וואָלטן גערופן דרך־ארץ צו האָבן פאַר זיך אינמיטן דעם ים פון הילצערנע כאָדאַקעס... יעדן צווייטן טאָג האָט מען זיי אויפסניי גערופן, זיי אויסגעבאָדן און פריש איבערגעטאָן. אַזוי זענען אַוועק וואָכן און מ׳האָט זיי נישט אַוועקגעשיקט. ס׳איז, זעט אויס, שווער

געווען צו נעמען יידישע העפטלינגען און זיי אפן אריינצוזעצן, אפיציעל זיי ארויסצושיקן אין א שטאט פון דעם יידן־ריינעם פוילן צו דרוקעריי־ארבעט ביי דער „הייליקער" נאציאנאל־סאציאליסטישער פראפאגאנדע... איז עס דען נישט קיין בושה: יידישע ארבעטס־כוחות, פון א טויטנלא־גער — אין דער מלוכה־דרוקעריי פון ראדאם?

אבער ווי יעדע „בושה"־דערשיינונג ביי דער ס. ס. — איז עס בלויז געווען לפנים, פרעמדע אויגן זאלן ניט זען, קיינער זאל נישט פארשטיין. האט עס אין לאגער געהייסן, אז זיי פארן נישט מער... און ווען אונדזער טראנספארט איז באשטימט געווארן — האט מען זיי געגומען צוגלייך מיט אונדז, נאטירט אויף דער זעלבער ליסטע און זיי געגעבן דאס זעלבע אנטאן וואס אלעמען. ס'האט געהייסן ביי אלע באאמטע, אז זיי פארן גלייך ווי אלע אין די פאבריקן פון הוגא שניידערס אקציען־געזעלשאפט („ה א ס א ג"). ביי דער ליסטע האט מען זיי בלויז אויסגעשטעלט צו־זאמען און זיי, לויט דער זעלבער ליסטע, קאנצענטרירט צוזאמען אין די לעצטע וואגאנעס. ערשט דא איצט, נאך ראדאם, אויפן פעלד, האט מען אפגעשטעלט דעם צוג, אריבערגעפעקלט זיי שנעל אינעם צוג פון אסעגנ־איבער; צוליב דעזאריענטאציע זיי געטריבן אהין און צוריק און ערשט שפעטער זיי צוריקגעפירט אונטער א שטרענגער באוואכונג צו די מיליי־טערישע נאצי־דרוקערייען קיין ראדאם...

א זיפץ פון קנאה האט זיך ארויסגעריסן ביי א סך פון די הערצער. יענע ווייסן שוין מער־ווייניקער זייער גורל. זיי וועלן ארבעטן אין א שטאט, האבן א מעגלעכקייט זיך צו געפינען אמאל אין גאס, וועלן אפשר נישט הונגערן... און ווער ווייסט? אפשר האבן אמאל די מעגלעכקייט עוקר צו זיין... האט זיך אלעמאל א צווייטער דערמאנט, אז אייגנטלעך האט ער אויך אמאל געהאט א שטיקל אגונג אין דרוקעריי־ארבעטן... און א חרטה האט גענומען פרעסי די הערצער: פארוואס האב איך זיך דאן נישט אויפגעגעבן? ס'איז אבער גארנישט געווען וואס צו מאכן. די צוג־רעדער, וואס האבן זיך געקוילערט אלץ ווייטער און ווייטער, האבן ריט־מיש אויסגעקלאפט, אן אויפהער, מיט א מאנאטאנעם קרעכץ: פארפאלן! פארפאלן!...

## II

דער צוג איז שטיין געבליבן צווישן פעלדער. פון דערווייטנס האָט מען שוין געזען אַ גרופּע באַוואָפנטע מענער אין געלע מונדירן מיט האַקנקרייצן אויף די אָרעמס, וועלכע זענען געשטאַנען און קענטיק עמעצן אָפּגעוואַרט. דער צוג האָט זיך זיי צוגעשאַרט צופוסנס ווי אַ דרעסירטע אונטערטעניקע חיה. די וואַכמאַנשאַפט אין די גרינע מונדירן איז שנעל אַרונטערגעשפּרונגען פון צוג און עפּעס געמאָלדן דעם איינציקן ס. ס.־אָפיציר, וואָס איז געשטאַנען דערביי. מיר האָבן אין אים דערקענט דעם זעלבן, וואָס האָט אונדז איינוואַגאָנירט אין לובלין. עס זענען צוגעקומען עטלעכע פון די געל־מונדירטע און עפּעס געפרעגט דעם אָפיציר. יענער האָט זיי צוריק אָפּגעוועגדט מיט ענערגיש־פאַרניינענדיקע הענט־זשעסטיקולאַציעס. די באַוואָפנטע לייט זענען אָבער ווייטער באַשטאַנען אויף זייערס און מיט די הענט כסדר אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פון די וואַגאָנען. ס׳איז קיין שום ספק נישט, אַז דאָרט וויגט זיך אונדזער גורל. קיינער קען אָבער דאָס מינדסטע נישט טאָן, אים איבערצוּוועגן אָדער ענדערן.

ענדלעך קומט דער אויסגעשריי צום ערשטן וואַגאָן: אַלע שטייגן לאַנגזאַם אַרויס! די טירן פון אַלע וואַגאָנעס האָבן זיך ברייט צעעפנט. ביים ערשטן וואַגאָן האָט זיך שוין פאָרמירט די ערשטע הונדערטשאַפט פון פרויען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אייליק געיעג. מ׳האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען איינער איבערן צווייטן, בכדי אויסצומיידן אַ קלאַפּ פון אַן אונטערטרייבנדיקער קאָלבע. די פאָרמירטע רייען האָט מען אויסגעשטעלט איינע נעבן דער צווייטער, ס׳זאָל פאַרנעמען ווינציקער פּלאַץ. ס׳האָבן אונדז אַרומגערינגלט אַ גרופּע אוקראַיינישע און פּויליש־רעדנדיקע מיליץ. זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט ביקסן און רעוואָלווערן. ביים עק פון אַרבל האָט יעדער געהאַט אַ זילבערנע אויפשריפט מיט גאָטישע אותיות: ווערקשוץ. מיר זענען טאַקע, אַלזאָ, געקומען אין אַ פאַבריק. דאָס זאָל זיין די פאַבריק־מיליץ. גאָר נאָענט האָט זיך דערהערט אַ שאָס. אַ ווייס רויכל האָט זיך אַוועקגעריסן פון אַ וואַגאָן־דעכל און

זווילעריש אריינגעדרייט שטיקלעך פארדויטלטן הימל אין קליינע, משו־נענע קרייזעלעך... א צווייטער שאָס, א דריטער, א זעקסטער...

הארט ביים וואַגאָן איז געשטאַנען אָנגעלענט א יונגער בחור. א שנירל בלוט האָט זיך געצויגן אין א קרומער ליניע פון דער שלייף גלייך אין מויל אריין. איין הילצערנער האָלענדער־שוך האָט זיך געוואַלגערט ביי זיין באָרוויסן פוס. דאָס מויל איז ביי אים געווען אויפגעריסן, ווי ער וואָלט געהאַט א גאַר וואַזשנע שאלה צו פרעגן, נאָר מ'האָט אים זי אי־בערגעריסן אינדערמיטן...

אלע זענען געבליבן פארשטומט. אפילו די מיידלעך־גרופּן, וואָס זע־נען געשטאַנען עטוואָס ווייטער, האָבן נישט געקלאָגט, נאָר באַדויערט מיט טרויעריקע אָבער גלייכגילטיק־אָפּגעטעמפּטע מינעס: אך, ס'אַראַ שיינהייט פון א יונג!... מיט א נייגער, וואָס מאַכט פארגעסן אלע סכנות, האָבן זיך אנדערע געשטופּט פאָראויס און זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן: זעט נאָר, א יונג — ווי א ליכט! שיין ווי גאָלד!!... און ווירקלעך: פון דעם בחור האָט טאַקע געשלאָגן עפּעס א ליכטיקע באַשטראַלונג, גלייך ווי דער טויט אַליין וואָלט אויסגעפלאָכטן אַן אומגעזען־שיינעם קראַנץ און אים דערמיט באַצירט דעם קאָפּ...

ביים דערשאָסענעם האָט זיך נאָך עפּעס געוואָרפן. איין ברעם האָט זיך געריסן אין דער הויך, ווי זי וואָלט נאָך געוואָלט געבן דעם אויסגע־לאָשענעם אויג נאָך איין סעקונדע די זעאונגס־מעגלעכקייט. א דייטשי־שער „ווערקשוץ" האָט אויסגעשאָסן צוויי מאָל פון ביידע זייטן און דער בחור האָט זיך איבערגעדרייט, אריינפאַלנדיק מיטן קאָפּ אין דעם משופּע־געוואַקסענעם גראָז, ביים ראַנד... איז עס געווען א חסד־שאָס? אָדער אפשר האָט ער נישט געוואָלט, אז די מיידלעך זאָלן ווייטער באַוואונדערן דאָס געטאָקטע, אויסגעגלייכטע געשטאַלט פון דערשאָסענעם? פון זיין פאַרגליווערט־רוי פּנים איז גאָרנישט געווען ארויסצולייענען. ער האָט רואיק אָנגעטאָן צוריק די ביקס אויפן אַקסל און זיך צוריקגערוקט אין א זייט.

א צענדליק שריט ווייטער איז געלעגן א דערשאָסן מיידל פון א יאָר אַ כ צ ן. דאָס פּנים ביי איר איז נאָך געווען באַצויגן מיט א רויטלעך

ראָזן פלאַם פון גליקלעך־יונגטלעכן בלוט און מילך קאָליר. גראָד נאָכן טויט האָט אַלדאָס שיינע, וואָס האָט זיך אינעווייניק פאַרבאָרגן, אַרויסגעזעצט און אויסגעשטראַלט זיך, צום געזעגנען, מיט אַלע חנען וואָס האָבן נאָך געוואָרט אין דער שטיל אויף זייער צייט... אומזיסט.. די האָר אירע האָבן אַרומגעזיימט ווי אַ קעלנערל דאָס רויט־באַצייכנטע קליידל אַרום דעם ווייסן האַלדז. די קויל האָט ביי איר געשטעקט אין דער יונגער, שעמעוודיקער ברוסט, וואָס האָט זיך בולט אַדורכגעפּאָרעמט דורך דעם דינעם ק. ל.־קליידל. זי איז געלעגן מיטביידע הענט אויסגעשפּרייט ווי צום קרייציקן. אירע נאַקעטע פיס זענען געווען ברייט צעוואָרפן אין ביידע זייטן און פון הינטער דעם אַרויפגעשאַרטן קליידל האָבן אַרויפגעשריגן צו גאָט שטיקער יונג, נאַקעט לייב...

צוויי ווערקשוץ זענען צוגעגאַנגען נענטער צו איר, האָבן אויף איר צעריסן די אויבערשטע טייל פון איינגעשטייפטן קליידל און מיט נייגעריקע פינגער געפּרוווט אַרויסקוועטשן די קויל פון דער געלעכערטער ברוסט. דער עלטערער פון די וואַכלייט, מיטן גרויליקן קאָפּ, האָט האַלב־פאַרדריסלעך און האַלב מיט באַגער אין טאָן אַ זאָג געטאָן, גיכער צו זיך ווי צו וועמען דאָרט: זי איז דאָך נאָך וואַרעם און יונג... די טייוולס־יידין. אַ הונדערט מעטער ווייטער האָט זיך געזען אַ גרויסער, מיט דראָטן אַרומגעצוימטער פּלאַץ, באַשטעלט מיט באַראַקן. מ'האָט געקענט זען ווי הונדערטער מענטשן ציוויל אָנגעטאָן: מענער און פרויען און וואָר־נישט־ווי קינדער — האָבן זיך געשטויסן צו די דראָטן, וועלנדיק אויף אונדז אַ בליק טאָן פון דערווייטנס. מיר האָבן געגלויבט, אַז דאָס איז אַן אינטערנירונגס־לאַגער פאַר פרעמדע בירגער אָדער עטוואָס ענלעכעס. ס'האָבן זיך דאָרט צעפּאָכעט גריסנדיקע הענט. מ'האָט פון דאָרט עפּעס געשריגן, אַזוי ווי אויף יידיש... הא, זאָלן עס זיין יידן? אַ געטאָ אַזאַ, ווו עס זענען נאָך פאַראַן פרויען מיט די קינדער צוזאַמען? הייסט עס דאָך... אָבער ווער קען דען אין אַזעלכע שעהן דערפירן אַ געדאַנק ביזן סוף...

אָט זעען מיר ווי מאָדנע־מונדירטע מענער מיט שוואַרץ־רויטע היטלען טרייבן אַוועק מיט גומי־שטעקנס די מענטשן פון די דראָטן. באַלד האָט זיך דאָרט אינדערמיט געעפנט אַ מיט דראָטן געפלאָכטענער טויער

און צוויי יינגלעך מיט אַ ברייט טראָג־בעטל האָבן זיך גענומען צולאָזן אין אונזער ריכטונג. זיי האָבן זיך וואַרטלאָז דערנעענטערט צום דערשאָ־סענעם יינגל. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָבן פּופּצן הונדערט מענטשלעכע ווענזנס צוגעקוקט ווי די צוויי האָבן אַרויפגעלייגט דעם דער־שאָסענעם אויף דעם ברייטן טראָג־בעטל. צוליבן צערירן דעם טויטן האָט גענומען פליִיצן פריש בלוט, וואָס האָט אים פאַרגאָסן דאָס גאַנצע פּנים.

מיט אַ שטומער באַוועגונג האָט דער דערנעבן שטייענדיקער וואַכ־מאַן זיי אָנגעוויזן אויפן קערפּער פון ווייטער ליגנדיקן מיידל. די צוויי יינגלעך האָבן זיך אויך צו איר אַזוי וואָרטלאָז צוגענענטערט און זי אַרויפגעלייגט אויפן בעטל, נעבן דעם דערשאָסענעם בחור. די האַנט אירע האָט זיך שלאַבריק נאָכגעהאַנגען פון טראָג־בעטל אַראָפּ. די יינגלעך האָבן די האַנט צוריק אַרויפגעשטופּט אויפן בעטל. זי איז גראָד אויסגעקומען איבער דעם בחורס געלעכערטן קאָפּ... עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי זי וואָלט אים געגלעט דעם קאָפּ און געטרייסט מיט יענעם געהיימען לשון, וואָס בלויז טויטע פאַרשטייען...

דאָס פאַרשוואַרצטע אויסזען פון די יינגלעך מיט די אויסגעדאַרטע שטעקעלעך־פּיס האָט עפּעס געהאַט אין זיך מיסטישס און אָפּשרעקנדיקס. אויף זייערע איינגעפאַלענע פּנימער האָט מען דערקענט דעם יידישן חותם. פון זייערע אָפּגעריסענע בגדים אַרויס, פון וועלכע ס'האָבן זיך נאָכגע־האַנגען צעשיטע צוויטן, האָבן זיי אויסגעזען ווי געשפּענסטער פון אַ צווייטער פרעמדער וועלט, וועלכע זענען געקומען דאָ אָפּמאָנען אַ גע־וויסן חוב פאַר זייער אומבאַקאַנטן, פריידלאָזן תהום...

ערשט ווען די צוויי געשטאַלטן האָבן זיך גענומען דערווייטערן מיט דער טויטער משא, האָבן עטלעכע מיידלעך נאָך געפונען ביי זיך טרערן צו וויינען אויפן קול; בלויז די אַרומשטייענדיקע וואַכליַיט האָבן זיך ווילד צעלאַכט: אַ כאָלערע! אמתע חתן־כלה... כאַ־כאַ־כאַ... דאָס טראָגט מען זיי אַוועק צו זייער הימלישער חתונה — — —

שפּעטער אַביסל האָב איך נאָך געקענט הערן דאָס געשפּרעך זייערס, צווישן זיך ביים „פּאַרדרייען" פון איין טאַבאַק־בייטל אַרויס: פונדעסט־וועגן איז ער געווען אַ יונג מיט ביינער, דער טייוול! און דער צווייטער,

דער שיסער, האָט צוגעגעבן: און זי? די יידישקע? א הינטישע זריעה אַזעלכע... ווייס־פּנימדיקע, שיינינקע מיט שוואַרצינקע האָר... און אויך די אויגן זענען ביי זיי טייוולאַנישע... און אַ שטים אויף פּויליש האָט צוגעגעבן: אין איר מאַמען אַריין! כ'האָב זי בלויז אָנגערירט ביי דער ברוסט האָט זיך מיר דעם קאָפּ פאַרדרייט...

און ווייטער דאָרט, ביי די לעצטע וואַגאָנעס, איז געלעגן א פּאַר־געסענע — א צווייט דערשאָסן מיידל, פון וועמענס קאָפּ ס'איז נאָך גע־רונען וואַרעם, ברוין בלוט, וואָס האָט באַפאַרבט אַרום איר דאָס גראָז. ווידער האָבן זיך צוויי אויסגעדאַרטע געשטאַלטן צו איר דערנענטערט...

## III

די טאַקטיק פון דערשיסן, בכדי אָפּצושרעקן אַנדערע, האָבן מיר שוין געקענט. מען דערשיסט די ערשטע־בעסטע וואָס קומען אונטער דער האַנט, ווען זיי ריכטן זיך דערויף אַמווייניקסטן. דאָס אומגעריכטע וואַרפט אַן א טויט־שרעק אויף די אַנדערע, וואָס פירן שפּעטער אויס, נאָך אַזא בילד אַלץ וואָס מען באַפעלט זיי. און אויך דאָ האָט דאָס בלוט אויף די קרום־ באַגראָזטע באַן -פּלאַנטן געווירקט, אַז יעדער איז געשטאַנען אויף זיין אָרט, אָן דעם מינדסטן פּיפּס צו טאָן דערביי...

ס'זענען צוגעטרעטן צו דער ריי די מונדירטע מענטשן מיט די האַקנקרייצן אויף די אָרעמס (ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זע־נען עס געווען די דייטשע ציוויל־מייסטערס פון דער פאַבריק) און יעדער איינער האָט זיך אויף איינענער האַנט גענומען אַרויסזוכן מענטשן פון דער ריי אַרויס.

צוערשט האָט יעדער זיך געטוליעט איינער צום צווייטן, באַמיט זיך צו זיין וואָס ווינציקער אָנזעעוודיק אין דער ריי: זאָל מען אים נאָר נישט באַמערקן... נישט אויסקלויבן... כאָטש מ'האָט נישט געוווסט צו וואָס... באַלד איז געפאַלן א וואָרט אַזא: דאָ קלויבט מען פאַכלייט! די דאָזיקע וועלן בלייבן אין דעם דערנעבנדיקן לאַגער צו דער־אַרבעט און די אַנדע־רע... די אַנדערע וועט מ'וו פירן ווייטער צום וואַלד־צו, אָט־אָ־דאָרט...

מיט די אויגן האָט מען גענומען אַדורכשפּיזן דעם נאַענטן, געדיכטן וואַלד, ווי מ'וואָלט ביי אים אַ באַשייד געזוכט — אָבער יענער האָט טיף אַריינגעשוויגן אין זיין געדיכטער, גרינער באָרד אַריין... און מ'האָט ביי אים גאָרנישט נישט געקענט דערזען און נישט דערהערן... דאָס גערויש פון דיביימער בלויז האָט געקלונגען ווי אַ שטיל שעפּטשעניש איבער אַ סוד, וואָס בלויז ביימער־זקנים איז עס דערלויבט צו וויסן...

די טויבע אומקלאָרע שרעק האָט זיך איבערגעוואָרפן פון איין רייַ צו דער צווייטער... און דאָרט ווו פּחד — דאָרט איז אויך דאָ פאַרגעסנקייט. שוין האָט מען פאַרגעסן אינעם נאָר וואָס געשעענעם און יעדער איינער פאַר זיך — האָט זיך אַליין איבערגעשריגן. אין יעדן קול אַזאַ איז געלעגן חניפה און הכנעה; געבעט און געבייזער... יאָ, אויך ב אַ פ ע־ל ע ר י ש ם — ווי עס קענען באַפעלן נאָר די פאַרצווייפלטע — האָט זיך אַריינגעפּלאָכטן אין טאָן; אַ באַפעל איבערן אייגענעם ראַנדלאָזן גורל... ס'איז גלייכצייטיק געווען אַ געשריי נאָך רעטונג. דאָס אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן און אויסגעפּלאָכטן אין איין קורץ וואָרט:

— א י ד! מ י ך! א י ד!!! מ י ך!!!

דער ס. ס.־אָפיציר, וואָס איז דאָרט ווייטער געשטאַנען פאַרטאָן אין אַ פאַפּיר, איז אויפגעוועקט געוואָרן פון טומל. ער איז געקומען צולויפן און גענומען אָפּעלירן צו די מונדירטע מענער:

— מיינע הערן! עס קען דאָך נישט גיין אַזוי... די מענטשן האָבן דאָך אַ באַשטימטן ציל, וווהין זיי דאַרפן צוגעשטעלט ווערן? פאַרוואָס מאַכט איר עס יעדער אויף זיין אייגענער האַנט?!

די מייסטערס האָבן אים אָבער גענומען באַרואיקן אין אַן איראָנישן טאָן:

— זיי רואיק, קאַמעראַד... עס בלייבט נאָך גענוג איבער פאַר זייערט־וועגן...

יעדער פון זיי האָט זיך שנעל צוזאַמענגעשטעלט זיין גרופּע און אָוועקגעפירט אַביסל ווייטער אין אַ זייט, בעטנדיק אַ וואַכמאַן, ער זאָל אָפּהיטן זיין „קאָמפּלעט"... קיינער האָט נישט געקענט וויסן, אויב זיין גרופּע איז אַ בעסערע אָדער ערגערע; איינס איז אָבער געווען קלאָר צו

שפירן אין דער לופט, אז צום ערגסטן איז מיט די, וואָס זענען נישט אין קיין גרופּע און בלייבן פאַר דעם אומבאַקאַנטן „זייערטוועגן"...

די איבערגעבליבענע האָט מען דערווייל געהייסן גיין עטלעכע שריט פאַראויס. ביקסן-קאָלבעס האָבן אונטערגעגעבן חשק צום גיין... אָפּגע־שווירענע שאַרבנס האָבן געגומען אַנדראָלן און שטערנס זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. די קלעפּ האָבן די גרופּע צוזאַמענגעטריבן און אויס־געגלייכט. די וואָס האָבן זיך צו-שפּעט גענומען רייסן צו די אָפּגעקלי־בענע, זענען צעבלוטיקט געוואָרן.

ווידער די אַלטע געשיכטע.

— מ אַ ר ש ! עס גייען די מענער פאַראויס און די פרויען ווידער פון הינטן. אקעגן שטייט א גרופּע פון 20 אויסגעקליבענע מענער און פרויען און זיי קוקן פאַרגליווערט צו, ווי די רעשט הייבן אָן דעם מאַרש אין דער ריכטונג צום וואַלד. קרומע שטעגעלעך דערפירן אונדז ביז צו א ברייטן, שטיינערנעם טראַקט, וואָס האָט ווי א גלייכע ליניע אדורכ־געשפּאָלטן דעם וואַלד אינדערמיטן... ווידעראַמאָל האָבן הילצערנע שיך געקלאַפּט אויפן שטיינערנעם וועג. דאַסמאָל אָבער האָבן די קלעפּ זיך אָפּגעגעבן כריפּענדיק, אָן דער ריטמישער האַפּערדיקייט פון נעכטן, ווען די טריט האָבן שטיל געיובלט ביים פאַרלאָזן מאַידאַנעקס טויערן... ביי יעדן קלאַפּ מיט די שיך האָט עפּעס א לופטיקער לץ פון דעם וואַלדס מיפּעניש אַרויס נאָכגעקראָקעט, נישט מיד ווערנדיק נאָכצושפּעטן דעם גאַנצן וועג...

דער טאָג מיט זיינע איבערלעבענישן האָט זיך אַריינגעפּרעסן אין האַרץ מיט דער שפּיזנשאַרף פון ווידעראויפגעוואַכטן יאוש. א טיפע מע־לאַנכאָליע האָט זיך צעפּאַכעט מיט גרויסע, איבערגעשראָקענע אָרעמס איי־בער די קעפּ. ס'איז שוין געווען צו זען, אז דאָ האָט מען זיך גאָרנישט אויסגעבעסערט. די לעצטע, יונגע בלוטן פון אָן אויסגעראַטן פאָלק האָבן איצט געשפּרייזט מיטן באַוווּסטזיין, אז זיי קענען שוין אין ערגעץ נישט אַנטרינען פון זייער פאַטאַלן, טרויעריק-באַשטימטן גורל...

דער וועג האָט זיך געצויגן עטלעכע קילאָמעטער דורך א געדיכטן וואַלד. מ'האָט געמוזט האַלטן שריט אין דער ריי. זענען נישט איינעם די

האַלץ-שיך ארונטערגעפאַלן פון די נאַקעטע פיס און ער האָט נישט גע־קענט זיי לויפן צוריק אויפהייבן; אַנדערע האָבן זיך מיטן הארטן האָלץ אָפּגעריבן דעם נאַקעטן ביין ביים מאַרשירן און געמוזט לאָזן די שיך אויפן וועג, בלייבנדיק באַרוויס. די רעשט האָבן אין עקשנות מיטגע־שלעפּט שלאַבריק די הילצערנע קייטן און גערימן שטיקער פון דער פאַר־נאַכטיק-וואַלדיקער שטילקייט מיט זייער טאַנלאָזן סקריפּ.

א טייל באַרוויסע, וואָס האָבן אין דער ערשטער מינוט דערשפּירט א פאַרלייכטערונג אויף די פיס, ווי זיי וואָלטן זיך באַפרייט פון אַן איינ־קלאַמערונג, האָבן אַגיטירט אין דער שטיל זייערע שכנים פון דער ריי אויך דאָס זעלבע צו טאָן. זיי האָבן דערביי אַ פּשוטן רעכענונג געמאַכט: פירט מען אונדז טויטן — דאַרפן מיר סיי-ווי גאָרנישט... צו וואָס זשע פּייניקן זיך אין די לעצטע מאָמענטן? פירט מען אונדז אָבער צו אַרבעט — וועט מען אונדז דאָך זיכער געבן וואָס עס איז אָנצושטעקן אויף די פיס!... די אָבער, וואָס זענען געווען אַממיינסטן איבערגערעכנט, האָבן גענומען און אַראָפּגעצויגן די האָלץ-שיפלעך פון די פיס און זיי געטראָגן אונטערן אָרעם... מ'קען נישט וויסן — האָבן זיי געזאָגט סודותפול — אויף וואָס מען קען נאָך אַזעלכע כלים באַדאַרפן... בפרט ווען נאָכן אָפּ־גיין די ערשטע קילאָמעטערס האָבן די שטיינער נישט ביי איינעם אָפּ־געברענט די פּיאַטעס פון די פיס...

דער טאָג האָט זיך דערווייל גענומען געזעגענען מיטן וואַלד. די סענ־טימענטאַלע זון האָט זיך גאָרנישט געקענט זאַט אָנקושן מיט די נאָדל־ביימער. ווידער אַמאָל און נאָכאַמאָל האָט זי אַריינגעכאַפּט יעדן בוים באַזונדער אין אירע הייסע אָרעמס, וואָס האָבן שוין איצט געגלעט מיט פאַרגייענדיקער יונג-פרוילעכקייט. און שוין הארט פארן אוועקגיין האָט זי נאָך א ווײַלע אַרויפגעלייגט אירע רויטע פאַרמאַטערטע הענט — א גלעט צו טאָן ס'לעצטע מאָל זייערע צווייגנדיקע טשופּרינעס, ווי זי וואָלט זיך געגרייט אין א וויטן, לאַנגן וועג אַריין און מוז זיך דערפאַר געזעגענען מיט אַלעמען.

פון דערווייטנס האָט זיך געוויזן א גרויסער פירעק אַרומגעצוימט מיט דראָטן. די זון האָט זיך ווי א טרויעריקער מטורף געהאַנגען אויף די

דראָטן און מיטן גערולד פון א שכינה האָט זי געלאָזט די שפּיזיקע, שטע־ביקע דראָט־נעגל אריינשטעכן אין איר ווארעם, גאָלדן לייב. די זונגדן האָבן ארויסגערופן א בלוטונג אין דעם אין־מיליאסן געטיילטן גוף אירן, וואָס האָט זי פארגאָסן מיט א שרעקלעכן רויט. ווי דורך א געהיימער האנט איז זי איבערגעשמידט געוואָרן אין א גרויס, בלוטיק אויג, וואָס האָט זיך מיט צאָרן און צער ארונטערגעלאָזט זען דאָס צווייטע פּנים פון דער וועלט.

און ס'איז געווען א טאָג און פארגאנגען. פאר די אויגן האָבן גענו־מען אויפטאַנצן פון דער וואלדיקער געדיכטעניש ארויס בנינים און באַ־ראקן, וואָס האָבן זיך באהאלטן ווי שרעקעוודיקע קינדער אונטער די מעכ־טיקע ביימער־שטאַמען. בלויז ווען די טונקלקייט האָט זיך גענומען אויס־בעטן א געלעגער אויף די ווייכע גרעזער, האָבן זיי אונדז גענומען אקעגנ־גיין, באגלייט מיט דער אָנרוקנדיקער מלוכה פון דער פארשלינגענדיקער נאכט.

# דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

**יעקב באַטאַשאַנסקי** שרייבט וועגן ד״ר הלל זיידמאַנס „טאָג בוך פון וואַרשעווער געטאָ" („די פּרעסע", בוענאָס-איירעס, דעם 11טן יוני 1947):




מיט ציטער אין אַלע אברים און אין האַרצן האָב איך דאָס דאָזיקע בוך גענומען אין די הענט אַריין, מיט ציטער האָב איך דאָס געלייענט, מיט ציטער האָב איך דאָס אַוועקגע־לייגט און מיט ציטער שרייב איך איצטער וועגן דעם... און דאָס ער־שטע וואָרט, וואָס קומט מיר איצטער אָן צו אָנשרייבן איז:

דעם „תנ״ך" האָט נישט געקענט שאַפן קיין אַנדער פאָלק, אויסער יידן און אַזאַ בוך ווי דר. הלל זייד־מאַנס „טאָג־בוך פון געטאָ" האָט אויך געקענט אָנשרייבן נאָר אַ ייד...

מיר איז אויסגעקומען צו לייענען פראַגמענטן פון זיידמאַנס בוך אין פאַרשידענע יידישע אויסגאַבן פון דער גאַנצער וועלט, איך האָב דאָס בוך געלייענט טיילווייז אויך אין דער העברעאישער אויסגאַבע פון פאַרלאַג „אומה ומולדת" אין תל-אביב און פונדעסטוועגן בין איך דערצו נישט צוגעוווינט געוואָרן און מיך האָט נישט אויפגעהערט פיבע־רן, ווען איך האָב דאָס געלייענט אין דער געטרייער אויסגאַבע פון צענ־טראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן. דאָס דאָזיקע בוך איז דאָס פופצנטע פון דער סעריע „דאָס פוילישע יידנ־טום", וואָס דערשיינט אונטער מאַרק טורקאָווס רעדאַקציע און האָט אַב־

רהם מיטלבערג אלס פארלאג־דירעק־טאָר און עס איז דער וויכטיקסטער דאָקומענט וועגן דער ווארשעווער געטאָ זייט איר אנטשטייאונג ביז איר הייליק־העראָאישן אומקום.

ד״ר הלל זיידמאן איז געוואָרן ארכיוו דירעקטאָר אין דער ווארשע־ווער קהילה אין 1937 און ער איז דערנאָך געוואָרן ארכיוו דירעקטאָר פון דער געטאָ-קהילה און ער האָט פערזענלעך איבערגעלעבט די לאנג־זאמע און סיסטעמאטישע און קאלט־מערדעריש אויסגערעכנטע דייטשע אויסראָטונג פון דעם האלבן מיליאָן יידן, וואָס זענען געוועז אין ווער־שעווער געטאָ און ער האָט דאָס פארצייכנט טאָג-איין, טאָג־אויס אין זיין טאָג־בוך און זיינע פארצייכע־נונגען זענען די אויטענטישסטע דאָ־קומענטן וועגן דעם, וואָס ס׳איז פאָר־געקומען אין דער מוראדיקסטער פון די שחיטה־שטעט.

ד״ר הלל זיידמאן ווידמעט זיין טאָג־בוך דעם אָנדענק פון זיינע נאָ־ענטע, וואָס זענען אומגעקומען דורך די דייטשן אין לעמבערג און זיי זע־נען נישט־ווייניקער ווי זיין פאָטער, זיינע צוויי ברידער, דריי שוועסטער (צוויי „בית יעקב״ לערערינס), זיין כלה און צוויי פעטערס מיט די מש־פחות...

אויפן ערשטן בליק דערפילט מען א געוויסע ענלעכקייט פון זיידמאנס טאָג־בוך צו ר׳ נתן נטע האנאָווערס בוך וועגן די גאַנטע-כמעלניצקי־מער־דערייען פון דעם יאָר ת״ח, וואָס הייסט „יון מצולה״ (לאָמיר זאָגן: א טיפער זומפ...), אָבער דער פארגלייך צווישן אָט די ביידע ביכער וועגן אונדזער מארטיראָלאָגיע איז נישט קיין ריכטיקער, ווייל דער חילוק צווישן כמעלניצקים האָרדעס און היטלערס „טרופן״ איז א גרויסער. כמעלניצקים האָרדעס האָבן געוויל־דעוועט, היטלערס באנדעס האָבן דאָס געמאכט „ציוויליזירט״. זיי האָבן „סעלעקציאָנירט״ און אוועק־געשיקט און אומגעבראכט האָט מען אין א פארמאכטער גאז־קאמער... גע־זען האָט מען אייגנטלעך נישט מער ווי מען שיקט אויף רעכטס און אויף לינקס און געוואוסט האָט מען, אז די דאָזיקע, וואָס גייען אויף לינקס וועלן שוין קיינמאָל נישט צוריקקו־מען. און אָט אזוי האָט מען פון די פינף הונדערט טויזנט אָפגעשיקט פיר הונדערט פופציק טויזנט אויף לינקס און די פופציק טויזנט, וואָס זענען געבליבן, האָבן שוין געוווסט, אז זיי וועלן נישט בלייבן און זיי האָבן שוין נישט, וואָס צו פארלירן און זיי האָבן דורכגעפירט דעם אויפ־שטאַנד, דעם פארצווייפלטסטן אויפ־שטאַנד אין דער יידישער און טאקע אין דער מענטשלעכער געשיכטע...

ד״ר הלל זיידמאן שרייבט אזוי אָביעקטיוו ווי ווייט דאָס איז נאָר מעגלעך און ער באציט זיך מיט מער ווי טאָלעראַנץ אויך צו די דאָזיקע, וואָס זענען אים אידעאיש ווייט. ער איז, ווייזט אויס, א „מזרחי״ און ער האָט געוויסע סימפאטיעס צו די רע־וויזיאָניסטן, אָבער ער מאכט נישט קיין חילוק צווישן ייד און ייד. שנאה ווייזט ער ארויס צו די אסימיליא־טאָרס, די אריסטאָקראטן, וואָס זע־נען געוואָרן הויכע פּאָליציי-באאַמ־טע און האָבן געהאט צו הילף ייד־־

שע אונטערוועלטניקעס. „אויבן" און
אונטן האָט זיך פאראייניקט צו
דורכפירן פאררעטערישע ארבעט און
ציען דערפון צייטווייליקע נוצן פאר
דער אייגענער פעל. ער באַציט זיך
אומגעהויער טאָלעראנט צו די בונ־
דיסטן און ער רעדט אויך מיט סימ־
פאטיע צו זיי און עס מאכט דעם
איינדרוק, אז ער לעבט אינאיינעם
מיט זיי איבער די אנטוישונג זייערע
אין די פוילישע חברים זייערע, די
פּ. פּ. סאָוועס, וואָס האָבן א סך
צוגעזאָגט הילף די יידן פאר זייער
אויפשטאַנד און קיין וואָרט נישט
געהאלטן און אין די מערסטע פאלן
האָבן זיי נישט צוגעזאָגט אויך. איי־
נער פון זיי האָט געהאט „מוט" מו־
דה צו זיין, אז מ'קען נישט העלפן די
יידן, ווייל מען וועט דערמיט ארויס־
רופן אומצופרידנקייט ביי די פוילי־
שע מאסן, וואָס זענען קעגן יידן...

הלל זיידמאנס בוך איז די גרעס־
טע באשולדיקונג קעגן די פוילישע
מאסן, וואָס האָבן נישט נאָר צוגע־
קוקט רואיק ווי מען האָט אויסגע־
ראָטן די יידן, נאָר זיי האָבן זייער
שטאַרק געהאָלפן צו דעם און צוליב
די עקלהאפטסטע אינסטינקטן פון
פארדינסט. די פוילישע מאסן, אלט
און יונג, קינד און קייט האָבן גע־
האנדלט מיט יידישע לעבנס. זיי
האָבן שאנטאזשירט די יידן, וואָס
האָבן זיך אויסבאהאלטן אויף דער
ארישער זייט און צוגענומען ביי זיי
ביז דעם לעצטן גראָשן און ווען זיי
האָבן שוין נישט געהאט קיין געלט,
האָבן זיי זיי איבערגעגעבן **די דייט־**
**שן**... זיידמאנס בוך איז די גרעס־
טע באשולדיקונג קעגן דער לאַנדאָ־
נער פוילישער רעגירונג, וואָס האָט
נישט גענומען אויף זיך קיין שום
אחריות פאר אירע יידישע בירגער.
עס האָט געמאכט דעם איינדרוק, אז
די פּאָליאקן זענען צופרידן, וואָס די
דייטשן „לייזן" אויף זייער אופן דאָס
יידישע פּראָבלעם אין פוילן... און
אויך קעגן דער גאנצער וועלט איז
זיידמאַנס בוך א באשולדיקונג. די
אָנפירער פון דער וועלט, וואָס זע־
נען געווען אין קריג מיט היטלערן,
האָבן געקענט ראטעווען די יידן,
ווען זיי וואָלטן דאָס געוואָלט מיט
דעם גאנצן הארצן... יידן האָבן זיך
אויסגעטראכט, אז טשוירטשיל האָט
דערקלערט די יידן אלס ענגלישע
בירגער און דערקלערט די דייטשן,
אז זיי וועלן זיין פאראנטוואָרטלעך
פאר זיי. דאָס איז געווען די רעטונג
פאנטאזיע פון די אומקומענדיקע...

ד"ר הלל זיידמאן איז, ווי געזאָגט,
א רעליגיעזער ייד און די נישט-רע־
ליגיעזע האָט ער געזען פון ווייטן.
אים האָט א מענדעלע, א פּרץ, אָדער
א שלום עליכם אָוונט, וואָס יידישע
שרייבער און קולטור טוער האָבן
איינגעאָרדנט אין געטאָ, געלאָזט
קאלט, ווייל ער האָט צו דעם נישט
קיין באציאונג, אָבער די באגייס־
טערונג פון די שרייבער האָט ביי
אים ארויסגערופן באגייסטערונג. צו־
ליב זיין אויסלעבן זיך אין דער רע־
ליגיעזער וועלט ווייזט אונדז הלל
זיידמאַן סוים. קוים די וועלטלעכע
יידן פון פוילן און זייערע פירער און
שרייבער. מיר וואָלטן זיך געוואָלט
דערוויסן עפּעס מער וועגן ישראל
שטערן און נאָך אנדערע יידישע
שרייבער, אָבער ווען עס קומט צו זיי,

איז ער קארג אויף א וואָרט. זיין וועלט איז די רבנישע, וואָס איז אויף דעם שוידערלעכסטן אופן אומגעקומען און וואָס האָט זיך געהאַלטן גרויס און הייליק. און אויב ער באַשרייבט אזא דורכאויס נישט רעליגיעזן און אָט א שטייגער דער היסטאָריקער ד"ר יצחק שיפּער, איז דאָס אַן אויסנאַם. הלל צייטלין קומט ביי אים ארויס נישט ווי דער שרייבער, נאָר ווי דער מקובל, וואָס לערנט „זוהר" און וואָס גייט אוועק מיטן „זוהר" צום „אומשלאַג" (צו דער באַן־סטאַציע, וואָס האָט געפירט צום אומקום). די גרויסקייט פון די רבנים מאַכט דעם איינדרוק פון עכטקייט. דער מחבר באַשרייבט זיי, אַזוי ווי זיי זענען געווען. גרויס און הייליק זענען די מערסטע פון זיי געווען אין זייער לערנען און אין זייער פאַרטיפן זיך אין דער תורה און אין זייער שרייבן ווערק וועגן דער גרויסקייט פון דער תורה און זיי האָבן געהאַט שכל הישר. ז י י ז ע נ ע ן אפשר געווען — אויסער די רעוויזיאָניסטן — די ערשטע רעבעלן קעגן דעם אונטערגעבן זיך דעם דייטש אויף א געהאַרכזאַמען און דיסציפּלינירטן אופן. און פאַקטיש זענען די רבנים געווען די הויפּט־אַנפירער פון אויפשטאַנד און זיי האָבן געשאָסן און זיי האָבן געוואָרפן גראַנאַטן און פלעשער מיט אַנגעצונדענעם ברען־שטאָף. הלל זיידמאַן דערציילט א רירנדיקן עפּיזאָד וועגן די לעצטע דריי רבנים, וואָס זענען געבליבן לעבן. דאָס זענען געווען ר' מנחם זעמבא, ר' שמשון שטאָקהאַמער און ר' דוד שפּירא. קאַטוילישע גלחים האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער אוקראַיינישער מעטראָפּאָליט פון לעמבערג שעפּטיצקי באַהאַלט אויס די משפּחות פון רבנים, האָבן זיי אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו באַהאַלטן ביי זיך עטלעכע לעבנגעבליבענע וואַרשעווער רבנים. די רבנים זענען צונויפגעקומען אויף א באַראַטונג און דער יינגסטער פון די דריי רבנים, דוד שפּירא, האָט אויסגעבראָכן אין א יאָמערלעכן געוויין און ער האָט אויסגערופן: „ניין! מיר וועלן אונדזער קהילה נישט פאַרלאָזן. מיר האָבן געלעבט צוזאַמען, איז אויב ס'איז באַשערט אומצוקומען, וועלן מיר אומקומען צוזאַמען מיט אונדזער עדה". די אַנדערע רבנים האָבן אַפילו נישט געוואָלט באַטראַכטן דעם רעטונג־פאָרשלאַג און זיי האָבן געזאָגט: „אויב ס'איז דער ווילן פון דער השגחה, וועלן מיר שטאַרבן צוזאַמען!"

און כאָטש דאָס איז געווען א סוד, איז דאָס אָנגעקומען צו די משפּחות פון די רבנים און ס'איז געקומען צו טראַגישע סצענעס. די רבנים שטאָקהאַמער און שפּירא זענען געווען יונגע מענטשן און זיי האָבן געהאַט צו פיר קליינע קינדער. אויך הרב זעמבאַ האָט געהאַט ביי זיך פיר קינדער און אייניקלעך. די פרויען זענען געפאַלן חלשות, די קינדער האָבן געיאָמערט, אָבער די רבנים האָבן זיך געהאַלטן אין זייער באַשלוס... און דער רב זעמבאַ איז געפאַלן אין אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, ר' שמשון שטאָקהאַמער איז פאַרגומען געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער און בעת דער עוואַקואַציע איז

זיין טראַנספּאָרט באָמבאַרדירט געוואָרן און ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן און ער איז נפטר געוואָרן און איז געקומען צו קבורה צוויי טעג איידער די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט דעם לאַגער באַפרייט. הרב שפּירא געפינט זיך אין בודזין, ער איז דער איינציקער מיטגליד פון וואַרשעווער ראַבינאַט, וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן! דער פאַקט, וואָס נאָר איין מיטגליד פון אָט דעם ראַבינאַט האָט זיך געראַטעוועט, וועט פאַרבלייבן אין אונדזער געשיכטע גרויס און הייליק...

הלל זיידמאַן זוכט נישט קיינעם צו מאַכן הייליק. ער שילדערט ווי יעדער איינער האָט זיך געהאַט זיין דראַנג צו בלייבן לעבן. ער ווייזט נישט קיין מאָמענטן פון באַזונדערן מסירת נפש פון איינעם פאַר דעם צווייטן, אָבער אַלע אינאיינעם קומען אַרויס פול מיט אחריות און קיינער האָט נישט געוואָלט אָפּנאַרן און באַעוולען דעם צווייטן. ווען עס איז געווען נייטיק, האָט מען נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן אָרים און רייך און אַלע האָבן זיך געטיילט גלייך, בכדי די רעטונג-מעגלעכקייט זאָל זיין גלייך. קיין זעלבסטמאָרדן זענען כמעט נישט פאָרגעקומען. טשערניאַקאָוו האָט זיך גענומען דאָס לעבן נישט אויס פאַרצווייפלונג, נאָר ווייל ער האָט נישט געוואָלט אויסליפערן דעם שונא קיין לעבעדיקע נפשות. און ווען אייניקע האָבן זיך געראַטעוועט, זענען זיי קיינמאָל פריילעך נישט געוואָרן. זיי האָבן געוווּסט, אַז אַנדערע זענען אומגעקומען און זיי האָבן אויף דעם געטרויערט. אַלע האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען און זעלטן ווען איינער איז געווען דורכאויס אָפּטימיסטיש וועגן זיין אייגן לעבן, אָבער וועגן לעבן פון יידישן פאָלק זענען כמעט אַלע געווען אָפּטימיסטן. דער גרעסטער אָפּטימיסט איז אין דעם פרט געווען דער היסטאָריקער יצחק שיפּער, וואָס האָט דערצו נאָך אַרויסגעוויזן אָפּטימיזם וועגן לעבן פון די יחידים און וועגן זיין אייגענעם לעבן און ער האָט נאָך געהאָפּט צו קריגן אַ קאַטעדרע אין ירושלימער אוניווערזיטעט.

די סערטיפיקאַטן, וואָס זענען אָנגעקומען פאַר ארץ־ישראל און די פּעסער, וואָס זענען אָנגעקומען פון דרום אַמעריקע, האָבן געראַטעוועט אַ טייל נפשות. דווקא די פּעסער פון די לענדער, וואָס האָבן דערקלערט קריג דייטשלאַנד, זענען מער רעספּעקטירט געוואָרן ווי די פּעסער פון די לענדער, וואָס האָבן זיך פאַרהאַלטן נייטראַל. אַזוי אַרום האָט אַ פּאַראַגווייער פּאַס געהאַט מער ווערט ווי אַן אַרגענטינער. און די „פּאַראַגווייער בירגער" האָבן צומאָל נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ שפּראַך מען רעדט אין אָט דעם לאַנד און ווי אַזוי עס הייסט איר הויפּטשטאָט. זיידמאַן רעדט מיט סאַרקאַזם וועגן דער מעכטיקייט פון פּאַראַגוויי, וואָס אירם אַ וואָרט ווערט רעספּעקטירט. יידן זענען פאַר דער מלחמה געווען זעכצן מיליאָן, פּאַראַגווייער זענען פאַראַן אַריבער אַ מיליאָן, די פּאַראַגווייער האָבן דער וועלט נישט געגעבן קיין ביבל, אָבער זיי האָבן אַ לאַנד מיט אַ מלוכה...

דעם אויפשטאַנד פון ווארשעווער געטאָ באשרייבט הלל זיידמאַן שוין נישט ווי קיין „עד ראיה", נאָר לויט באַגלויבטע עדות, וואָס האָבן אליין געזען, איבערגעלעבט און דערציילט. ער איז געווען נאָר בעת דעם אָנהויב אויפשטאַנד, דערנאָך איז ער ארויסגעשיקט געוואָרן קיין פראַנקרייך. מען פילט, אז ער האָט געשריבן מיט גרויס אחריות און ער האָט זיך געהיט מיט א וואָרט און דער אויפשטאַנד וואַקסט אויס צו א גרויסער געשעעניש פון זיינע קאַרגע ווערטער, א געשעעניש, וואָס וועט אייביק באַזונגען ווערן פון דיכטער און וועגן וועלכער מען וועט לערנען אין די שולן. אין די נאָרד־אמעריקאַנער און פוילישע יידישע אויסגאַבן ווערן איצטער פארעפנטלעכט אויטענטישע איבערלעבונגען פון די געציילטע געראַטעוועטע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אויפשטאַנד. פון אַלע מאַטעריאַלן וועט געשאַפן ווערן די פולע געשיכטע פון אויפשטאַנד, אָבער די פאָרם פאַר אָט דער געשיכטע האָט שוין זיידמאַן געשאַפן.

דער מחבר פון איינציקן טאָג־בוך פון ווארשעווער געטאָ בלייבט כסדר אָביעקטיוו. ווען ער גיט אָן די פאַרשידענע מאָטיוון פאַר דעם, וואָס מען האָט דעם אויפשטאַנד נישט געמאַכט, ווען עס איז געווען א האַלבער מיליאָן יידן אין ווארשע, גיט ער אויך אָן דעם מאָטיוו, אז יעדער איינער האָט געהאָפט, אז אפשר וועט ער זיך ראַטעווען. עס האָט געפעלט נישט נאָר מלחמה־דערציאונג, נאָר צוגעגרייטקייט צו באַגרייפן די נויטווענדיקייט פון מלחמה, דורך וועלכער מ'קען, אויב זיך נישט ראַטעווען, איז כאָטש אומקומען אזוי, אז ס'זאָל דעם שונא אויך קאָסטן לעבנס... דער מחבר ברענגט א בריוו פון רמב"ם צו די חכמים פון מאַרסעל (חכמי מרשיליאָ), אז די יידישע מלוכה איז חרוב געוואָרן און דער גלות איז פאַרלענגערט געוואָרן צוליב דער זינד פון אונדזערע פעטערס, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט קוקן אויף די שטערן און זיי האָבן זיך מיליטעריש נישט צוגעגרייט. איצטער, רעטראָספּעקטיוו, דערפילט מען, אז יידן האָבן צו שפּעט אָנגעהויבן די אויפשטאַנדן...

...און ווען איך האָב דאָס בוך אַוועקגעלייגט, האָב איך דערפילט, אז דאָס איז א בוך, וואָס וועט אריין אינגאַנצן אזוי ווי עס איז אין דער יידישער געשיכטע און ווען די מענטשהייט וואָלט געהאַט מוט, וואָלט זי אויך געדאַרפט אריינגעמען דאָס מערסטע פון הלל זיידמאַנס בוך אין איר געשיכטע. דאָס איז א בוך, וואָס דאַרף לערנען די גאַנצע מענטשהייט מער נישט צו זיין אזוי ווי זי איז געווען אין די יאָרן 1939־1945 און עס דאַרף אונדז יידן לערנען מער נישט צו זיין אזוי ווי מיר זענען געווען ביז איצטער...

**שמואל ראָזשאַנסקי** פארעפנטלעכט צוויי ארטיקלען וועגן ז. סעגאלאָוויטשעס „טלאמאצקע 13" („די יידישע צייטונג", בוענאָס-איירעס, דעם 12טן און 13טן יאנואר 1947):




אויף יעדן זייטל פון ז. סעגאלאָוויטשעס נייעם בוך „טלאמאצקע 13" ליגט דער שטעמפּל פון דער טראַגעדיע פון פּוילישן יידנטום. די טראַגעדיע פון „נישטאָ".

דאָס איז א רירנדיק בוך. דער סענטימענטאלער סעגאלאָוויטש האָט אויפן אדרעס פון יידישן ליטעראַטן-און זשורנאליסטן-פאראיין אין ווארשע אָנגעשריבן די סענטימענטאלסטע בלעטער פון זיין פּראָזע. דאָס איז נישט בלויז דער סענטימענט פון א דיכטער. עס איז דער סענטימענט פון א פארליבטן זון אין ווארשע, אין פוילן און אין דער שעפערישקייט פון יידישן לעבן.

דער טיטל פון בוך — „טלאמאצקע 13" — איז איינגנטלעך אן איינלאדונג צו זכרונות און געשיכטע. מ'דערוואַרט שילדערונגען פון דעם יידישן שרייבער-צענטער אין ווארשע — ווען ווארשע איז געשטאנען אין צענטער פון דער יידישער שעפערישער וועלט. סעגאלאָוויטש איז אָבער אזוי גערירט פון זיינע זכרונות וועגן דעם ליטעראטן-און זשורנאליסטן-פאראיין, וועלכער האָט זיך געפונען אין ווארשע אין משך פון צענדליקער יאָרן אויף דער גאס טלאָמאצקע נומער 13, אז ער קען זיך נישט באנוגענען בלויז מיט דעם, וואָס איז געווען, וואָס ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, וואָס ער האָט אליין איבערגעלעבט. יעדן מאָל, וואָס ער דערמאָנט זיך מענטשן און פּאסירונגען פון יענעם וועלטל, דערמאָנט ער זיך אין יענער וועלט... ער קען נישט דערמאָנען די ליכטיקע מינוטן פון יענע יאָרן, נישט דערמאָנענדיק (זיך און דעם לייענער) ווי פינצטער עס איז איצטער. פרייענדיק זיך מיטן אמאָל, וויינט ער אויפן איצט. נאָך יעדן שמייכל קומט א זיפץ. גלייך ווי ער שילדערט מאָמענטן פון גליקזעליקייט פון אמאָליקן „טלאמאצקע 13" קען ער זיך נישט באהערשן פון לאָזן א טרער און זאָגן קדיש...

עס איז א בוך, וואָס דערפרייט און צעברעכט דאָס הארץ.

„טלאָמאצקי 13" איז נישט בלויז

דער אדרעס פון דער יידישער שרייבער-וועלט, נאָר אויך דער אדרעס פון דעם פוילישן יידן בכלל. דורך „טלאָמאצקע 13" זעט מען נישט בלויז די סביבה פון די יידישע זשורנאַליסטן און ליטעראַטן, שוישפּילער און מוזיקער, מאָלער און קולטור־מענטשן, נאָר אויך דעם הינטערגרונט, אויף וועלכן עס איז אויפגעבויט געוואָרן די יידישע וואָרט־קונסט.

די קינסטלער דערשיינען ביי סעגאַלאָוויטשן עפּיזאָדיש, פראַגמענטאַריש, אָבער די יידישע מאסע דערשיינט אין „טלאָמאצקע" א גאַנצע, א פעסטע, אן איינהייטלעכע אין איר פאַרשידנקייט, א האַרמאָנישע אין איר דיסהאַרמאָניע. סעגאַלאָוויטש זינגט אין טלאָמאצקע 13 א לויב־געזאנג צו דער יידישער מאַסע און איבערהויפּט צו דער יידישער יוגנט אין פוילן, וואָס האָט באַגייסטערט מיט איר דאָרשט צום וויסן, צום גייסטיקן אויסלעבן זיך, פון וואָס עס איז געקומען א יראת־הכבוד פאַר אַלע, וועלכע האָבן מער געקענט, האָבן ארויסגעוויזן טאַלאַנט, קענטעניש, לומדות, קינסטלערישן חוש און דראַנג צו געפינען נייע ווערטן.

ווי אינטערעסאַנט ז. סעגאַלאָוויטש שילדערט „די בודע" — די היים פון די יידישע קינסטלער און זייערע מקורבים אויף טלאָמאצקע 13 — איז אָבער א סך וויכטיקער, ריכטיקער, טיפער און פאַרכאַפּנדיקער „די פּראָווינץ" מיט איר גאַנצער נאַאיוויטעט אין וועלכער ס׳איז געווען א סך קדושה, די דאָזיקע ראָמאַנטיק, פון וועלכער עס האָט זיך אָנגעטרונקען דאָס יידישע לעבן אויף דער גאַנצער וועלט. ווו געפינט מען היינט אזא תמימות ווי ס׳איז געווען אין די קליינע שטעטלעך און גרויסע שטעט אין פוילן, ווו לומדים און ווילגעלערנטע יידלעך האָבן אין זייער באַשיידנקייט אָן אויפהער געזוכט ביי וועמען צו געניסן און נאָך לערנען? „די אויגן פון הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך אין פוילן — שרייבט סעגאַלאָוויטש — האָבן שטענדיק געקוקט צו וואַרשע, צו דער יידישער וואַרשע... די יידישע צייטונגען זענען פאַר די שטעטלשע יידן געווען פיל מער ווי צייטונגען... שוץ, טרייסט און אָנווייזונג האָט מען פאַרלאַנגט פון דער יידישער פּרעסע" (זייט 53).

אויף וויפל די באַציאונג פון די יידן אין פוילן צו זייער געדרוקטן וואָרט איז נישט געווען קיין פּראָוויקט פון פוילן, נאָר פון די יידן, זעען מיר דורך איינעם פון א סך כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן, וואָס סעגאַלאָוויטש ברענגט (טיילמאָל: דרך־אגב). אין א שטעטל, למשל, איז דעם פּאָליציי־שעף געוואָרן אויפפאַלנדיק, וואָס יידן האַלטן אין איין איינאָרדענען רעפעראַטן. האָט ער צו זיך געררופן דעם פּרעלעגענט, אויף אויסצופאָרשן, צי עס האַנדלט זיך נישט אין „קראַמאַלע" און אז דער שרייבער האָט אים דערקלערט, אז ער וועט רעפערירן וועגן יידישער ליטעראַטור, האָט דער אָדון צו אים אזוי געזאָגט: „מערקווירדיק, מיר, פּאָליאַקן, האָבן אויך א ליטעראַטור, מיר האָבן באַוווסטע שרייבער און איך זע נישט, אז זיי זאָלן לויפן אין די שטעטלעך מיט רעפעראַטן, אפילו קיין איינער קומט נישט" (זייט 54).

די פּאָליאַקן האָבן נישט פאַרשטאַ־

צעון די יידן. אפילו אזא פראמינענ־
טער פוילישער שריפטשטעלער ווי
לעפאפאלד סטאף האט זיך נישט גע־
שעמט צו זאגן: „אכט הונדערט יאר
זענען מיר צוזאמען, און וואס? מיר
זעען א ספינקס און א קאפאטע מיט
א באָרד" (זייט 44). און אזוי האבן
גערעדט וועגן יידן אנדערע פוילישע
שריפטשטעלער, צו וועלכע די אונ־
זעריקע זענען געגאנגען נאך הילף,
סאָלידאריטעט און צוזאמענארבעט
לשם הומאניזם. די אייגנארטיקייט
פון פוילישן יידנטום איז געקומען אי
פון אינסטינקט, אי פון באוווסטזיין.
סעגאלאָוויטש מאָלט די עקשנות
ספעציעל דורך די חסידים. מיט הער־
לעכער כאראקטעריסטיק ווייזט ער
זיי אונדז אינעם קאפיטל „ווארשע".
די אויסגעלאכטע „קאפאטשיאזשעס"
שטעלט ער זיי דאָ פאָר פאר אזעלכע
שטאָלצע, אז מיר דערזעען אין זיי
דעם אָפגלאנץ (אויב נישט דעם ני־
צוץ) פון רביים, רבנים און גאונים.
זיי האבן זיך נישט געוואָלט אָנטאָן
ווי די גויים — זיי האבן אליין גע־
וואָלט אומעטום פארבלייבן דורך און
דורך ווי זיי זענען, יידיש. און אז
מ'האָט ארויסגעקוקט דורך די פענצ־
טער פון יידישן ליטעראטן־און זשור־
נאליסטן פאראיין אויף טלאָמאצקע
13, האָט מען שטענדיק געזען שווי־
מען „א שטראָם פון יענע יידן, וועל־
כע זענען שוין איצט נישטאָ". (78).

דער „דאָ" און דער „נישטאָ"
פּאָרט זיך כסדר אין סעגאלאָוויטשעס
זכרונות. דאָס רייסט טייל מאָל אי־
בער דעם פאָדים פון דער דערציי־
לונג און שילדערונג. דער היינט פאר־
טרעט דעם נעכטן און דורך די טרע־
רן ווערט אלץ נעפּלדיק... סעגאלאָ־
וויטש וויל אָבער נישט זיין קיין גע־
שיכטע־שרייבער, אים אינטערעסירט
אָנצוצינדן געפילן און געדאנקען, הן
לגבי עבר, הן פאר דער קעגנווארט.
אין „טלאמאצקע 13" שווימען ארויס
א סך וויכטיקע געדאנקען זייט ביי
זייט אָדער דורך די בילדער און עפּי־
זאָדן, געדאנקען וועגן דער יידישער
ליטעראטור און וועגן יידישער שעפע־
רישקייט בכלל. דאָס בוך האָט דער־
פאר גאָר א באזונדערע באדייטונג.

ז. סעגאלאָוויטש איז אויפן פעלד
פון געדאנק נישט געווען פארפיק־
סירט אין ביכער. דורך זיינע ביכער,
לידער, נאָוועלן און ראָמאנען האָט
ער געקראָגן א שם דווקא דערפאר,
ווייל ער האָט געזוכט וואָס ווייניקער
צו „באשווערן" מיט געדאנקען.
לייכטקייט איז א סגולה צו פּאָפּולא־
ריטעט. אפשר איז די גרויסע פּאָפּו־
לאריטעט געווען די סיבה, וואָס סע־
גאלאָוויטש איז נישט דערשאצט גע־
וואָרן פון דער קריטיק...

די פּאָעמעס, וואָס סעגאלאָוויטש
האָט געשריבן אין די לעצטע יאָרן,
„א בוים פון פוילן", „נישטאָ" און
אנדערע, האָבן אנטפּלעקט אן אנדע־
רן סעגאלאָוויטש אין דער פּאָעזיע.
אזוי איז „טלאָמאצקע 13" א ווערק,
וואָס ווייזט אונדז אן אנדערן סעגא־
לאָוויטש אין פּראָזע. אונדזער דיכ־
טער האָט אין זיין נייער היים, אין
ארץ־ישראל, זיך פארטיפט אין פּראָ־
בלעמען פון לעבן און שאפן פּראָב־
לעמען — אין שאָטן פון חורבן.

פאָרשטעלנדיק טלאָמאצקע 13,
שטעלט סעגאלאָוויטש פאָר דעם באָ־
דן, פון וועלכן די היים פון די יידי־
שע שרייבער איז ארויסגעוואקסן.

פארוואס האט דאס אין ווארשע יאָ געקענט אויסוואקסן, בעת אין אנדערע ישובים איז אזא צענטער נישט געשאפן געוואָרן? דאָס איז געווען דערפאר, ווייל „דאָרטן" האט מען געקוקט אויף אלע דערשיינונגען פון יידישן לעבן ווי אויף טיילן פון איין זאך. קעגנער האָבן געפילט, אז דאָס יידישע וואָרט פארבינדט אלע צדדים אינעם יידיש לעבן, וועלכע האלטן יידיש ווי דעם אויסדרוק פון דער קאָלעקטיווער און יחידישער שעפערישקייט. טלאָמאצקע 13 איז געווען דאָס „יידיש־לאנד" אין מיניאטור. שונאים זענען דאָרט געווען שכנים. פונקט ווי מ'אנטלויפט נישט פון א לאנד, ווייל בשכנות געפינען זיך אנדערש־דענקענדיקע, אזוי איז מען נישט אנטלאָפן פון ליטעראטן־און זשורנאליסטן־פאראיין אין ווארשע, ווי־באלד מ'איז געווען קעגנעריש אָדער פיינטלעך צו דעם אָדער יענעם קינסטלער. דאָרט זענען געקומען נישט בלויז שרייבער, שוישפילער, מאָלער און קולטור־פירער, נאָר אויך פארערער: פאר יעדן איינעם איז געווען א שטול. „א סך מער ווי טויזנט אונטערנעמונגען האָט דער פאראיין דורכגעפירט פאר זיינע צוואנציק יאָר (זייט 105). דאָ, האָט מען געפילט, איז מען געשיצט פון שמענדריקיזם (ווי סעגאלאָוויטש רופט אָן ווילנעריש די קריכערישע אסימילאציע). דאָ האָט מען געמעגט זיין יידיש — אָט־אזוי אמת־דיק ווי מ'איז געווען, אָן פאָזע, נישט פוצנדיק זיך פאר קיינעם. דאָ האָט אויך נישט געהאָלפן קיין אָנשטעל...

סעגאלאָוויטש דערמאָנט הונדערטער שריפטשטעלער, זשורנאליסטן, טעאטער־מענטשן; א סך כאראקטערס דיזירט ער מיט עטלעכע שטריכן, פארבייגייענדיק, אגב - אורחאדיק; אָבער עטלעכע שילדערט ער ברייט, ספעציעל אין קאפיטל „דריי", שלום אַש, נאָמבערגן און ווייסענבערגן. פון גאנצן בוך זעט מען נישט אזוי קלאָר ארויס דעם מחבר גופא, סעגאלאָוויטשן, ווי מ'זעט־ארויס פון די פאָר זייטלעך שלום אַש. דאָ צעשפילט זיך סעגאלאָוויטשעס ווילן צו ווייזן דורך די דריי גרויסע שריפטשטעלער דעם איינציקן וועג — פון טלאָמאצקע 13. נישט דער אדרעס איז א בלאט אין דער געשיכטע פון דעם יידישן וואָרט, נאָר טלאָמאצקע 13 האָט געמאכט געשיכטע אין דער יידישער ליטעראטור און פרעסע. אפילו די, וואָס האָבן גאליק בארעדט טלאָמאצקע 13, אויך גערכילותט און געכאפט א טענצל, האָבן אונטער דעם זעלביקן דאך זיך אינספירירט צו מאכן פארמעסטונגען אין און לטובת דעם יידישן וואָרט. פרץ מארקיש, מלך ראוויטש און אורי צבי גרינבערג, ווען זיי האָבן צוזאמען געשטורעמט די יידישע ליטעראטור, האָבן זייערע פלענער אויסגעוועבט אויף טלאָמאצקע 13, אין דעם זעלביקן הויז, ווו עס האָבן זיך געפונען עטלעכע טריט פון זיי די גרעסטע „שונאים" זייערע, נאָמבערג און סעגאלאָוויטש...

טלאָמאצקע 13, וואָס ז. סעגאלאָוויטש שילדערט איצט אזוי רירנדיק אין זיין בוך, איז נישט בלויז א וויכטיקער אדרעס פאר דער געשיכטע פון אונדזער וואָרט, נאָר האָט טאקע געמאכט געשיכטע — — —

## 2

**ווער עס גלויבט, אז פּאַרטייאישע**
„קריסטאַליזירונג" מאַכט ליכטיק
אונדזער לעבן און ברייטערט־אויס
זיינע האָריזאָנטן, נאָר ז. סעגאַלאָ־
וויטש איז איבערצייגט, אז דורך דעם
מין „קריסטאַליזירונג" איז אונדזער
לעבן גאָר פאַרטונקלט און זיינע האָ־
ריזאָנטן זענען גאָר פאַרשמעלערט
געוואָרן. ער ברענגט פאַר אַן עדות
„טלאָמאַצקע 13".

אזוי לאַנג — ווייזט אונדז סעגאַ־
לאָוויטש — ווי מען האָט אין דעם
באַרימטסטן צענטער פון יידישער
ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק גע־
האַלטן פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך,
אז שרייבער דאַרפן צוזאַמענהויזן
אַפילו ווען זיי געהערן צו פאַרשידע־
נע לאַגערן, האָט טלאָמאַצקע 13 עק־
זיסטירט און געהאַלטן צו זיך צוגע־
בונדן אַלע שרייבער; ווען קעגנער
האָבן אָבער גענומען באַנוצן „שלאָ־
גנדיקע" באַווייזן, כדי צו אימפּאָנירן
זייערע מיינונגען און באַשלאָסן צו
באַזייטיקן קעגנער, איז די היים פון
די יידישע שרייבער אין וואַרשע צע־
בראָכן געוואָרן — נאָך איידער היט־
לער האָט זי אינגאַנצן אונטערגעצונ־
דן.

דער פּרינציפּ פון אַלייִדישקייט
און טאָלעראַנץ ווערט, אזוי אַרום,
גלאָריפיצירט אין סעגאַלאָוויטשעס
„טלאָמאַצקע 13". איר האָט דאָ אַ
בילד פון ברייטהאַרציקער פרייהייט
— „באָהעמישע פרייהייט". יעדער
איינער האָט געפילט, אז אין תוך גע־
נומען דאַרף ער זיך נישט רעכענען
מיטן אַנדערן. „דריי הונדערט מיט־
גלידער — דערציילט סעגאַלאָוויטש
**— האָט דער פאַראיין געהאַט און**
**איין פאָרזיצער; אין אמתן אָבער זע־**
נען געווען דריי הונדערט פאָרזיצער
און איין מיטגליד" (זייט 19). פון
דעם פלעגן טיילמאָל אַרויסקומען
נישט קיין שיינע פערזענלעכע זשעס־
טן און האַנדלונגען, אָבער אין כלל
גענומען האָט מען די עוולות גיך א־
ראָפּגעשלונגען. מען האָט אַפילו א־
ראָפּגעשלונגען די זידלערייען, מיט
וועלכע שרייבער האָבן „אָפּגעצאָלט"
אויף געזעגענונגס־באַנקעטן, וואָס
„טלאָמאַצקע 13" האָט פאַר זיי איינ־
געאָרדנט, איבערהויפּט האָט זיך עס
געהאַנדלט, ווען שרייבער האָבן באַ־
דאַרפט באַזוכן ראַטנפאַרבאַנד און זיי
האָבן געוואָלט דעמאָנסטרירן, אז זיי
געהערן נישט צום „געמויזעכץ" (ב'
זינגער און משה קולבאַק). סעגאַלאָ־
וויטש דערציילט אָבער, אז מ'האָט
פאַרשוויגן דאָס אָפּזידלען: טלאָמאַצ־
קע 13 האָט פאַרשטאַנען „די מילדע־
רנדיקע אומשטענדן" און געזוכט אַ
זכות... עס איז בייגעשטאַנען דער
זכות פון יידישן וואָרט דאָרטן, ווו
די אַטמאָספערע האָט באַדאַרפט זיין
אַלעמענס און נישט פון איין קרייזל,
ווינקל, אַ מין „פריוואַט־אייגנטום".

ז. סעגאַלאָוויטש וויל ווייזן דעם
דרך־המלך פון יידישן וואָרט, דעם
ברייטן שליאַך, אויף וועלכן עס גייט
דאָס גאַנצע פאָלק, אונטער פאַרשי־
דענע פענער. זיין גרויסקייט שיינט
אויף אין די דעמאָנסטראַציעס פון
סאָלידאַריטעט. יידן אין וואַרשע האָ־
בן געוווסט ווי צו זיין קאַוואַלירן אין
קריג. אָט הערט, אדרבה, ווי אזוי עס
האָבן זיך באַהאַנדלט לאַגערן, וועל־
כע האָבן זיך ביטער באַקעמפט. די

„אגודה" האָט נישט געהאַט וואו צו דרוקן איר „אידיש טאָגבלאַט", האָט זי געבעטן ביי דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג", אז די פרומע אויסגאבע זאָל קענען געדרוקט ווערן אין דער אפּיקורסישער דרוקעריי. ווי לאנג, מיינט איר, האָט געדויערט די פארהאנדלונג? „אין פינף מינוט איז די טראַנזאקציע געמאכט געוואָרן און דער חבר נח, נח פּאָרטנאָי, דער פירער פון „בונד", האָט זיי געווונטשן מזל מיט דעם טראַדיציאָנעלן „גאָט זאָל העלפן" (זייט 102). דאָס האָט אָבער נישט געמיינט, אז די אָרטאָדאָקסישע צייטונג האָט נישט געטאָרט מער אטאקירן די בונדיסטן. ווען די אָרטאָדאָקסן האָבן געפרעגט, צי מען וועט זיי נישט שטערן צו פּאָלעמיזירן מיט די אפּיקורסים, האָט דער פירער פון בונד זיי גלייך געענטפערט: „קלאפּט וויפל עס גייט אריין"...

א סך ליכטיקע מאָמענטן ברענגט סעגאלאָוויטש ארויס, מאָמענטן, וואָס ווירקן אויפן לייענער ווי זונען־שטראַלן... אזא מאָמענט איז געווען דער באשלוס פון אלע יידישע צייטונגען אָפּצודרוקן א פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן דעם טויט־אורטייל פון פּוילישן געריכט איבער דעם יידן באַסקעליעוויטש, וועלכער האָט דערהרגעט א פּוילישן זעלנער אין בריסק. אזא רעזאָלוציע איז געווען געפערלעך און האָט געקענט פירן צו שליסן אלע יידישע צייטונגען אין פּוילן, נאָר „אלע זענען באוווסטזיניק אויף דעם געגאנגען און ריזיקירט צו ברענגען א קרבן די גאנצע פּרעסע אונדזערע פאר עטלעכע ווירדיקע ווערטער" (זייט 103).

יידישע ווירדע שטראַלט ארויס פון סעגאלאָוויטשעס בוך „טלאָמאצקע 13" — דאָס איז די ווירדע פון דעם יידישן וואָרט אין פּוילן.

אין דער דאָזיקער אטמאָספערע פון ווירדע איז מעגלעך געווען, אז אפּילו דער פּרימיטיווער און בלאָמינקער דיכטער הערשעלע — „א קליין הערשעלע לייענט פון א קליין ביכעלע קליינע שורהלעך" (זייט 17) — זאָל בעת ער איז איינער אליין געווען אויף דער עסטראדע און תמימותדיק אויסגעפּרווט, צי ער וואָלט געקענט רעדן פאר אן עולם, אימפּראָוויזירן אויף אזא אופן: „אָרימקייט איז רייכער פאר דער רייכקייט... די אָרימקייט מאָלט שיינע בילדער, די רייכע קויפן די בילדער, כדי צו פארדעקן זייער פּוסטקייט... די אָרימקייט זינגט... די רייכע גייען אין קאָנצערטן־זאל און באצאָלן עטלעכע גילדן פאר געזאנג. אליין האָבן זיי גאָרנישט. זיי מוזן אלץ קויפן..." (זייט 162).

אין דער אטמאָספערע פון יידישן וואָרט, וואָס האָט געשפּרודלט מיט שעפערישקייט, האָט אפּילו דער נעבעכדיקער הערשעלע אריינגעבראַכט יום־טובדיקייט אין דער געזעלשאַפט. עס איז דערפאר גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס „דער נאָמען פון אסתר־רחל קאמינסקי האָט אין פּוילן געקלונגען ווי א מוזיקאלישע שורה" (זייט 108). דורך אָן א שיעור שטרויכלונגען איז די יידישע שעפערישקייט ארויסגעקומען, סוף־כל־סוף,

בשלום. כאָטש „דאָס יידישע טעאטער און די גאנצע יידישע ליטעראטור האָט שטענדיק גוטע „אָנהויבן" און דערציט קיינמאָל נישט ביזן סוף" און „די גאנצע יידישע קולטור באשטייט בלויז פון אָנהייבן", פון דעסט וועגן מוזן אלע אָנערקענען, אז „איין זאך איז ביי אונדז מער ווי אן אָנהייב: דער ווילן צו שאפן פאר יעדן פרייז און אין אלע באדינגונגען". און סעגאלאָוויטש מאכט א ווונדערלעכן אויספיר: „א מאָדנע זאך מיט אונדזער טייערן יידיש: עס גייט בסדר אונטער און מאכט א לעבן פון אונטערגאנג..." (זייט 111).

ז. סעגאלאָוויטש שילדערט אין „טלאָמאצקע 13" זייט ביי זייט מיט אלע באָהעמישע טיפן, קוריאָזע סצענעס, קאָנפליקטן, רכילותניקעס, פוסטעפאסטניקעס, צוזאמענשטויסן און סקאנדאלן, אָן א שיעור דערהויבענע מאָמענטן פון דער ווארשעווער יידישער אומשטארביקער גרויסקייט און די דאָזיקע גרויסקייט און דערהויבנקייט שיינט-ארויס פון א סך בלעטער. דער פאטעפאָן און דער טאנץ האָט טאקע אויך פארכאפט פראָמינענטע שריפטשטעלער (ווי ה. ד. נאָמבערג), אָבער צווישן די ליבהאָבער פון פאטעפאָן זענען געווען הייסע פארטיידיקער פון דער יידישער ווירדע און פון דער חשיבות פון יידישן וואָרט. דער ראָמאנטישער שלום אש מיט זיין גאנצן וועלט־רום און ווונדערלעכע קאריערע אויף די פעלדער פון דער וועלט־ליטעראטור ווערט אין „טלאָמאצקע 13" אוועקגעשטעלט אויף די קני פאר נאָמבערגן, וועלכער איז פון געטאָ קיינמאָל נישט ארויס, אָבער ביי וועמען אש האָט זיך געבעטן ווי א קינד, אז ער זאָל זיך מיט אים איבערבעטן... (זייט 140).

סעגאלאָוויטש דערציילט א סך אנעקדאָטן וועגן קינסטלער און קינצלער, וועגן „פאטריאָטן" און פרויען, וועלכע ברענגען אריין געמיטלעכקייט און צערטלעכקייט, ראָמאנטישקייט און סודותדיקייט אין דער באָהעמישער סביבה, אָבער אפילו דער אנעקדאָט און וויץ ווערט דאָ נישט געבראכט גלאט אזוי ווי טשיקאווער לייען-שטאָף, נאָר ווי א כאראקטעריסטיק פון דער סביבה, ווו דאָס יידישע וואָרט האָט געשאפן אן אטמאָספערע פון שעפערישקייט און פרייד, צומאָל פרייד דורך טרויער...

ז. סעגאלאָוויטשעס „טלאָמאצקע 13" דרינגט אריין אין הארץ און אין געדאנק מיט אזא ליבשאפט, אז דער לייענער וועט א סך בלעטער פון דעם ווערק קיינמאָל נישט קענען פארגעסן — — —